STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04881

FUN A KAPITALISTISHER TSU A SOVETISHER AMERIKE

Earl Browder

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Floyd & Robin Denison
in memory of
Irving Denison & Louis Kratenstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערל בראָודער

פון אַ קאַפּיטאַליסטישער צו אַ סאָוועטישער אַמעריקע

אינהאַלט:

זייט

דער וואוקס פון הונגער, פאַשיזם און די געפאַר פון
אַן אימפעריאַליסטישער מלחמה 7
דער אויפשוואונג פון מאַסן־קאַמפן און די אַרבעט
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי 19
רעזולטאַטן פון נייעם דיל 22
נייע סטרייק־כוואַליע און די נייע טריט אין פאַשי־
זאַציע 29
די קאַמפן פון די פאַרמער און באַוועגונגען פון אַ
געמישטן קלאַסן־כאַראַקטער 40
דער קאַמף פאַר נעגער־רעכט 44
באָלשעוויסטישע טעאָריע איז נויטיג פאַר טעגלעכע
קאַמפן 48
די פּאַרטיי מוז געווינען די יוגנט 53
פּראָבלעמען פון דעם קאַמף פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט 55
די באַלדיגע פאָדערונגען און רעוואָלוציע 62
„לינקער״ סאָציאַל־פאַשיזם און זיין ראָל 73
פּראָגרעס אין באָלשעוויזירן די קאָמפּאַרטיי . . . 79
ביישפּילן פון גוטער שאַפּ־אַרבעט 84
אונזערע קאָנטראָל־אויפגאַבן 94
די פאַרשיידנשפּראַכיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס . . . 97
וועגן לערנען די קונסט פון זעלבסט־קריטיק . . . 100
שלום־רעדע 106

אַרויסגעגעבן פון דער אידישער ביוראָ
ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער
קאָמוניסטישער פאַרטיי
יוני, 1934
טיראַזש 5,000

FREIHIET BOOK STORE
50 East 13th Street
New York, N. Y. 209

א פראגראם פון אקציע

באריכט פון חבר אוירל בראודער פארן צענטראל־קאמיטעט צו דעם 8טן נאציאנאלן צוזאמענפאר פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין די פאראייניקטע שטאטן

חברים:

אונזער אכטער צוזאמענפאר איז פארזאמלט אין א צייט ווען די קאפיטאליסטישע וועלט דערנענטערט זיך צו א נייעם אויפרוס. יעדער טאג, יעדער מאנאט קאן אונז ברייננגען די ערשטע נייס, אז דער יאפאנעזישער אימפעריאליזם האט אנגעהויבן זיין לאנג־צוגעגרייטן איבערפאל אפן סאוועטן־פארבאנד. צו יעדער צייט קאן דער משוגע'נער, וואס האלט איצט די מאכט אין דייטשלאנד, זיך נעמען פאר דער ווילדער אוואנטורע פון אנטי־סאוועטישער אינטערווענץ, וואס איז דער ווינקעלשטיין פון זיין פאליטיק, אדער קאן אנצינדן דעם פולווער, וואס וועט אויפרייסן די גאנצע סיסטעם פון אייראפייאישע באציאונגען. ווער קאן זאגן ווען די מלוכות, וואס זיינען איצט פארנומען אינם גיגאנטישן ים־מאכט־געיעג, וועלן לויז לאזן זייערע ים־כחות צוליב דער מורא פון א מלוכה, אז זי וועט פארבלייבן הינטערשטעליק אין דעם געיעג? ווער קאן פאראויסזאגן ווען די אנגעצויגענע ליניעס פון קלאסן־קאמף, אין איינעם פון א טוץ לענדער, וועט זיך אנצינדן, צוליב א „קליינעם" אינצידענט, אזא ווי ס'איז למשל געוועזן דער סטאוויסקי־שווינדל, די פלאמען פון א רעוואלוציאנערן בירגער־קריג?

די וועלט שטייט אפן שוועל פון רעוואלוציעס און מלחמות. דאס איז די פרוכט פון מער ווי פיר יאר נאך־קאפיטאליסטישן קריזיס, וואס האט צו זיך ניט קיין גליכן. אט דער פעריאד פאלט זיך כמעט צוזאמען מיט דעם פעריאד צווישן אונזער זיבעטן און אכטן נאציאנאלן צוזאמענפאר. אין פארלויף פון אט דעם פעריאד האט די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט כסדר געהאלטן אין איין פאנאנדערפאלן זיך.

דער קריזיס האָט דורכגעדרונגען און אונטערגעגראָבן די אינדוסטריע און אַגריקולטור אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן און קאָלאָניאַלן לאַנד; ער האָט צערודערט די געלט און קרעדיט־באַציאונגען פון דער גאַנצער וועלט. אַפילו די פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס זיינען נאָך אַלץ די שטאַרקסטע פעסטונג פון דעם וועלט־קאַפּיטאַליזם, האָבן פאַרלאָרן יעדן אָנדייט אַף „אויסנאַמלעכקייט" („עקסעפּשיאָנאַליזם"); דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם שטייט אינגאַנצן אַנטפּלעקט קעגן דעם געוויטער פון דעם קריזיס־שטורעם, און פאַרהעלטניסמעסיק רעדנדיק, פאַרצייכנט ער זיינע טיפסטע פאָלגן. די עקאָנאָמישע פאַרלוסטן צוליב דעם קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַליין זיינען שוין באַלד נאָענט צו די ציפערן פון דעם סך־הכל פאַרלוסטן אין דער וועלט־מלחמה.

אַ גרויסער אויפשוואונג פון קלאַסן־קאַמף האָט אַרומגעכאַפּט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט. אַ כוואַליע פון פרייהייט־קאַמפן פאַרפלייצט די קאָלאָניעס און די אונטערדריקטע נאַציעס. אין שפּאַניע איז אַרונטערגעוואָרפן געוואָרן די פאַשיסטישע דיקטאַטור און עס זאַמלען זיך די כחות פון אַ סאָוועטן־רעוואָלוציע. אין קובא האָט אַ רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אַרויסגעטריבן דעם בלוטיקן טי־אַן מאַטשאַדאָ. אַ גענעראַל־סטרייק האָט פאַרפלייצט פראַנקרייך און האָט אַרומגענומען די הויפּט־טיילן פון דער אַרבעטער־קלאַס. אין דייטשלאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די הויכע כוואַליע פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע נאָר צייטווייליק, דורך דעם וואָס די בורזשואַזיע האָט לויז־געלאָזן די פאַשיסטישע בלוט־הינט, דעם סאַמע אָפּפאַל פון די משוגעים־הייזער און פון דער פאַרברעכערישער אונטערוועלט, קעגן די דייטשע מאַסן. אין עסטרייך האָט דער געבליץ פון דעם העלדישן באַריקאַדן־קאַמף פון די פאַראַטענע עסטרייכישע אַרבעטער אויפגעדעקט פאַר אַ ווײַלע דעם אונטערגאַנג, וואָס עס ווערט צוגעגרייט פאַרן קאַפּיטאַליזם אונטער דעם צודעק פון פאַשיזם, מיט וועלכן די בורזשואַזיע זוכט צו פאַרלעשן די פלאַמען פון דער רעוואָלוציע. אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן די קאַפּיטאַליסטן געענטפערט אַף דעם אויפשוואונג פון דעם מאַסן־ווידערשטאַנד צו דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָליטיק פון פאַרהונגערן די מאַסן, אַ פּאָליטיק, וואָס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אונטער דעם דעמאַגאָגישן מאַנטל פון רוזוועלטס „נייעם דיל", — מיט מאַשין־ביקסן אין אַמברידזש;

מיט פאַרגרעסן די בודזשעט־הוצאות אַף פּאָליציי און מי־ליטער; דורך פאַשיסטישע צוגרייטונגען פון דעם קריגס־דעפּאַרטמענט, וואָס האָט פאַרנומען די סטראַטעגישע פּונק־טען אין דער עקאָנאָמישער סיסטעם; דורך אינקאָרפּאָרירן די א.פ.אָ.ל.־פירערשאַפט אין דער רעגירונגס־מאַשינעריע; מיט דעם „נייעם קורס" פון געצוואונגענער אַרביטראַציע און מיט דער לעגאַליזירונג פון די קאָמפּאַניע־יוניאָנס, וואָס זייַנען „געטשאַרטערט" געוואָרן פון רוזוועלטן אין דעם אויטאָ־מאָביל־אויסגלייך און אין דעם וואַגנער „אַרבעטער־ביל": אַ כוואַליע פון שאָוויניזם ווערט אויפגעהויבן דורך דער קאַפּי־טאַליסטישער פּרעסע און שטאַטסלייט, וואָס האָט צו זיך קיין פאַרגלייך ניט אין שלום־צייט. דער פאַשיזם הייבט אויף זיין מיאוס'ן קאָפּ אַלץ פרעכער און פרעכער יעדן טאָג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די פאַרגוואַלטיקונג פון כינע דורך דעם יאַפּאַנעזישן אימ־פּעריאַליזם; די מלחמות אין לאַטיין־אַמעריקע, אין וועלכע דער אַמעריקאַנער און דער בריטישער אימפּעריאַליזם נעמען זיך שליכטן זייערע חשבונות — אָט־דאָס אַלץ זייַנען נאָר געווען די ערשטע רינגען אין דער קייט פון קאַפּיטאַליסטישע מלחמות, וואָס ווערן איצט אויסגעשמידט דורך די קלעפּ פון דעם קריזיס. דער פאַשיסטישער אויפשוואונג אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך האָט נאָך מער צעשמעטערט די נאָך־מלחמה־סיסטעם פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. די אימפּעריאַ־ליסטישע מלוכות באַוואָפּענען זיך פון קאָפּ ביז די פיס. זיי מאַכן פאַרצווייפלטע פאַרזוכן צו קומען צו אַ פאַרשטענדי־קונג, אַז דער נעקסטער אַנטשיידנסטער שריט אין דער באַ־וואָפנטער איבערטיילונג מיט דער וועלט זאָל זיין אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַריינרייסונג אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די מלחמה־בודזשעטן שיסן אַרויף אין דער הויך מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס קאָן זיך נאָר גלייכן מיט דער שנעלקייט פון דער ירידה אין די לעבנס־סטאַנדאַרדס פון די מאַסן.

אין דער זעלביקער צייט באַוועגט זיך דער סאָוועטן־פאַר־באַנד, דאָס לאַנד וואו דער זיגרייכער אַרבעטער־קלאַס בויט דעם סאָציאַליזם, אין אַ פּונקט פאַרקערטער ריכטונג ווי די פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. בעת די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט געליטן פון עקאָנאָמישן פּאַראַליז, האָט דער סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, אַ היסטאָריש־צוריקגעשטאַנען לאַנד, אַ שפּרונג געטאָן פאָראויס און פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין

אייראָפּע און דעם צווייטן פּלאַץ אין דער וועלט נאָך די פאַר־אייניקטע שטאַטן. בעת די לעבנס־סטאַנדאַרדס אין דער קאַ־פּיטאַליסטישער וועלט זיינען קאַטאַסטראָפאַל אַראָפּגעפאַלן פון פערציק ביז זעכציק פּראָצענט, זיינען זיי אַרויפגעשפּרונ־גען אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד מער ווי אויף הונדערט פּראָ־צענט. בעת די קאַפּיטאַליסטישע פּאָליטיק ווערט אָנגעווענדט מיט דער גאַנצער ענערגיע צו פאַרקלענערן די פּראָדוקציע אין דער צייט וואָס עס זיינען פאַראַן אַזויפיל מיליאָנען פאַר־הונגערטע און פאַראָרעמטע אַרבעטער און פאַרמער, האָבן זיך אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד די פּראָדוציר־כחות פאַרטאָפּלט אין פיר מאָל; אַ האַלבער קאָנטינענט פון 52 נאַציעס מיט אַ באַפעלקערונג פון 165 מיליאָן ווערט אויפגעהויבן פון שפּל־דיקער אָרעמקייט צו מאַטעריעלן וואוילזיין און צו אַ רייכן קולטורעלן לעבן. בעת די קאַפּיטאַליסטישע וועלט יאָגט זיך פיבעריש צו מלחמה, דערשיינט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלץ מער און מער ווי אַ פעסטונג פון וועלט־שלום. עס איז קלאָר, אַז די וועלט איז צעטיילט אין צוויי אָרדענונגען, וואָס באַ־וועגן זיך אין צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען.

אָט די וועלט־סיטואַציע האָט באַשריבן דער גענעראַל־שטאַב פון אונזער וועלט־פאַרטיי, דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם קאָמינטערן, ווי אַ סיטואַציע „וואָס דערנענטערט זיך זייער נאָענט צו אַ נייעם ציקל פון רעוואָלוציעס און מלחמות״. אין אָט־דער סיטואַציע זיינען מיר קאָמוניסטן פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן פאַרזאַמלט אויסצולייגן אונזער וויטערדיקן קורס פאַר דעם נעקסטן פּעריאָד, צוצוגרייטן אונזערע קרעפטן פאַר דער נעקסטער גרויסער אויפגאַבע, צו געווינען די מאַיאָ־ריטעט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער און זייערע שותפים פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן אויסוועג פונם קריזיס, פאַר דעם אומ־קאָמפּראָמיסלעכן קאַמף פאַר באַלדיקע עקאָנאָמישע און פּאָ־ליטישע נויטן, פאַר דער אומוואַרפונג פון קאַפּיטאַליזם און פאַרן אויפבויען אַ נייע סאָציאַליסטישע אָרדענונג דורך אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־רעגירונג.

דער וואוקס פון הונגער, פאַשיזם און די געפאַר פון אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה.

דער עקאָנאָמישער קריזיס איז שוין איצט אין זיין פינפטן יאָר. ער האָט געדויערט אַ סך לענגער ווי וועלכער עס איז

פריערדיקער קריזיס. ער איז געווען פיל ווייט־גרייכנדיקער און פארניכטנדיקער. דאס איז דערפאר, ווייל ער איז אנט־שטאנען אין דעם סאמע מיטן פון דעם אלגעמיינעם קריזיס אין דער גאנצער קאפיטאליסטישער ארדענונג. די כאראקטע־ריסטישע שטריכן דערפון זיינען:

א) דער קריזיס האט אנגעגריפן יעדן קאפיטאליסטישן און קאלאניאלן לאנד.

ב) ער איז אריינגעדרונגען אין יעדער פאזע פון דער עקאנאמיק, אינדוסטריע, אגריקולטור, האנדל, קרעדיט, געלט און שטאט־פינאנסן.

ג) דער קריזיס אליין האט געבראכט צו א פארגרעסער־טער קאנצענטראציע און צענטראליזאציע פון קאפי־טאל, מיט א נאכפאלגנדיקער אינטענסיפיצירונג אין דער אר־בעט, וואס איז געווען א גרונט־אורזאכע פאר דער ביישפיל־לאזער טיפקייט פון דעם קריזיס.

ד) אין דער זעלביקער צייט האט ער אראפגעזעצט די טעכנישע הויך פון דער אגריקולטור דורך דעם, וואס ער האט געצוואונגען צו פארבייטן מאשין־ארבעט מיט האנט־ארבעט, מעכאנישע קראפט מיט פערד־ און מענטשן־קראפט, וואס האט נאך מער פארשארפט דעם ווידערשפרוך צווישן שטאט און דארף.

ה) דער הויפט־שטריך פון איבערפראדוקציע ליגט אין דעם, וואס זי איז אמשארפסטן אין דעם געביט פון דער שווע־רער אינדוסטריע, וואס איז א סך גרעסער ווי די קאפאציטעט פון דער קאפיטאליסטיש־באגרענעצטער געזעלשאפט צו בא־נוצן זיך מיט איר אין דער פולער מאס, און אף אזא אופן האט זי פארשלאסן די טירן פאר אן אויפלעבונג דורך גרויסע נייע קאפיטאל־אינוועסטירונגען.

ו) די ריזיקע מאנאפאליעס, וואס זיינען ווייטער פאר־שטארקט געווארן אין דער צייט פון קריזיס (דורך דער נ.ר.א., קאודס, א. אז. וו.), האלטן אן זייערע ריזיקע פראפיטן אפן חשבון פון דער איבעריקער ווירשאפט, פארקלענערנדיק די קויף־קראפט פון די מאסן, שטערנדיק די פארברויכונג פון די אנגעזאמלטע סחורה־לאגערן.

ז) דער קריזיס איז געקומען אין א פעריאד, ווען די אימפעריאליסטישע מלוכות האבן שוין צעטיילט די וועלט צווישן זיך, ווען עס זיינען שוין מער ניטא קיין פלעצער וואו אויסצושפרייטן זיך, סיידן אף דעם חשבון פון

אַן אַנדער לאַנד (אָדער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד), און ווען די אומגלייכע אַנטוויקלונג פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות מאַכט אוממעגלעך אַן איבערצעטיילונג פון דער וועלט, וואָס איז נאָר מעגלעך דורך מלחמה.

ח) אָט־דער קריזיס איז געקומען נאָך דעם ווי דער וועלט־קאַפּיטאַליזם האָט געליטן פאַרניכטנדיקע טויט־קלעפּ אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, מיט דעם רעזולטאַט, אַז די וועלט־אָרדנונג האָט זיך איינגעבראָכן אין איר שוואַכסטן פּונקט, פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען אַ נייע, אַ קאָנקורירנדיקע עקאָנאָמישע וועלט־אָרדנונג, די סאָציאַליסטישע אָרדנונג אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דעם איינפלוס פונם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס אַפן לויף פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס קאָן מען זען אין דעם סך־הכל פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, אין די לעצטע פינף יאָר, אין די הויפּט אינדוסטריעלע לענדער. איך ציטיר דאָ די ציפערן, וואָס חבר סטאַלין האָט אָנגעגעבן אין זיין באַריכט צו דעם 17טן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד: —

דער סך־הכל פון אינדוסטריעלער פּראָדוקציע

(פּראָצענט לויט דעם יאָר 1929)

	1929	1930	1931	1932	1933
סאָוועטן־פאַרבאַנד — — —	100.0	129.7	161.9	184.7	201.6
פאַראייניקטע שטאַטן — —	100.0	90.7	68.1	53.8	64.9
ענגלאַנד — — — — —	100.0	92.4	83.8	83.8	86.1
דייטשלאַנד — — — —	100.0	88.3	71.7	59.8	66.8
פראַנקרייך — — — —	100.0	100.7	89.2	69.1	77.4

אָט־די ציפערן באַווייזן קלאָר די צעטיילונג פון דער וועלט אַף צוויי אָרדענונגען, וואָס באַוועגן זיך אין קעגנזעצלעכע ריכטונגען. בעת אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז די פּראָדוקציע געפאַלן צווישן דעם יאָר 1929 און 1933 פון 15 ביז 35 פּראָצענט, האָט זיך די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרגרעסערט מערער ווי אַף 100 פּראָצענט.

אָט־די ציפערן ווייזן אויך, אַז פון 1932 ביז 1933 האָט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע אין

אַלע לענדער, בעת פריער איז דער קורס געגנאַנגען באַרג־אַראָפּ פון יאָר צו יאָר. אַט־דעם פאַקט האָבן מיט פרייד באַגריסט די קאַפּיטאַליסטישע וואָרט־פירער אַלס דעם סוף פון קריזיס און דעם אָנהייב פון רעקאָווערי, אַ צוזאָג פון אַ נייער פּראָס־פּעריטי. אַט צו דעם שלוס האָבן זיך אויך פאַראייניקט די פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די רעפאָרמיס־טישע טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטן. וואָס איז דער אמת׳ער באַ־טייט פון דעם פאַקט?

אַ קלאָרן ענטפער האָט שוין געגעבן אַף דער פראַגע חבר סטאַלין אַפן 17טן קאָנגרעס מיט זיין דערגאַנצן און ווייטער אַנטוויקלען דעם טעזיס פון דעם 13טן פּלענום פון דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמינטערן. חבר סטאַלין האָט געזאָגט: —

„דאָס מיינט וואַרשיינלעך, אַז די אינדוסטריע אין די הויפּט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז שוין פאַרביינגעגאַנגען דעם נידעריקסטן פונקט פון ירידה און האָט זיך צו אים נישט אומגעקערט אין פאַרלויף פון דעם יאָר 1933.

„איינציקע זיינען געניגט צוצושרייבן אַט־די דער־שיינונג צו דער ווירקונג פון אויסשליסלעך־קינסטלעכע פאַקטאָרן, ווי דער מלחמה־ און אינפלאַציע־בום.ס׳ קאָן ניט זיין קיין שום ספק, אַז דער בום פון מלחמה־אינפלאַציע שפּילט דאָ ניט קיין אומוויכטיקע ראָלע. הויפּטזאַכלעך איז דאָס אמת בנוגע יאַפּאַן, וואו אַט־דער קינסטלעכער פאַקטאָר איז דער הויפּט־אַנטשיידנסטער כח אין אַ שטיקל אויפלעבונג וואָס פילט זיך הויפּטזאַכלעך אין די אַמוניציע־צווייגן פון דער אינדוסטריע. אָבער עס וואָלט געווען אַ גראָבער טעות צו פּרואוון דערקלערן יעדע זאַך דורך דעם בום פון מלחמה־אינפלאַציע. אַזאַ דערקלערונג וואָלט גע־ווען פאַלש שוין נאָר צוליב דעם אַליין, וואָס די ענדערונגען אין אינדוסטריע, וואָס איך האָב באַשריבן, ווערן באַ־מערקט ניט אין באַזונדערע און צופעליקע דיסטריקטן, נאָר אין אַלע, אָדער כמעט אַלע אינדוסטריעלע לענדער, איינ־שליסנדיק אויך יענע לענדער וועלכע האָבן אַ סטאַבילן געלט־סיסטעם. ווי עס ווייזט אויס, אַרבעטן זייט בײַ זייט מיט דעם בום פון מלחמה־אינפלאַציע אויך די אינעווייניק־סטע עקאָנאָמישע כחות פון דעם קאַפּיטאַליזם.

„דעם קאַפּיטאַליזם איז געלונגען צו פאַרלייכטערן אַ ביסל די פּאָזיציע פון דער אינדוסטריע אַ פּ ן ח ש ב ו ן

פון די אַרבעטער, פאַרגרעסערנדיק זייער עקס־פּלואַטאַציע דורך פאַרגרעסערן די אינטענסיוויטעט פון זייער אַרבעט; אויפן חשבון פון די פּאַוּערן — דורך נאָכפאָלגן אַ פּאָליטיק פון צאָלן די נידעריקסטע פרייזן פאַר די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט, פאַר שפּייז און טייל־ווייז פאַר רוי־מאַטעריאַלן; אויפן חשבון פון די פּויערים אין די קאָלאָניעס און אין די עקאָנאָמיש־שוואַכע לענדער דורך נאָך מערער אַראָפּדריקן די פרייזן אויף די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט, הויפּטזאַכלעך אויף רוי־מאַטעריאַלן און דערנאָך אויף שפּייז־פּראָדוקטן.

„מיינט דאָס, אַז מיר שטייען שוין פאַר אַן איבערגאַנג פון אַ קריזיס צו אַ געוויינטלעכער דעפּרעסיע, וואָס ברענגט סוף־כל־סוף צו אַ נייעם אויפשטייג און צו אַ בליענדיקער אינדוסטריע? ניין, עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. יעדנפאַלס עקזיסטירן ניט אין דער איצטיקער צייט אַזעלכע אָנגאַבן, דירעקטע צי אינדירעקטע, וואָס זאָלן אָנווייזן אויף דער דערנענטערונג פון אַן אינדוסטריעלן בום אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. נאָך מער, אורטיילנדיק לויט דער גאַנצער זאַכלאַגע, קאָנען זיך ניט געפינען אַזעלכע אָנגאַבן, אַמווייניקסטנס אין דער נאָענטער צוקונפט. עס קאָנען ניט זיין, דערפאַר ווייל אַלע אומגינסטיקע באַדינגונגען וואָס דערלאָזן ניט דער אינדוסטריע אין דער קאַפּיטאַליסטישע לענדער אויפצוהייבן זיך צו וועלכער ניט איז ערנסטער מדרגה, האַלטן נאָך אַלץ אין איין ווירקן. כ'האָב דאָ אין זינען דעם דויער פון דעם אַלגעמיינעם קאַפּיטאַליסטישן קריזיס, אין וועלכן עס גייט אָן דער עקאָנאָמישער קריזיס, די כראָנישע אונטער־קאַפּאַציטעט פּראָדוקציע, די כראָנישע מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט, דאָס אריינוועבן זיך פון דעם אינדוסטריעלן קריזיס אין דעם אַגריקולטורעלן קריזיס, די אָפּוועזנהייט פון טענדענצן אין דער ריכטונג פון וועלכער עס איז ערנסטער באַנייאונג פון דעם גרונד־קאַפּיטאַל, וואָס זאָגט אָן געוויינטלעך די נאָענטקייט פון אַ בום, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

„ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס וואָס עס קומט איצט פאַר נאָר אַן איבערגאַנג פון דעם סאַמע נידעריקסטן פונקט אין דער ירידה פון דער אינדוסטריע, פון דער נידעריקסטער טיפקייט אין דעם אינדוסטריעלן קריזיס צו אַ דעפּרעסיע, אָבער צו אַ דעפּרעסיע פון אַ ספּעציעלן

סאָרט, וואָס פירט ניט צו אַנייעם אויפשטייג און צו אַ בליענדיקער אינדוסטריע, אָבער וועלכע ווערט, פון דער צווייטער זייט, שוין מער ניט אַראָפּגעדריקט צו דעם סאַמע נידעריקסטן פונקט פון ירידה."

עס וואָלט געווען אַ וואולגאַרער פאַטאַליזם צו דענקען, אַז וואָס פאַר אַ מיטלען דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס זאָל ניט אָננעמען, האָבן זיי נישט קיין שום ווירקונג אויף דער קאַפּי־טאַליסטישער ווירטשאַפט. פונקט אַזוי וואָלט געווען פאַלש צו דענקען, אַז אַזעלכע ווירקונגען זיינען אויסשליסלעך נעגאַ־טיווע, ניט צו דערזען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע האָט פאַרלייכטערט איר פּאָזיציע (כאָטש אפילו נאָר צייט־ווייליק) אויפן חשבון פון די אַרבעטער און האַרעפּאַשנע מאַסן. מיר מוזן אויסמיידן אַזעלכע טעות'ן, כדי צו זיין אומשטאַנד צו דעמאַסקירן די גראָבע אילוזיעס וואָס עס פאַרשפּרייטן די לייבאָר־אַגענטן פון קאַפּיטאַליזם און ניט דערלאָזן זיי צו פאַרשפּרייטן צעמישונג אין די רייען פון דעם אַרבעטער־קלאַס.

פיל פאַקטן פירן צו דעם שלוס, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס אין אַמעריקע האָט שוין דורכגעמאַכט דעם נידעריקסטן פונקט. נאָך מער, די פאַרשיידענע מיטלען, וואָס דער קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס האָט אַליין אָנגענומען און די ווירקונג פון די אינעווייניקסטע עקאָנאָמישע כחות פון דעם קאַפּיטאַליזם, האָבן בייגעטראָגן צו דעם, אַז דער עקאָנאָמישער קריזיס זאָל אַריבערגיין אין אַ שטופּע פון דעפּרעסיע.

אין פאַרלויף פון דעם קריזיס האָט דער אַמעריקאַנער קאַ־פּיטאַליזם פאַרקלענערט די קאָסטן פון פּראָדוקציע און פאַר־גרעסערט זיינע פּראָפיטן הויפּטזאַכלעך דורך פאַרשטאַרקן די עקספּלואַטאַציע פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער. אין דעם פּראָצעס האָט זיך די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט פאַר־גרעסערט, הויפּטזאַכלעך, דורך אַן אינטענסיווערער עקס־פּלואַטאַציע און יאָג־סיסטעם. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַ־ליזם האָט אויסגענוצט די גרויסע אַרבעטסלאָזע אַרמיי פאַר דעם צוועק; ער האָט געקאָנט אויסקלייבן די סאַמע בעסטע פיזיש־צוגעפּאַסטע אַרבעטער, ווען דער הונגער האָט געצוואונגען צו אַרבעטן אונטער די ערגסטע באַדינגונ־גען און פאַר די קלענסטע שכירות.

די פאַרבעסערטע סיטואַציע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אינדוסטריע איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער שאַרפער

רעדוקציע אין לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער און דורך רואינירן די אָרעמע און מיטעלע פאַרמער. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ.

עס איז אַ פאַקט, אַז דורך דעם לאַנגן דויער פון דעם קריזיס האָט דער צייגער פון איבערפּראָדוצירטע סחורה־לאַגערן זיך פאַרקלענערט. אָט־די פאַרקלענערונג איז אין אַ גרויסער מאָס אָנגעגאַנגען דורך דער פאַקטישער פיזישער פאַרניכטונג פון סחורות. עס איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז ספּעציעל אין די לייכטע אינדוסטריעס, וואו די פּראָדוקציע האָט זיך זייער שטאַרק פאַרקלענערט, האָט דער פאַרברויך, באַ די עקזיסטירנדיקע נידעריקע פרייזן, פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרקלענערן די איבערפּראָדוקציע. די פאַרגרעסערטע פּראָפיטן האָבן אויך בייגעטראָגן, כאָטש אין אַ קלענער מאָס, צו דערמוטיקן נייע קאַפּיטאַל־אינוועסטירונגען אין פּראָדוקציע און בוי־אונטערנעמונגען. אַ גרויסער טייל פון די חובות איז אָפּגעווישט געוואָרן דורך באַנקראָט און דורך צוזאַמענשמעלצונגען פון פירמעס; אין דער זעלבער צייט האָט די קאָנפיסקאַציע פון אַ גרויסן טייל קאַפּיטאַל, וואָס די מיטעלע קלאַסן האָבן אָפּגעשפּאָרט, דורך דעם וואָס די באַנקען האָבן זיך פאַרמאַכט, אויך היפּש בייגעטראָגן צו די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטן.

דאָס איז דער וועג איבער וועלכן דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז געפאָרן אין דעם קריזיס. עס איז ניט קיין וועג צו אַ נייער פּראָספּעריטי. אָבער עס וואָלט געווען אין דער זעלבער צייט אַבסאָלוט נאַריש ניט צו זען יענע פאַרבעסערונגען אין דער עקאָנאָמישער סיטואַציע, וואָס דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט פונדעסטוועגן געמאַכט. אָבער וואָס פאַראַ פאַרבעסערונגען עס זאָלן ניט האָבן פאָרגעקומען, אַלס אַ רעזולטאַט פון מלחמה־אויסגאַבן און אינפלאַציע, און אויך צוליב דער ווייטערדיקער פאַראָרעמונג פון די אַרבעטער און פאַרמער און די ווירקונג פון די אינעווייניקסטע עקאָנאָמישע כחות פון דעם קאַפּיטאַליזם — האָבן זיי אַלע בייגעטראָגן, אַז דער קריזיס זאָל איבערגיין אין דער שטופּע פון אַ דעפּרעסיע.

דער עקאָנאָמישער קריזיס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי אין דער איבעריקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, איז צוזאַמענגעבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם קריזיס אין קאַפּיטאַליזם. די טיפקייט פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס, די קלעפּ וואָס די

אמעריקאנער עקאנאמיק האט געקראגן פון דעם וועלט־קריזיס, זיינען די ערשטע פאקטארן וואס מאכן אוממעגלעך פארן אמעריקאנער קאפיטאליזם אומצוקערן זיך צו בום און פראספעריטי. די סאמע מיטלען וואס זיינען אנגעווענדט גע־ווארן צו פארבעסערן די באלדיקע סיטואציע, כאטש זיי האבן אפילו געהאלפן דעם איבערגאנג פון קריזיס צו דעפרעסיע, האבן געהאט די ווירקונג צו פארטיפן דעם אלגעמיינעם קריזיס פון קאפיטאליזם.

אפילו די קאפיטאליסטן אליין אין זייערע קאנפידענ־ציעלע דיסקוסיעס נעמען אן, אז די דעפרעסיע וועט זיין אן אויסגעצויגענע, אז עס איז אוממעגלעך א גיכער אומקער צו פראספעריטי. די קיפלינגער אגענטור, אין איר וועכנט־לעכן בריוו, מערץ דעם 17טן, זאגט זיך ארויס וועגן דעם פונקט ווי פאלגט:

„די שטימונג אין וואשינגטאן וועגן דער רעקאווערי: מערסטע פריוואטע דיסקוסיעס אין די פירנדיקע קרייזן שפיגלען אפ מיט זיך א רעזיגנאציע צו דער אידייע פון א פאמעלעכער און אומרעגולערער רעקאווערי, ניט קיין שנעלע רעקאווערי. עס וועט זיין א ביסעלע פראגרעס, דער נאך ווידער א שטויס צוריק. ווייטער פראגרעס — דערנאך א צייט, ווען מען וועט קאנען אפכאפן דעם אטעם. די רייד וועגן א פרילינג־בום זיינען פארשוואונדן. די רייד וועגן א הארבסט־בום אונטער די פארשפעטיקטע אינ־פלאציע־איינפלוסן האבן זיך פארקלענערט.”

יא, עס איז דא א פארבעסערונג אין ביזנעס און אין אינ־דוסטריעלער אקטיוויטעט אין די פאראייניקטע שטאטן. עס זיינען אויך דא ענדערונגען אין דער באוועגונג פונם עקא־נאמישן קריזיס. עס זעט זיך אויך, אז דער קריזיס האט שוין דורכגעמאכט זיין נידעריקסטן פונקט און איז אריינגעטראטן אין דער שטופע פון דעפרעסיע. דאס איז דערגרייכט געווארן דורך מיטלען, וואס פארטיפן דעם אלגעמיינעם קריזיס (מלחמה צוגרייטונגען, אינפלאציע, די רואינירונג פון פארמער און פון קליינע ביזנעסלייט, די פארארעמונג פון די מאסן, א. אז. וו.). דאס מיינט, אז די דעפרעסיע איז ניט קיין פרעליוד צו א נייעם בום און פראספעריטי, ווי די קאמעדיאנטן פון דעם „נייעם דיל” זינגען. די דעפרעסיע וועט פארצויגן ווערן. עס

וועט זיין אַ פּעריאָד פון אַ פאַרגרעסערטער נויט פאַר די האָרעפּאַשניקעס.

אַנטקעגן דעם הינטערגרונט פון דעם אויסזיכט פאַר אַ דויערנדיקער און אויסגעצויגענער דעפּרעסיע, וואָס חבר סטאַלין האָט אונז אַזוי קלאָר געגעבן אין זיין אַנאַליז, ווערט נאָך קלאָרער ווי ווען עס איז, אַז די פּאָליטיק וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן נאָכגעפאָלגט, אין זייערע פאַרצווייפלטע פאַרזוכן צו געפינען אַן אויסוועג פון דעם קריזיס אין דער נאָענטער צוקונפט, „קאָן ניט פירן צו עפּעס אַנדערש", ווי דער 13טער פּלענום פון דעם עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אָנגעוויזן, „ווי צו אַ נאָך גרעסערער שטערונג אין דער רעגולערקייט פון די מלוכה-פינאַנסן און צו נאָך אַ גרעסערער פאַרשטאַרקונג פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם". אַף אַזאַ אופן באַשטימען די ווירקנדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַקטאָרן, אַז „די קאַפּיטאַליסטישע וועלט גייט איצט איבער פון דעם סוף פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטאַביליזאַציע צו אַ רעוואָלוציאָנערן קריזיס". אָט דאָס באַשטימט די „אַנטוויקלונגס-אויסזיכטן פון פאַשיזם און די אַלוועלטלעכע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די אַרבעטנדיקע מאַסן." (13טער פּלענום).

פאַשיזם און סאָציאַל-פאַשיזם

וואָס איז פאַשיזם? דאָס איז „די אָפענע, טעראָריסטישע דיקטאַטור פון די סאַמע רעאַקציאָנערסטע, סאַמע שאָוויניסטישע און סאַמע אימפּעריאַליסטישע עלעמענטן פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל".

וואָס איז זיין ציל? זיין ציל איז דורכצופירן די פּאָליטיק פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסן צו באַשיצן די פּראָפיטן אַפן חשבון פון אַראָפּדריקן די לעבנס-סטאַנדאַרדס פון דער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג, צו צעשמעטערן מיט געוואַלד דעם ווידערשטאַנד פון דעם אַרבעטער-קלאַס, אַראָפּצוהאַקן דעם קאָפּ פון דעם אַרבעטער-קלאַס דורך דער פיזישער אויסראָטונג פון זיינע פירנדיקע קאַדרען, די קאָמוניסטן.

וואו געפינט דער פאַשיזם זיין מאַסן-באַזע? צווישן דעם קליינבירגערטום, דורך דעמאַגאָגישע פאַרשפּרעכונגען צו די פאַרצווייפלטע, פאַראָרעמטע פּאַרמער, קליינע פאַבריקאַנטן, באַלמעלאָכעס, אָפיס-אַרבעטער, און ציוויל-באַאמטע, און הויפּטזאַכלעך די דעקלאַסירטע און קרימינעלע עלעמענטן אין

די גרויסע שטעט. ער פּאַרזוכט אויך אַריינצודרינגען אין די מער־אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער־שיכטן.

ווי אַזוי איז מעגלעך פאַרן פאַשיזם צו אַנטוויקלען געניג מאַכט, אַז ער זאָל קאָנען באַזיגן די אַרבעטער? דאָס איז נאָר מעגלעך דורך באַקומען הילף אין די רייען פון דעם אַר־בעטער־קלאַס גופא, און אַף אַזאַ אופן צעברעכן זיין איינהייט און אַנטוואָפענען אים בעת ער שטייט פּנים אל פּנים מיטן פאַשיזם. אָבער דער פאַשיזם קאָן ניט געווינען ד י ר ע ק ט קיין מאַסן־שטיצע אין אַרבעטער־קלאַס רייען. ער מוז גע־פינען א ו מ ד י ר ע ק ט ע שטיצע. דאָס קריגט ער אין דער פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער ביוראָקראַטיע פון די רעפאָרמיסטישע טרייד־יוניאָנס. אָט־די פירער, באַאיינפלוסנדיק די מאַיאָריטעט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, האַלטן צוריק די אַרבעטער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וואָס נאָר דורך אים קאָן דער פאַשיזם באַזיגט און פאַרניכטעט ווערן; אונטער דעם לאָזונג פון „פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטיע", און „אויסקלייבן דעם קלענערן איבל", פירן זיי די אַרבעטער אַפּן וועג אונטערגעבן זיך און צו אונטערשטיצן די ערשטע טריט וואָס פירן אַריין דעם פאַ־שיזם. דערפאַר רופן מיר אָט־די פירער „סאָציאַל־פאַשיסטן" און זייערע טעאָריעס „סאָציאַל־פאַשיזם".

אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט דער פאַשיזם צו־געגרייט, אין עצם, אַפּן זעלביקן אופן ווי ער איז געוואָרן צו־געגרייט אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך.

די סאָציאַליסטישע און א. פ. אָוו ל.־פירער גייען אין עצם אַפּן זעלביקן וועג ווי עס זיינען געגאַנגען זייערע ברידער אין אייראָפּע. אָבער די אַרבעטער אין אַמעריקע האָבן דעם גוואַלדיקן פאָרצוג מיט דעם, וואָס זיי האָבן שוין פאַר זייערע אויגן אַ לעבעדיקןביישפּיל פון די פּאַסירונגען אין אייראָפּע. לויט די רעזולטאַטן קאָנען מיר אורטיילן וועגן דעם אמת'ן באַטייט פון דער פּאָליטיק וואָס מען שלאָגט זיי פאָר נאָכ־צופאָלגן. עס איז דעריבער פון אויסערגעוויינטלעכער וויכ־טיקייט, אַז יעדער אַרבעטער אין אַמעריקע זאָל שטודירן און דורכאויס פאַרשטיין די דערפאַרונגען פון אונזערע ברידער אַף יענער זייט ים.

וואָס זיינען די אידייען, די פאַלשע באַגריפן, מיט וועלכע די סאָציאַל־פאַשיסטן צעטומלען און אַנטוואָפענען די אַר־בעטער?

ערשטנס, מיט דער אידייע, אַז פאַשיזם איז דאָס פאַר־קערטע פון קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע און דעריבער איז אָט־די דעמאָקראַטיע אַ מיטל מיט וועלכן מען קאָן באַקעמפן און באַזיגן דעם פאַשיזם. אָט־די פאַלשע אידייע דינט אַ טאָפּלטן צוועק. דורך קעגנשטעלן „דעמאָקראַטיע קעגן דיקטאַטור", פּרואוון זיי צו באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע „דעמאָקראַטיע" איז נאָר אַ פאָרם פון קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור; **זיי פּרוואון צו אידענטיפיצירן אין** דעם אַרבעטערס מוח די פאַשיסטישע דיקטאַטור מיט דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַף אַזאַ אופן באַווירקן דעם אַרבעטער, אַז ער זאָל פאַרוואַרפן דעם וועג פון דער רעוואָלוציע. אין דער זעלביקער צייט ווערט אָט־דער לאָזונג באַנוצט צו באַהאַלטן דעם פאַקט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע איז ניט דער שונא נאָר די מוטער פון פאַשיזם; אַז זי איז נישט די פאַרניכטערין, נאָר די שאַפערין פון פאַשיזם. זיי באַנוצן זיך מיט דעם אמת, אַז פאַשיזם פאַרניכטעט דעמאָקראַטיע, כדי אויך דורכצושמוגלען דעם ליגן, אַז די דעמאָקראַטיע וועט אויך פאַרניכטן דעם פאַשיזם. אָט אַזוי בינדן די באַאַמטע פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון די טרייד־יוניאָנס, אין דער מאָס וואָס די אַרבעטער גייען זיי נאָך, דעם אַרבעטער־קלאַס צום רייטוואָגן פון אַ קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע, וואָס ווערט טראַנספאָרמירט אין פאַשיזם. זיי פּאַראַליזירן דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער און גיבן זיי איבער צו די פאַשיסטן געבונדענע און הילפלאָזע.

אין דייטשלאַנד האָט דאָס געמיינט צו שטיצן הינדענבורג'ן, ברינינג'ען, פאָן־פּאַפּען און שלייכער'ן, און זייערע „נויטפאַל־דעקרעטן", וואָס זיינען געווען געווענדעט קעגן די אַרבעטער. אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטיצן זיי רוזוועלט'ן, לאַגוואַרדיע'ן, די נ.ר.א. און די „נויטפאַל־דעקרעטן" פון די סטרייק־ברעכערישע „לייבאָר באָרדס", אַרביטריישאָן־באָרדס", „קאָוד־אויטאָריטעטן" א. אז. וו. אין יעדן פון די פאַלן איז דאָ דער לאָזונג: „אויסקלייבן דעם קלענערן איבל"; אין יעדן פון זיי ווערן די אַרבעטער געבעטן צו „קעמפן קעגן פאַשיזם" דורך אונטערשטיצן די לייט און די מיטלען וואָס פירן אריין דעם פאַשיזם.

צווייטנס, די אידייע, אַז דער פאַשיזם פאַרטרעט נישט דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, נאָר גיכער אַ „רעוואָלוציאָנערע באַ־

װעגונג", װאָס איז געװענדט קעגן ביידע — קעגן פינאַנץ־קאַפּיטאַל און קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס דורך די פּאַראַרעמטע מיטל־קלאַסן. אַט־די אידייע העלפט דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל צו באַקומען און איינהאַלטן דעם קאָנטראָל איבער אַט־די מיטל־קלאַסן; די דאָזיקע אידייע פאַרשטאַרקט זייערע אילו־זיעס, טיילט אָפּ פון זיי די אַרבעטער און שטערט די אַרבעטער אין זייער אויפגאַבע אַריבערצוגעווינען די מיטל־קלאַסן צו שטיצן די פּראָלעטאַרישע רעװאָלוציע; זי פאַראורזאַכט, אַז די אַרבעטער זאָלן שטיצן זייערע פאַרפירער אין זייער בונד „קעגן פאַשיזם". אין דייטשלאַנד איז די אידייע געװען קאָנקרעט אַ בונד מיט הינדענבורג'ן קעגן היטלער'ן; אין עסטרייך — מיט דאָלפוס'ן קעגן די נאַציס; אין די פאַראייניקטע שטאַטן — מיט רוזװעלט'ן קעגן „װאָל־סטריט".

דריטנס, מיט דעם זיג פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך האָבן די סאָציאַליסטישע און טרייד־יוניאָן פירער אַרויסגעבראַכט די אידייע, אַז אַט־די פּאַסירונג איז אַ געװאַלטיקע מפּלה פאַר דער רעװאָלוציע, די נייע סטאַבי־ליזירונג פון קאַפּיטאַליזם, דער אָנהייב פון אַ נייער און לאַנגער ערא פון פאַשיסטישער רעאַקציע. דאָס העלפט דעם פאַשיזם צו פאַרשפּרייטן אַ פּאַניק, דעפּיטיזם און פּאַסיװיטעט צווישן די אַרבעטער. אַט־די אידייע דינט צו באַשאַפן אַ נייגונג אָנצונעמען דעם פאַשיזם פאַטאַליסטיש, װי אַן אומ־פאַרמיידלעכע און אומבאַזיגבאַרע מאַכט. די אמת'ע באַ־דייטונג פונם װאוקס פון פאַשיזם איז אינגאַנצן אַן אַנדערער. ס'איז אמת, אַז דער פאַשיזם איז אַ שטאַרקער קלאַפּ קעגן די אַרבעטער. עס איז אמת, אַז דער פאַשיזם לאָזט לויז יעדע שװאַרצע רעאַקציאָנערע מאַכט קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס און פּרוּװט צו פאַרניכטן פיזיש זיין אַװאַנגאַרד, די קאָמוניסטי־שע פּאַרטיי. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז דאָס אַ צייכן, אַז דער קריזיס פון קאַפּיטאַליזם װערט טיפער; ער לייזט ניט קיין איינע פון די גרונט־פּראָבלעמען װאָס האָבן אַרויסגערופן דעם קריזיס, נאָר פאַרקערט, פאַרשטאַרקט זיי אַלע; ער צע־שטערט נאָך מערער די קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג; ער פאַר־ניכטעט די מאָראַלע באַזע פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער הער־שאַפט, דיסקרעדיטירנדיק דעם בורזשואַזן געזעץ אין די אויגן פון די מאַסן; ער פאַרשנעלערט די דעמאַסקירונג פון אַלע דעמאַגאָגישע אונטערשטיצער פון דעם קאַפּיטאַליזם, ספּעציעל זיין הויפּט־שטיצע צווישן די אַרבעטער — די סאָציאַליסטישע

און טרייד־יוניאָן פירער. ער פאַרשנעלערט די רעוואָלוציאָני־זירונג פון די אַרבעטער, פאַרניכטעט זייערע דעמאָקראַטישע אילוזיעס און דערמיט גרייט ער צו די מאַסן צו דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר מאַכט.

דורכן פאַשיזם האָפט דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס צו פאַרניכטן די געפאַר פון רעוואָלוציע באַ זיך אין דערהיים. דורך דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה האָפט ער צו פאַר־ניכטן די דערפאָלגרייכע רעוואָלוציע אין דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד, און דורך אַ באַוואָפנטער איבערטיילונג פון דער וועלט צו געפינען אַן אויסוועג פון דעם קריזיס.

וואָס זיינען די אויסזיכטן פאַר אַ דערפאָלג פון אָט־דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָגראַם?

די אויסזיכטן זיינען גאָרניט קיין גינסטיקע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון זיינע שותפים קאָן ניט פאַרניכטעט ווערן. דאָס איז באַוויזן געוואָרן מיט דעם פאַל פון דער בלוטיקער צאַרישער אויטאָקראַטיע אין דעם אַלטן רוסלאַנד. דאָס איז נאָכאַמאָל באַוויזן געוואָרן מיט דעם וואָס דורך זיין צעיושעטן בלוטיקן טעראָר האָט זיך טשיאַן־קאַי־שעקן ניט איינגעגעבן איינצוהאַלטן דעם וואוקס פון דער זיגרייכער כינעזישער סאָוועטן־רעפּובליק. ס'איז באַוויזן געוואָרן אַף אונזער אייגענער שוועל, לעצטן אויגוסט, מיט דעם רעוואָלוציאָנערן אַראָפּוואַרפן דעם מערדער מאַטשאַדאָ און זיין פאַשיסטישע דיקטאַטור אין קובאַ. עס ווערט באַוויזן טאָג־איין טאָג־אויס מיט דער העלדישער אַרבעט פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. עס ווערט באַוויזן מיט דעם קריזיס אין דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און מיט דעם מאַסן־קער פון די אייראָפּייאישע אַרבעטער אין דער ריכטונג צו דעם באָלשעוויסטישן וועג. עס איז דערוויזן געוואָרן דורך דער פאַרניכטונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור אין שפּאַניע. דער טעראָר קאָן ניט פאַרניכטן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע.

אויך איז פאַלש די האָפענונג פון דעם וועלט־קאַפּיטאַליזם, אַז ער קאָן לייזן זיינע פּראָבלעמען דורך מלחמה. ער האָט שוין אויסגעפּרואווט דעם וועג אין 1914—1918. אָבער אנשטאָט צו לייזן די פּראָבלעמען האָט די מלחמה זיי רע־פּראָדוצירט אַף אַ גרעסערן מאַסשטאַב און אין אַ שאַרפערער פאָרם. אָט־דער פאַרזוך האָט פאַרלאָרן פאַרן קאַפּיטאַליזם די גרעסטע לאַנד, אַ זעקסטל־חלק פון דער וועלט, וואָס איז אַרוי־

בער אין די הענט פון דעם זיגרייכן ארבעטער־קלאס פון דעם ס א ו ו ע ט ן ־ פ א ר ב א נ ד. איצט ספעקולירן זיי אף צוריקגעווינען את־די טעריטאריע, וואס איז פאר־לוירן געווארן פארן קאפיטאליזם, דורך אן אנדער מלחמה. אבער דאס מאל וועלן זיי שטיין פנים אל פנים מיט אן אר־בעטער־קלאס, וואס איז א סך בעסער צוגעגרייט ווי אין 1914—1918. דער ארבעטער־קלאס אין סאוועטן־פארבאנד איז איצט פולשטענדיק באוואפנט מיט די מאדערנסטע מלחמה וואפן, וואס איז באזירט אף א מאדערניזירטער אינדוסטריע און סאלידער סאציאליסטישערווירטשאפט. דער ארבעטער־קלאס אין די קאפיטאליסטישע לענדער געפינט זיך שוין מער ניט אויסשליסלעך אונטער דער סאציאליסטישער און טרייד־יוניאן פירערשאפט. אין יעדן לאנד איז פאראן א וואקסנדיקע מאסע, וואס האט שוין אנגעהויבן צו לערנען די לעקציעס פונם זיג אין סאוועטן־פארבאנד און וועלכע גרופירט זיך שוין ארום דער קאמוניסטישער פארטיי, וואס באוואפנט זיי מיט די רע־וואלוציאנערע וואפן — מיט דער טעאריע און פראקטיק פון מארקס, ענגעלס, לענין און סטאלין — מיטן באלשעוויזם.

אויב די אימפעריאליסטן וועלן וואגן ארויסצוגיין אין אן אנדער מלחמה, וועלן זיי ארייןכאפן א גרעסערע מפלה ווי אין דער לעצטער מלחמה. אף די גרענעצן פון דעם סאוועטן־פארבאנד וועלן זיי ארייןכאפן א מיליטערישע מפלה פון דער אומבאזיגבארער רויטער ארמיי. אין זייערע אייגענע לענדער וועט דער ארבעטער־קלאס פארוואנדלען די אימפעריאליס־טישע מלחמה אין א בירגער־קריג פון די אונטערדריקטע מאסן פארן אפשאפן דעם קאפיטאליזם. אזא מלחמה וועט געוויס זיך ענדיקן מיט דעם געבורט פון נאך עטלעכע סאוועטישע רעפובליקן.

2) דער אויפשוואונג פון די מאסן־קאמפן און די ארבעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

די פאראייניקטע שטאטן, די פעסטונג פון דעם וועלט־קאפיטאליזם ווייזט זיך ארויס אין דער זעלביקער צייט מיט אירע טיפסטע ווידערשפרוכן. די קלעפ פון דעם עקאנאמישן קריזיס האבן פארהעלטניסמעסיק געטראפן דא אמשווערסטן. דער קאנטראסט צווישן מאסן האפענונגען און אילוזיעס אין 1929 און די ביטערע ווירקלעכקייט אין 1934, איז כמעט

גרעסער ווי אין וועלכן עס איז אַנדער פּלאַץ. די גרעסטע אָנגעזאַמלטע רייכטימער און פּראָדוקטיווע קרעפטן, זייט בײַ זייט מיט דער גרעסטער מאַסע אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער אין וועלכן עס איז אינדוסטריעלן לאַנד, שטעכט יעדן באַאָבאַכטער גלײַך אין פּנים. די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן, אַנטוויקלענדיק זיך פּאַמעלעכער ווי אומעטום, האָבן דאָך אַ מורא'דיק גרויסע פּאָטענציעלקייט און טיפקייט.

אַלע קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכן זיינען פאַרקערפּערט אין רוזוועלטס פּאָליטיק פון דעם „נייעם דיל". **רוזוועלט** זאָגט־צו צו שפּייזן די הונגעריקע דורך פאַרקלענערן די פּראָדוקציע פון שפּייז. ער זאָגט־צו איבערצוטיילן זיך מיט דער עשירות דורך ביליאָנען סובסידיעס וואָס ער גיט די באַנקען און קאָרפּאָראַציעס. ער העלפט דעם „פאַרגעסענעם" מענטשן דורך אונטעראײַלן דעם פּראָצעס פון מאָנאָפּאָליזירונג און טראָסטיפיקאַציע. ער וויל כלומרשט פאַרגרעסערן די קויף־קראַפט פון די מאַסן, דורך אינפלאַציע וואָס גיט זיי אַ דאָלאַר וואָס איז ווערט נאָר 60 סענט. ער טרײַבט אַרויס די געלט־וועקסלער פון דעם רעגירונגס־טעמפּל מיט דעם, וואָס ער גיט זיי די פולשטענדיקע מאַכט אין פאַרוואַלטן מיט דער רעגירונגס־מאַשינעריע פון די אינדוסטריעלע קאָודן. ער גיט די אַרבעטער דאָס רעכט צו אָרגאַניזירן זיך דורך לעגאַליזירן די קאָמפּאַניע־יוניאָנס. ער פירט איין אַ רעזשים פון עקאָנאָמיע דורך אַראָפּנעמען דעם שטייערן־יאָך פון די רײַכע און אַרויפלייגן זיי אַף די מאַסן־געברויכער, דורך שניידן די בודזשעטן פאַר שכירות, וועטעראַנען, און סאָציאַלע לייסטונגען — אין דער זעלבער צייט פאַרגרעסערנדיק דעם מלחמה־בודזשעט אַף אַ ביליאָן דאָלאַר און אוועקגעבנדיק צען ביליאָן צו די וועלכע האָבן שוין אַלץ אין זייערע הענט. ער שטעלט איין צוריק דעם גלויבן פון די מאַסן אין דעמאָקראַטיע דורך אָנהייבן אַרײַנצופירן דעם פאַשיזם. ער אַרבעט פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן שלום דורך פאַנאַנדערברענען די שאַרפסטע האַנדל־ און געלט־מלחמה אין דער געשיכטע.

רוזוועלטס פּראָגראַם איז די זעלבע ווי די, וואָס דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל פירט דורך איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז אַ פּראָגראַם פון הונגער, פאַשיזאַציע און אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זי אונטערשיידט זיך מערסטנס אין די פאָרמען פון איר פּרעצעדענטלאָזן אָנשטעל, אין אירע דעמאַ־

גאָנישע פאַרשפּרעכונגען, אין דעם שאַפן מאַסן־אילוזיעס וועגן אַ משיח, וואָס האָט געפונען אַן אויסוועג. דער „נייער דיל" איז נאָך ניט קיין אַנטוויקלטער פאַשיזם, אָבער אין זיין פּאָליטישן עצם און אין זיין ריכטונג איז ער דערזעלבער ווי היטלערס פּראָגראַם.

אונטערן צודעק פון אָט־די מאַסן־אילוזיעס האָט רוזוועלט אונטערגענומען די שאַרפסטע, סאַמע טיף־גייענדיקסטע אַטאַקע קעגן די לעבנס־סטאַנדאַרדס פון די מאַסן. כאָטש די אַרבעטער זיינען נאָך אַפילו איצט אויך אונטערן איינפלוס פון אילוזיעס וועגן רוזוועלטן (אָט־די אילוזיעס האַלטן נאָך אַלץ אָן, ניט קוקנדיק אַף די כסדר'דיקע קלעפּ!), פונדעסטוועגן האָבן זיי שוין געמוזט אָנהייבן צו באַמערקן וואָס עס פּאַסירט מיט זיי איצט. זיי האָבן געענטפערט מיט אַ סטרייק־כוואַליע. איבער אַ מיליאָן אַרבעטער האָבן געסטרייקט אין 1933 אַלס ווידערשטאַנד צו דער פּאָליטיק פון דעם „נייעם דיל". איבער דריי־פערטל מיליאָן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין טרייד־יוניאָנס.

אין פאַרלויף פון אָט־דעם פּעריאָד האָט זיך אויך פאַרטיפט און אויסגעשמידט די באַוועגונג פון די אַרבעטלאָזע, ניט קוקנדיק אַף אַן ערנסטער הינטערשטעליקייט. פון ספּעציעלער וויכטיקייט איז איר רעאַגירן אַף די נייע פאָרמען פון רעגירונגס־רעליף, די ס.וו.א. און די צוואַנגס־אַרבעט קעמפּס. זי האָט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אַף די דזשאַבס צו באַשיצן די לעבנס־סטאַנדאַרדס. די באַוועגונג פאַר די אַרבעטערס „אָנעמפּלאָימענט אינשורענס ביל" האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ ברייטן מאַסן־כאַראַקטער.

אַ ראַדיקאַליזאַציע צווישן די מאַסן פאַראָרעמטע פאַרמערס, וועטעראַנען, סטודענטן, און פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס איז סטימולירט געוואָרן דורך דער סטרייק־כוואַליע, האָט זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען אַרום דער שטייגנדיקער באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס, און אַף אַ גרעסערער מדרגה ווי ווען עס איז פריער, אין פּאָליטישן קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער.

די ערשטע כוואַליע פון קאַמף קעגן רוזוועלטס נייעם דיל איז סטימולירט געוואָרן דורך דעם פאַקט, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פון דעם סאַמע אָנהייב געגעבן אַ מוטיקן און ריכטיקן אַנאַליז פון דעם „נייעם דיל" און אַ קלאָרע ליניע פון קאַמף קעגן אים. די פּאַסירונגען, זינט דעם לעצטן יולי, האָבן אינגאַנצן באַשטעטיקט דעם אַנאַליז וואָס מיר

האבן דעמאָלט געגעבן. יעדער ערנסטער פאַרזוך אָנצוווענדן די פּראָגראַם פון קאַמף האָט געבראַכט די אַרבעטער געווינסן. מיר דאַרפן נישט איצט רעווידירן אונזער אַנאַליז. מיר קאָנען איצט מאַכן דעם סך־הכּל פון די דערפאַרונגען פאַר די לעצטע ניין מאָנאַטן.

די רעזולטאַטן פון דעם נייעם דיל

וואָס האָט פּאַסירט מיט דעם „נייעם דיל"? איז ער געווען אַ דורכפאַל? פיל אַרבעטער, אין די ערשטע שטופּן פון דיסאילוזיע, קומען צו אָט־דעם שלוס; זיי זיינען אַנטוישט מיט דעם רעזולטאַט, פונדעסטוועגן גלויבן זיי נאָך אַלץ, אַז די אַבזיכט איז געווען אַ גוטע. די ס. פּ. און די א. פ. אָוו ל.־פירער זוכן אָנצוהאַלטן בא די אַרבעטער אָט־דעם באַגריף. אָבער אַזאַ שלוס איז אינגאַנצן צו פּשוט. דער „נייער דיל" האָט ניט פאַרבעסערט די באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער און עקספּלואַטירטע מאַסן. אָבער דאָס איז דאָך קיינמאָל ניט געווען זיין אמת'ער ציל; דאָס איז דאָך נאָר געווען אַן אָנשטעל; דאָס איז נאָר געווען אַ מיטל מיט וועלכן צו כאַפּן די העכטלעך. אין זיין ערשטן און וויכטיקסטן ציל האָט דער „נייער דיל" געהאַט אַ דערפאָלג; זיין ציל איז געווען דורכצופירן די קאַפּיטאַליסטן דורך דער סאַמע שווערסטער סיטואַציע און אָנהויבן אַ נייע אַטאַקע אויף די אַרבעטער מיט דער הילף פון זייערע פירער, צוריקהאַלטן די אַרבעטער פון אַן אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד און אָנהויבן צוריק איינצושטעלן די פּראָפיטן פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

נישט לאַנג צוריק, אויף איינעם פון די קאָוד־פאַרהערן אין וואַשינגטאָן, האָט דער גענעראַל יוּהו דזשאָנסאָן זיך גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט, בעת ער האָט פאַרזוכט ביי׳צוקומען דעם ווידערשטאַנד פון די מער־צוריקגעשטאַנענע קאַפּיטאַליסטן צו אייניקע שטריכן פון דער נ.ר.א.־פּראָגראַם. ריידנדיק וועגן דער שווערער לאַגע, אין וועלכער קאַפּיטאַל האָט זיך געפונען אין דער צייט וואָס דער „נייער דיל" איז געבוירן געוואָרן, און וואָס פאַר אַ ציל דער „נייער דיל" האָט זיך געשטעלט, האָט דער גענעראַל דזשאָנסאָן דערקלערט:

„איך וויל אייך זאָגן, אויב איר האָט נאָך אַליין דאָס ניט באַמערקט, אַז דורך דער גאַנצער שווערער און נסיון־פולער צייט, ווען אין פּאַניק און אונטער דעם דראַנג פון די עקסטרעמיסטן, איז אונזער גאַנצע אָרדענונג געווען אין

געפֿאַר צעשמעטערט צו ווערן, איז די איינציקע זאַך וואָס האָט אייך אויפֿגעהאַלטן געווען דער שטאַרקער און קלאָרער שכל פֿון דעם פּרעזידענט. איך בעט אייך צו געדענקען, אַז אין יענער צייט איז די אינדוסטריעלע און באַנק־פֿירערשאַפֿט געפֿאַלן אין די אויגן פֿון פֿאָלק צו אַ מדרגה, וואו זיי האָבן פֿאַרלאָרן זייער גאַנצע רעפּוטאַציע. די מענטשהייט זוכט שטענדיק אַ שעיר לעזאזל. אַ בריטישע רעגירונג, וואָס איז געווען אומפּייאיק איינצוהאַלטן איר מאַכט אַף וועלכער עס איז אַנדער אישו, איז אויסגעקליבן געוואָרן אונטער דעם לאָזונג „הענגט דעם קייזער". פֿאַרגעסט זשע ניט, אַז אין יענער צייט זיינען אָט־די הערן און די באַנקירן געווען כמעט (אין דעם אויפֿגעפּלאַמטן מוח פֿון דעם פֿאָלק) .דער קייזער."

דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג. קיין קאָמוניסט וואָלט דאָס ניט געקאָנט אַרויסזאָגן קלערער!

אָן דער מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון דער א. פֿ. אָוו ל.־פֿירערשאַפֿט וואָלט אָט־די פּראָגראַם קיינמאָל ניט געקאָנט דורכגעפֿירט ווערן צוליב דעם ווידערשטאַנד פֿון די אַרבעטער. דאָס מוז אונטערשטראָכן ווערן. אָט־דער אמת, וואָס מיר האָבן פֿריער אָנגעוויזן, איז איצט די באַרימערייַ פֿון גרין, לואיס און קאָמפּאַני, אַף זייערע קאָנפֿערענצן מיט רוזוועלט'ן, דזשאַנסאָנ'ען און די באַלעבאַטים. וואו נאָר אַ סטרייק איז צעבראָכן געוואָרן, באַלאַנגט דער הויפּט־„פֿאַרדינסט" צו גרינ'ען און זיינע חברים. יעדע ווילדע קאָוד־פֿאָרשריפֿט קעגן די אַרבעטער,פֿאַר קאָמפּאַניע־יוניאָנס, האָט אַף זיך געטראָגן די חתימה פֿון גרין און קאָמפּ. דער פּונקט 7־איי, דער נייער „טשאַרטער פֿאַר די אַרבעטער", האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דער אמת'ן צו זיין אַ לעגאַליזירונג פֿון די קאָמפּאַניע־יוניאָנס און צוואַנג־אַרביטראַציע. אַפֿילו די א. פֿ. אָוו ל.־פֿירער האָבן נאָר געקראָגן די דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער וואו און ווען דאָס איז נויטיק כדי אָפּצושטעלן די פֿאָרמירונג פֿון רעוואָלוציאָנערע אָדער אומאָפּהענגיקע טרייד־יוניאָנס. מ'גיט איצט אָפּן צו, אַז דער וואַגנער געזעץ־פּראָיעקט צו פֿאַרטייטשן דעם פּונקט 7־איי, וואָס איז איצט פֿאַרן קאָנגרעס, און וועלכער האָט באַקומען אַזאַ שטאַרקע שטיצע און הויכע קאָמפּלימענטן פֿון די סאָציאַליסטישע און א. פֿ. אָוו ל.־פֿירער, באַצוועקט די לעגאַלע באַשטעטיקונג פֿון די קאָמפּאַניע־יוניאָנס און די דורכפֿירונג פֿון צוואַנג־אַרביטראַציע.

מיר קערן זיך נאָכאַמאָל אום צו דעם אָפּנהאַרציקן גענעראַל ד ז ש אַ נ ס אָ ן און צו זיין פאַרבנרייכער באַשרייבונג פון דער ראָלע וואָס עס שפּילן די א. פ. אָוו ל.-פירער. אין זיין רעדע, מערץ דעם 7טן, צו די קאַפּיטאַליסטן, האָט דזשאַנסאָן אויסגעגאָסן אין אַ בלומען־שפּראַך זיין האַרציקע גרויסע דאַנקבאַרקייט צו גרין און קאָמפּ. ער האָט געזאָגט:

„מיר ווייסן אַביסל וואָס עס טוט זיך באַ אונז אין לאַנד — די ערגסטע עפּידעמיע פון סטרייקן אין אונזער געשיכטע. צו וואָס זאָלן מיר ליידן פון זיי? אָט־דאָ האָבן מיר אַן אויסוועג. מען דאַרף אָנהאַלטן דעם שפּיל. גיט זיך אונטער דעם געזעץ און ווערט שנעל פאַרטיק מיט דעם. איך וויל אייך זאָגן דעם אמת צוליב אייער אייגענער באַרואיקונג. איך ווייס אייערע פּראָבלעמען. איך וואָלט גיכער האַנדלען מיט ביל גרין, דזשאָן לואיס, עד מעקגריידי, מייק מעק'קאָנאָו, דזשאָרדזש בערי און אַ סך אַנדערע וואָס איך וואָלט געקאָנט אָנרופן מיטן נאָמען, איידער מיט וועלכן עס איז פראַנקענשטיין, וואָס איר קאָנט באַשאַפן אונטער דער פירערשאַפט פון אַ קאָמפּאַניע־יוניאָן. הערט זיך צו וואָס איך זאָג אייך און וואָס אַ גאַנצער באַרג מיט דערפאַרונגען לערנט — ז י י ע ר ע אינטערעסן זיינען א י י ע ר ע אינטערעסן."

און ווידער פאַרשפאַרט אונז דער הויכגעשעצטער גענעראַל עפּעס צוצוגעבן!

איצט וועלן מיר וואַרפן אַ קורצן בליק איבער די רעזולטאַטן פון דעם „נייעם דיל", ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אין רעגירונגס־סטאַטיסטיק.

ערשטנס, די „רעקאָנסטראָקשאָן פיינאַנס קאָרפּאָריישאָן"! די אויסצאָלונגען, וואָס זיינען אויטאָריזירט געוואָרן דורך דער „ר.פ.ס." ביז צום סוף 1933, האָט באַטראָפן פינף ביליאָן צוויי הונדערט דריי־און־דרייסיק מיליאָן און אַכט הונדערט טויזנט דאָלאַר. מער ווי אַכציק פּראָצענט פון אָט־דער גוואַלדיקער סומע איז דירעקט געגאַנגען פאַר די באַנקען, אינשורענס־קאָמפּאַניעס, באַנען, מאָרטגעדזש־קאָמפּאַניעס, קרעדיט־יוניאָנס א. אז. וו., אין הלוואות אָדער אין קויפן זייערע פּריווילעגירטע אַקציעס; אויך פאַר דעם וואָס מ'רופט „אַגריקולטור־קרעדיט", וואָס עס מיינט בעצם אויך פאַר די

פינאַנציעלע אינסטיטוציעס, וועלכע האַלטן פאָרם־מאָרט־געדזשעס וואָס קאָנען ניט באַצאָלט ווערן. אַרום צוועלף פּראָ־צענט איז געגאַנגען פאַר „רעליף", שכירות פאַר צוואַנגס־אַרבעט אַף מוניציפּאַלע און שטאַט־אַרבעטן. אַט־די מוראַ־דיקע סובסידיעס, פון וועלכע עס נעמט פשוט שווינדלען אין קאָפּ, זיינען דער קוואַל פון אַ גרויסן טייל אין די באַנייטע פּראָפיטן פון די גרויסע קאָרפּאָראַציעס.

צווייטנס, אינפלאַציע און פּרייז־איינ־שטעלונגען — אַט־די מאָסמיטלען האָבן געבראַכט צו אַזאַ הויכן שטייג אין די לעבנס־קאָסטן, אַז אַפילו די א. פ. אָוו ל.־פירער, די נאָענטע שותפים פון רוזוועלט'ן און דזשאַנ־פּאָנען האָבן געמוזט צוגעבן, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַן אַנט־שיידענע פאַרקלענערונג אין דער קויף־קראַפט פון די באַשעפּ־טיקטע אַרבעטער. אַן אָנווייז אַף דעם איז דער פאַרלוסט פון 9 פּראָצענט, פון סעפּטעמבער ביז דעצעמבער 1933, אין דער סומע פון געבערויכס־סחורות, וואָס זיינען פאַקטיש געקויפט געוואָרן.

דריטנס, דער רעגירונגס־בודזשעט. דאָ געפינען מיר די פאַרווירקלעכונג פון רוזוועלט'ס צוזאָג צו געדענקען דעם „פאַרגעסענעם מענטשן". דער שטייערן־יאָך, דער באַזיס פון דעם בודזשעט, איז אַריבערגערוקט געוואָרן, ווען מען פאַרגלייכט דעם לויפנדיקן יאָר מיט 1928־1929, ווי פאָלגט:

די רעגירונגס־איינקונפט פון טעקסעס אַף קאָרפּאָראַציעס, רייכע יחידים און רייכע מיטל־קלאַס מענטשן, איז געפאַלן פון 2 ביליאָן 231 מיליאָן ביז 864 מיליאָן — אַן אָפּשפּאָרונג פאַר די רייכע פון איין ביליאָן 467 מיליאָן. אין דער זעלבי־קער צייט האָבן זיך די טעקסעס אַף די אַרבעטער און פאַר־ברויכער־מאַסן פאַרגרעסערט פון 1 ביליאָן 571 מיליאָן אַף 2 ביליאָן 395 מיליאָן — אַ פאַרגרעסערונג פון טעקס־יאָך, וואָס באַטרעפט מערער ווי די גאַנצע צאָל טעקסעס, וואָס ווערט איצט געצאָלט פון די רייכע.

אַף דער הוצאות־זייט פון דעם בודזשעט, האָבן די ענדע־רונגען אָנגענומען די פאָלגנדיקע ריכטונג: פאַרגרעסערטע אויסצאָלונגען פון 413 פּראָצענט זיינען אויסגעשטעלט גע־וואָרן פאַר די באַנקען, קאָרפּאָראַציעס, רייכע יחידים און פאַר־מעגלעכע אייגנטימער. הוצאות פאַר מלחמה־צוועקן האָבן זיך פאַרגרעסערט אַף 82 פּראָצענט. אָבער קענן די פאַר־גרעסערונגען האָט מען דורכגעפירט אַן עקאָנאָמיע, רעדוצירנ־

דיק די שכירות פון די רעגירונגס־אָנגעשטעלטע און וועטע־
ראַנען־צאָלונגען אַף 38 פּראָצענט און אַף 27 פּראָצענט.

פּערטנס, די פּאַרטיילונג פון נאַציאָ־
נאַלן איינקונפט: רוזוועלט האָט צוגעזאָגט, אַז
ער וועט זען צו אויסבעסערן די שלעכטע איינטיילונג פון דעם
נאַציאָנאַלן איינקונפט, לויט וועלכער די רייכע קריגן צו־פיל
און די אָרעמע צו־ווייניק. ווי אַזוי דאָס איז דורכגעפירט גע־
וואָרן זעען מיר אין אַ באַריכט, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן
צו דעם סענאַט דורך דער ביוראָ פון אויסלענדישן און אינ־
לענדישן האַנדל, יאַנואַר דעם 1טן, 1934. אונטערציענדיק
דעם סך־הכל פון זיינע אונטערזוכונגען, זאָגט דער באַריכט:

„שכירות האָבן געליטן אַם שווערסטן אין דער אַלגע־
מיינער ירידה, זינט 1929; זיי זיינען אַראָפּגעדריקט גע־
וואָרן אַף 60 פּראָצענט אין יענע אינדוסטריען, אין וועלכע
עס איז מעגלעך געווען אָפּצוזונדערן די שכירות פון די אַל־
געמיינע הוצאות. געהאַלטן זיינען געפאַלן אַף 40 פּראָ־
צענט, ווייט נישט אַזוי שנעל ווי די שכירות. דערביי איז
די גרעסטע פאַרקלענערונג פאָרגעקומען אין 1932. אַ באַ־
דווטנדיקע פאַרשיידנאַרטיקייט אין די ירידה־טענדענצן
איז באַשיינפּערלעך צווישן דעם אַרבעטער־איינקונפט און
אייגנטום־איינקונפט; אַרום 1932 איז דער אַרבעטער־
איינקונפט געפאַלן אַף 40 פּראָצענט, בעת דער אייגנטום־
איינקונפט, וואָס איז פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן, איז נאָר
אַראָפּגעפאַלן אַף 30 פּראָצענט. אָט־די סיטואַציע איז אַנט־
שטאַנען דורך דעם, וואָס די פּראָצענט־צאָלונגען זיינען
אָנגעהאַלטן געוואָרן כמעט ביז דעם יאָר 1932, מיט אַ
גאַנץ קליינעם אַראָפּפאַל.”

דאָס מאָלט אויס די אַנטוויקלונג אונטער דעם הואווער־
רעזשים. רוזוועלטס נייער דיל האָט צוגעזאָגט אביערצודרייען
אָט־די טענדענץ. דאָס וואָס האָט פאַקטיש פּאַסירט אין
1933 איז, אַז די קויף־קראַפט פון די אַרבעטער איז נאָך גע־
גאַנגען אַף צוריק. (אַ פאַקט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן
דורך דער א. פ. אָוו ל. און דורך דער ביוראָ פון לייבאָר־
סטאַטיסטיק.), בעת דער אייגנטום־איינקונפט האָט זיך גע־
געבן אַ שטאַרקן הויב. אַ באַריכט פון אַ גרופּע פון גרויסע
אויסגעקליבענע קאָרפּאָראַציעס, וואָס האָבן אין 1932 געוויזן
אַ פאַרלוסט פון אַרום 45 מיליאָן דאָלאַר, האָט באַוויזן, אַז

אין 1933 האָבן זיי געמאַכט אַ פּראָפיט פון אַ האַלבן ביליאָן דאָלאַר.

פינפטנס, **היימען פאַר די אַרבעטער:** אָפּשאַצנדיק די סאָציאַלע ווירקונגען פון דעם, וואָס באַ די אַר־בעטער האָט מען אַוועקגענומען אַ טייל פון דעם נאַציאָנאַלן איינקונפט און איבערגעגעבן דאָס צו די רייכע אייגנטימער, מוזן מיר געדענקען, אַז אַפילו אין 1932 האָבן די מאַיאָריטעט אַרבעטער געלעבט אין באַדינגונגען וואָס זיינען נאָר גענוג געווען אָנצוהאַלטן די נשמה, אָדער נאָך נידעריקער. יעדער פאַרלוסט אין איינקונפט האָט געמוזט דירעקט אַראָפּגענומען ווערן פון די טעגלעכע לעבנס־נויטווענדיקייטן. דאָס ווערט אַמשטאַרקסטן אויסגעדריקט אין דער קאַטאַסטראָפאַלער פאַר־ערגערונג פון די וואוינונגס־באַדינגונגען. די עפּידעמיע פון שרפות אין די טענעמענט־הייזער, וואו עס זיינען פאַרברענט געוואָרן הונדערטער מענער, פרויען און קינדער, איז אַ דראַ־מאַטישע אויפדעקונג פון נאָר איין ווינקעלע אין די אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע מיליאָנען קומט אויס צו לעבן.

זעקסטנס, **דאָס צעברעכן פון פאַמיליע־לעבן:** אַ באַראָמעטער פון דער דעגענעראַציע אין די לעבנס־סטאַנדאַרדס, איז די וואַקסנדיקע אַרמיי פון וואַנ־דערנדיקע, היימלאָזע מענטשן, ספּעציעל קינדער. דער „נייער דיל" האָט פאָרגעשלאָגן צו פאַרוואַנדלען די אַרמיי פון היימ־לאָזע אינגלעך אין אַ מיליטערישן רעזערוו דורך די „סי־סי־סי"־קעמפּס. אַרום 380 טויזנט אינגלעך זיינען אַף דעם אופן רעקרוטירט געוואָרן אין 1933 ; אָבער נישט קוקנדיק אַף אָט־דער מאַסן־מיליטעריזירונג, זיינען אַלע באַריכטן איינשטימיק, אַז איצט וואַנדערן אַרום איבערן לאַנד גרויסע צאָלן היימלאָזע יוגנט אין גרעסערע מאַסן ווי פריער.

זיבעטנס, **דער צוזאַמענברוך פון דער שול־סיסטעם:** די באַדינגונגען אין דער שול־סיסטעם, אינם רייכן אַמעריקע, שפּיגלען מיט זיך אָפּ די קאַטאַסטראָ־פאַלע סיטואַציע פון די מאַסן. מיר געפינען ניט קיין שום פאַר־בעסערונג אין דעם „נייעם דיל" אין דעם זינען, נאָר פונקט פאַרקערט, עס קומט איצט פאָר נאָך אַ שטאַרקערע פאַר־ערגערונג אין די באַדינגונגען. איך וויל דאָ געבן נאָר עטלעכע איינצלהייטן, וואָס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן ניט פון קאָמו־

ניסטישע אַגיטאַטאָרן, נאָר דורך דעם „קאָמישאָנער אָוו עדיוּ־קיישאָן״ פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דזשאָרדזש פ. זוק, און פון דער „נעשאָנאַל עדיוקיישאָן אַסאָסיאיישאָן״, וואָס באַ־שרייבן דעם לויפנדיקן שול־יאָר נאָך דעם ווי רוזוועלטס „נייער דיל״ האָט שוין גענומען אַרבעטן. איבער 2 מיליאָן און 290 טויזנט קינדער אין דעם שול־עלטער קאָנען קיין פלאַץ ניט קריגן אין אַ שולע. איבער 2 טויזנט שולן אין דאָרפישע געמיינדעס האָבן זיך ניט געקאָנט עפענען דעם יאָר אין 24 שטאַטן (די אַנדערע 24 שטאַטן האָבן זיך מסתמא גע־שעמט צו באַריכטן, צוליב דעם ווייל זייערע באַדינגונגען זיינען נאָך ערגער!). אַרום 15 הונדערט קאָמערץ־שולן און 16 העכערע אינסטיטוטן האָבן זיך אינגאַנצן ליקווידירט. די שול־טערמינען אין כמעט יעדער גרויסער שטאָט זיינען פאַר־קירצט געוואָרן אַף איינעם און צוויי מאָנאַטן ווי זיי זיינען געווען מיט 70 און 100 יאָר צוריק. דער דורכשניטלעכער טערמין אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס באַשטייט פון 170 שול־טעג אַ יאָר, איז ווייניקער ווי די שול־טעג אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, שוועדן און דענמאַרק. די שכירות פון די לערער זיינען הינטערשטעליק מערסטנס פון 4 ביז 24 מאָנאַטן, כאָטש יענע געמיינדעס צאָלן רעגולער אַף די באָנדס. אין שיקאַגאָ, וואו מען איז די לערער הינטערשטעליק אין די שכירות אַף 25 מיליאָן דאָלאַר, האָט דער קאָמיטעט וואָס פירט דורך די פראָגראַם פאַר עקאָנאָמיע — צווישן זיי זיינען פאַראַן 29 מיטגלידער וואָס זיינען אַלע פאַרבונדן מיט גרויס־קאַפּיטאַל, 5 דירעקטאָרן פון די גרעסטע בענק און 14 איינוואוינער פון דעם עקסקליוזיוון „לייק־שאָר דרייוו״ („דער גאָלדענער זאַמד־ברעג״) — אָפּגעשאַצט, אַז עס זיינען פאַראַן אַ פערטל מיליאָן אומבאַשעפטיקטע לערער. די שכירות פון די לערער זיינען געשניטן געוואָרן אַף 27 פראָצענט. אין 14 שטאַטן איז מען אַפילו הינטערשטעליק אין צאָלן אָט־די גע־שניטענע שכירות.

עס איז אוממעגלעך אַריינצוגיין אין אַלע ווינקעלעך פון די רעזולטאַטן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין דער „דערפאָלגרייכער״ פראָגראַם פון דעם „נייעם דיל״. מיר האָבן אָנגעגעבן געננג פאַקטן וואָס דעקן אינגאַנצן אויף דעם גרויסן „דערפאָלג״. מיר זעען, אַז ער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געגעבן מער די רייכע און אָפּגענומען פון די אָרעמע דאָס ביסל וואָס זיי האָבן געהאַט.

די נייע סטרייק־כוואַליע און די נייע טריט
אין פּאָזיציע

אונזער צענטראַל־קאָמיטעט, אין דעם מאָמענט פון דעם אַפּעל אין דער סטרייק־כוואַליע פון 1933 (אונזער 17טער פּלענום), איז שוין געווען אומשטאַנד פאָראויסצוזען דאָס אויפהויבן זיך פון אַ נייער סטרייק־כוואַליע אין דעם אָנהייב פרילינג פון 1934. דאָס ווערט פאַרווירקלעכט איצט אַרום אונז אַף אַ גרויסן מאַסשטאַב. אין אָט־דער באַוועגונג שפּילן די רעוואָלוציאָנערע כחות נאָך אַפילו אַ גרעסערע ראָלע ווי אין 1933. דאָס ברענגט אויך אַלס רעזולטאַט אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פון זיגרייכע סטרייקן.

אָט־די נייע קאַמף־כוואַליע האָט שוין געבראַכט די רוז־וועלט־אַדמיניסטראַציע צו אַ נייער שטופּ אין דער אַנט־וויקלונג פון איר אַרבעטער־פּאָליטיק. רוזוועלט אַליין האָט דאָס באַקאַנט געמאַכט ווען ער האָט געזאָגט אין זיין דער־קלערונג וועגן דעם „סעטלמענט" אין דער אויטאָמאָביל־אינ־דוסטריע: „מיר האָבן אָנגעצייכנט אַ נייעם וועג."

אין וואָס באַשטייט זיין נייער אָנגעצייכנטער וועג?

די אויטאָמאָביל־מאַנופעקטשורערס האָבן אַליין געגעבן אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג וועגן דעם, ווען זיי האָבן אויסגעדריקט צו דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו־יאָרק העראַלד־טריביון" זייער „צופרידנקייט" מיט דעם רעזולטאַט. „די מאַנופעק־טשורערס זיינען ספּעציעל צופרידן, וואָס דאָס קלאָרער מאַכן פון דעם פּונקט 7־איי זעט אויס צו באַשטעטיקן זייער באַ־הויפּטונג לטובת דער קאָמפּאַניע־יוניאָן."

אָט־דער „אָנגעצייכנטער נייער וועג", ווי די פריערדיגע „נייע וועגן", איז אונטערגענומען געוואָרן מיט דער חתימה פון וויליאַם גרין און די באַאַמטע פון דער א. פ. אָוו ל., מיט די ברכות פון נאָרמאַן טאָמאַס און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

וואָס עס איז ניי אין דעם קורס, איז די עפנטלעכע אָנ־נעמונג פון דער קאָמפּאַניע־יוניאָן ווי אַן אינטעגראַלן טייל פון דעם „קאָרפּאָרירטן שטאַט", וואו פריער האָט, אין די אָפיציעלע פּלענער, די א. פ. אָוו ל. באַקומען (אַפן פּאַפּיר) אַ מאָנאָפּאָל. דאָס מיינט אַ מער אָפענער אַרויסקומען פון דער רעגירונג צו פאַרווערן אָדער צו צעשמעטערן די סטרייק־

באַוועגונג. מאַנאַטן לאַנג האָט געשטורעמט אַ דעבאַטע הינ־טער דער סצענע באַ די קאַפּיטאַליסטן: אַף וועלכן פּערד איינצושטעלן זייער געלט — די א. פ. אָוו ל., אָדער די קאָמ־פּאַניע־יוניאָן. עס זיינען געווען צוויי לאַגערן, וואָס האָבן שאַרף צעטיילט די העכסטע באַראַטונגען. אַף דער באַזע פון די דערפאַרונגען אין דער ערשטער סטרייק־כוואַליע און אין דעם אָנהייב פון דער צווייטער, האָבן ביידע לאַגערן מאָדיפי־צירט זייערע אָנשויאונגען און זיינען געקומען צו איין פאַר־אייניקטן אורטייל, וואָס איז פאַרקערפּערט אין רוזוועלט׳ס „נייעם קורס”. פון איין זייט האָבן די פּאַרטיידיקער פון דער קאָמפּאַניע־יוניאָן זיך איבערצייגט אין דער פולשטענדיקער אונטערטעניקייט און צופאַרטרוילעכקייט פאַר זייערע צוועקן פון גרין, לואיס און די גאַנצע אָפיציעלע א. פ. אָוו ל.־פאַמיליע. אין דעם זינען זיינען זיי איבערצייגט געוואָרן אין דער ריכטיקייט פון דזשאַנסאָנס שטאַנדפּונקט. אין דער צווייטער זייט האָבן זיך די אָנהענגער פון דער א. פ. אָוו ל. איבערצייגט, אַז טראָץ דעם וואָס גרין און קאָמפּאַניע זיינען פולשטענדיק צופאַרטרוילעך, אין ציל, איז אָבער זייער פייאיקייט צו קאָנטראָלירן זייער מיטגלידערשאַפט געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ שוואַכער. שוין אין דעם לעצטן האַרבסט האָט רוזוועלט געהאַט אַן אָנדייט וועגן דעם, ווען דזשאָן ל. לואיס האָט געמוזט צוגעבן, אַז ער איז ניט אומשטאַנד צוריקצוטרייבן די סטרייקערס אין די „קעפּטיוו מיינס”, צוריק צו דער אַרבעט, און רוזוועלט אַליין האָט געדאַרפט מאַכן דעם דזשאַב. אַ צווייטער וויכטיקערביישפּיל פון דעם זעלביקן סאָרט איז געווען די אויטאָמאָביל־סיטואַציע, וואו די א. פ. אָוו ל.־פירער האָבן אָפנהאַרציק געזאָגט דעם פּרעזי־דענט, אַז זיי זיינען ניט אומשטאַנד אָפּצושטעלן די סטרייק־באַוועגונג, אויב רוזוועלט אַליין וועט זיך ניט אַריינמישן. די גאַנצע סטרייק־כוואַליע וואָס האָט זיך אויפגעהויבן קעגן די באַפעלן פון גרין און קאָמפּאַניע, האָט געגעבן די לעקציע. ד ע ר ש ל ו ם א י ז ג ע ו ו ע ן — נישט איינע און נישט די צווייטע, נישט די א. פ. אָוו ל. אַליין, אויך נישט די קאָמפּאַניע־יוניאָן אַליין, נאָר ביידע צוזאַמען אין אַ שטענ־דיקער ענגער פאַרבינדונג און אַ צוגרייטונג פאַר צוזאַמענ־שמעלצן אָט־די צוויי אונטער דער רעגירונגס אויפזיכט. דאָס איז דער תוך פון דעם „נייעם קורס”. געוויס וועלן די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אָנהאַלטן, אָבער מיר טאָרן זיך ניט לאָזן פאַרטומלען פון זיי.

אַט־דער „נייער קורס" איז איצט אין פּראָצעס פון ווערן אינקאָרפּאָרירט אין דעם וואַגנער געזעץ־פּראָיעקט, וואָס האָט אין זיין אָריגינעלער פאָרמע פאָרגעשטעלט א מין וואַט־סאָן־פּאַרקער געזעץ (צוואַנג־אַרביטראַציע אַף די באַנען) פאַר אַלע אינדוסטריען. דער אָריגינעלער ציל צו בינדן די יוניאָנס אין די שטאַרקע קייטן פון דער אַרביטראַציע־מאַשינעריע, צו צעשמעטערן די סטרייק־כוואַליע, ווערט איצט באַגלייט מיט גאַראַנטיעס פאַר ווירקזאַמע רעזולטאַטן דורך צוזאַמענבינדן די טרייד־יוניאָנס מיט די קאָמפּאַניע־יוניאָנס.

לאַ־גוואַרדיאַ האָט באַוויזן, אַז ער פאַרשטייט זיך אַף אַ וואונק, ווען ער האָט זיך „באַשעפטיקט" מיט דעם טעקסי־דרייווערס סטרייק אין ניו־יאָרק. ער האָט שנעל אויפגעגעבן דעם סעטלמענט וואָס ער האָט צוגעגרייט, אַף וועלכן די אַר־בעטער זיינען שוין איינגעגאַנגען, אָבער וועלכן די קאָמ־פּאַניעס האָבן צוריקגעוויזן, און ער האָט גערופן א פאַר־טרעטער פון דער א. פ. אָוו ל. פון וואַשינגטאָן צו פאַרהאַנדלען וועגן אינקאָרפּאָרירן די טעקסי קאָמפּאַניע־יוניאָן אין דער א. פ. אָוו ל. ער איז געווען אין דער גאַנצער פראַגע „אין פּרינציפּ ריכטיק", אָבער ער איז געווען צו איייליק און צו האַמעטנע אין זיין האַנדלונג, אַזוי אַז די דורכפירונג פון דעם פּלאַן איז אָפּגעלייגט געוואָרן פאַר א גינסטיקערער בינע־אויסשטאַטונג.

אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גאַנצן „נייעם קורס" בנוגע די אַרבעטער איז דער שאַרפער קער אין דער פראַגע פון אַרבעטלאָזן רעליף. רוזוועלט האָט אין זיינע הענט נאָך אום־אויסגעגעבענע ביליאָנען, וואָס ער האָט געפאָדערט פון קאָנ־גרעס פאַר רעליף־צוועקן. אָבער פּלוצלונג, אַזוי פּלוצלונג אַז פיל פון זיינע לאָיאַלע „נייע דילערס" זיינען דערשטוינט געוואָרן און עס זיינען אָנגעקומען פון זיי ביטערע פּראָטעסטן (איינשליסנדיק אַזאַ נאָענטן פריינט פון רוזוועלטן ווי גאָווער־נאָר לעהמאַן פון ניו־יאָרק). פּלוצלונג איז די „סי.וו.א." פאַר־מאַכט געוואָרן און מיליאָנען אַרבעטלאָזע זיינען צוריק אָנ־געוואָרפן געוואָרן אַף די באַנקראָטירטע לאָקאַלע רעגירונגען. צו וואָס האָט מען גערדאַרפט א „נייעם קורס" בנוגע די אַר־בעטלאָזע? דער ענטפער ווערט געגעבן אין די ציינישע ווער־טער, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַף דער ערשטער זייט פון דעם „קליוולאַנד פּליין דילער" (זונטיק, דעם 1טן אַפּריל): —

„אָט יענע וואָס זיינען גוט אַזוי צופרידן מיט די נייע „רעליף סטאַנדאַרדס" דענקען, אַז די אַדמיניסטראַציע האָט מסתמא אויסגעפונען, אַז די מאַכט וואָס מ'האָט באַוויליקט די אַרבעטער־יוניאָנס איז גרעסער ווי די רעגירונג וואָלט געוואָלט אַז זיי זאָלן האָבן, און האָט זיך באַקלערט, אַז מיט דעם וואָס מ'וועט מיטאַמאָל אָפּהאַקן די „סי.וו.א." און מ'וועט נידעריק מאַכן די דירעקטע רעליף־הוצאות, וועט דאָס זיין אַ ווירקזאַמער וועג אַף אָנצושטאָפּן דעם אַרבעט־מאַרק און אַרויסנעמען אַ ביסל פון דעם גייסט אין די יוניאָנס."

:: :: ::

וואָס זיינען די הויפּט סטראַטעגישע אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס פליסן אַרויס פון אָט־דעם אַנאַליז פון דער סיטואַציע?

ערשטנס, צו העלפן די מאַסן אַרבעטער, וואָס הויבן אָן צו באַגרייפן, אַז זיי מוזן איינהאַלטן זייער קעגנזייטיקע פאַרניכטנדיקע קאָנקורענץ, אַז זיי מוזן אָנהויבן צו האַנדלען פאַראייניקט קעגן אַ פיינטלעכער רעגירונג־סיסטעם, צו געפינען דעם וועג צו די אומאָפּהענגיקע קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס און קלאַסן־קאַמף, אין דעם קאַמף פאַר זייער טעגלעך ברויט.

צווייטנס, צו אָרגאַניזירן יעדע מעגלעכע פאָרם פון ווידערשטאַנד און קעגנקאַמף קעגן די אַטאַקעס פון דער רעאַקציע, קעגן יעדער רעדוצירונג פון די לעבנס־סטאַנדאַרדס, פאַר לוין־העכערונגען, פאַר מערער רעליף, — פאַר באַשעפטיקונג, פאַר אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג, קעגן קולטורעלער רעאַקציע, קעגן נעגער־אונטערדריקונג, פאַר בירגער־רעכט און פאַר די רעכט צו אָרגאַניזירן זיך און צו סטרייקן.

דריטנס, צו געפינען די ברייטסטע מעגלעכע פאָרמען פון אָרגאַניזירן דעם קאַמף, אָנצואווענדן מיט באָלשעוויסטישער עלאַסטישקייט די טאַקטיק פון דעם פאַראייניקטן פראָנט פון אונטן.

פערטנס, אויפצודעקן די אמת'ע ראָלע פון יעדן באַהאַלטענעם אַגענט פון קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע אין די רייען פון דעם אַרבעטער־קלאַס — די פירער פון דער א. פ. אָוו ל. און פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, פון דער מאָסטיגרופּע, פון די רענעגאַטן — דורך אַ קאָנקרעטן אַנאַליז פון זייערע האַנדלונגען און פּאָליטיק.

פינפטנס, אויפצוהייבן דעם פּאָליטישן באַוואוסטזיין פון די קעמפנדיקע אַרבעטער, צו ברענגען צו זיי אַ פאַרשטענדעניש וועגן דעם קלאַסן־געבוי פון דער געזעלשאַפט, וועגן דעם פאַקט, אַז צוויי הויפּט־קלאַסן קעמפן פאַר קאָנטראָל; אַז רוזוועלט, פירנדיק דעם איצטיקן הערשנדיקן קלאַס, דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, שטייט פאַר דערנידעריקונג, הונגער, נויט, אונטערדריקונג, פאַשיזם, מלחמה, — אַז נאָר דער אַרבעטער־קלאַס וואָס וועט זיך באַנוצן מיט דער שטאַט־מאַכט קאָן עפענען אַ נייע ערא פון שלום, פּראָגרעס און פּראָספּעריטי פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער ראַסע.

זעקסטנס, אַריינדרינגען אין די ברייטסטע מאַסן מיט די גרונד־פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, באַוואָפענען זיי מיט די לעקציעס פון אַ דערפאָלגרייכער רעוואָלוציע, קעגן די פאַרכוואַליע פון סטרייקס און אָרגאַניזאַציע, האָבן איבערגעלאָזט זייער צייכן אויפן אַרבעטער־קלאַס. אַלע פאָרמען פון אַרבעטער־רעטערישע לאָזונגען און אידייען פון דעם סאָציאַל־פאַשיזם.

זיבעטנס, צו באַשאַפן פעסטונגען פון רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אין די סאַמע וויכטיקסטע אינדוסטריעס, געגנטן און פאַבריקן.

אַכטנס, צו קאָנסאָלידירן אַלע די, וואָס זיינען אַממערסטן אַקטיוו, אינטעליגענט, מוטיק און לאָיאַל אין דעם אַרבעטער־קלאַס, אין אַ קאָמפּאַקטער איינהייטלעכער פירערשאַפט פון דעם מאַסן־קאַמף, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָרגאַניש פאַראייניקט מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און אונטערדריקטע פעלקער פון דער וועלט אין אונזער קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די רעזולטאַטן פון דער ערשטער כוואַליע פון קאַמף און אָרגאַניזאַציע אונטער דעם נייעם דיל

דאָס יאָר 1933 און דער אָנהייב פון 1934 מיט זיין כוואַליע פון סטרייקס און אָרגאַניזאַציע, האָבן איבערגעלאָזט זייער צייכן אויפן אַרבעטער־קלאַס. אַלע פאָרמען פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך פאַרגרעסערט. מיר קאָנען זיי צעטיילן אין פיר הויפּט־גרופּן: 1) קאָמפּאַניע־יוניאָנס, וואָס נעמען אַרום אַרבעטער און וואָס ווערן אָפּגעשאַצט פון איין ביז דריי מיליאָן; 2) א. פ. אָוו ל. און שותפות'דיקע אָרגאַניזאַציעס, אַזעלכע ווי די „ריילראָוד בראָדערהודס״ — פינף־הונדערט טויזנט נייע מיטגלידער, מיט אַ סך־הכל מיט־

גלידערשאַפט פון צוויי־און־אַ־האַלב ביז דריי מיליאָן;

3) אומאָפּהענגיקע יוניאָנס — 150 טויזנט נייע מיטגלידער, מיט אַ מיטגלידערשאַפט סך־הכּל פון אַרום אַ פערטל מיליאָן;

4) טרייד־יוניאָן־יוניטי־ליג און שותּפות׳דיקע יוניאָנס — 100 טויזנט נייע מיטגלידער, מיט אַ סך־הכּל מיטגלידערשאַפט פון 125 טויזנט.

....

דער ערשטער שלוס, וואָס מוז געצויגן ווערן פון די ציפערן, איז די מורא׳דיק פאַרגרעסערטע וויכטיקייט פון דעם קאַמף קעגן קאָמפּאַניע־יוניאָניזם. די קאָמפּאַניע־יוניאָן איז די ערשטע פאַרטיידיקונגס־ליניע אין די פאַבריקן פאַר די קאַפּיטאַליסטן קעגן דער הויכער סטרייק־כוואַליע. די קאַמפּס־ליניע קעגן קאָמפּאַניע־יוניאָנס פאָדערט אַ גלייכצייטיקע אַנטוויקלונג פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אינעווייניק, אין דער קאָמפּאַניע־יוניאָן, אויסנוצנדיק יעדע געלעגנהייט אַרויסצושטעלן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, קעמפן פאַר אָט די פאָדערונגען און אַרויסרוקן קעמפערישע קאַנדידאַטן פאַר אַלע אויסגעקליבענע אַמטן, כדי אַזאַ אופן צעררייסן די באַלעבאַטיש־קאָנטראָלירטע אָרגאַניזאַציעס פון אינעווייניק. עס איז שוין באַוויזן געוואָרן, אַז עס איז מעגלעך צייטנווייז צו טראַנספאָרמירן זיי אין אמת׳ע טרייד־יוניאָנס, אָבער נאָר דורך אַן אָפענעם קאַמף. אין דער זעלבער צייט מוזן מיר מאָבילזירן אַלע אומאָפּהענגיקע טרייד־יוניאָן קרעפטן פאַר דער אָפענער צעשטערונג פון די קאָמפּאַניע־יוניאָנס.

דער צווייטער שלוס, וואָס מיר דאַרפן ציען, איז די נאָך פיל גרעסערע וויכטיקייט פון רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין די רייען פון דער א. פ. אָוו ל. דער גרעסטער טייל פון די נייע אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין טרייד־יוניאָנס איז אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר. דער הויפּט־קערן פון זיי איז, ווידער, אין אייניקע פון די סאַמע וויכטיקסטע אינדוסטריעס, ווי מיינינג, טעקסטיל, מיט וויכטיקע גרופּן אויך אין אויטאָמאָביל, שטאָל און מעטאַל־אינדוסטריעס. גראָד אָט די נייע שיכטן אין דער א. פ. אָוו ל. זיינען אַמווייניקסטן קאָנסאָלידירט אונטער דער רעאַקציאָנער פירערשאַפט; זיי זיינען די סאַמע אַקטיווסטע אין אַרויסשטעלן ענערגיש זייערע פאָדערונגען און דערפאַר זיינען זיי די סאַמע רייפסטע פאַר רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט. אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף קעגן דער קאָמפּאַני־יוניאָן, דער קאַמף פאַר די רעכטן פון די א. פ. אָוו ל.־אַרבעטער צו קעמפן פאַר זייערע באַלדיקע

פּאָדערונגען, קאָן אַ גרויסע צאָל פון זיי באַלד געבראַכט ווערן אונטער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט דורך ריכ־טיקער אַרבעט. אָט די נייע רעקרוטן אין דער א. פ. אָוו ל. ווילן נישט אַזוי רואיק צוקוקן ווי די א. פ. אָוו ל.־פירער שענקען אַוועק זייערע רעכט, ווי עס איז געטאָן געוואָרן אין די שטאָל־ און אויטאָמאָביל־קאָודס. זיי זיינען נישט צופרידן ווען זיי זעען, ווי זייערע יוניאָנס ווערן צעשמעטערט דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם „נעשאָנאַל לייבאָר באָרד" (ווערטאָן, באָד, עדזשוואָטער, א. אַז. וו.). זיי זיינען אין אָפענעם אויפ־שטאַנד, ווען זייערע פירער, ווי עס איז געווען אין דעם אויטאָמאָביל־סעטלמענט לעצטע וואָך, צווינגען אַף זיי אַרויף, אַז זיי זאָלן איינגיין אַף דער לעגאַליזירונג פון די קאָמפּאַניע־יוניאָנס און אַז זיי זאָלן נישט רעוואָלטירן ווען מען שטעלט אויסערן געזעץ זייער סטרייק־באַוועגונג. איצט, מער ווי ווען עס איז פריער, איז נויטיק אַ ריכטיקע ענערגישע אַרבעט צווישן די מיטגלידער פון דער א. פ. אָוו ל., געבנדיק זיי אומ־אָפּהענגיקע פירערשאַפט דורך דער קריסטאַליזירונג פון רע־וואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע־גרופּן. עס איז איינע פון די ערשטע אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַריינצוציען זיי אין אַן אַקציע קעגן זייערע פירער און אין אָפענע סטרייקן און אין אַנדערע פאָרמען פון קאַמף פאַר זייערע באַלדיקע פאָדערונגען.

ווי אויסערגעוויינטלעך וויכטיק עס איז אָט־די אַרבעט, ווערט באַוויזן דורך די ערנסטע רעזולטאַטן, וואָס קומען אַרויס פון דער קלענסטער אָנשטרענגונג וואָס ווערט געמאַכט. דער ברייטסטער קרייז פון אָט־דער אַרבעט איז דער אַרבע־טער „אָנעמפּלאָימענט אינשורענס ביל" (ה. ר. 7598). אָט־דער געזעץ־פּראָיעקט האָט שוין פאַרזיכערט די פולע אונטער־שטיצונג פון איבער צוויי טויזנט א. פ. אָוו ל. לאָקאַלע יוניאָנס, פיל שטאָטישע צענטראַלע קערפּערשאַפטן און אַפילו עטלעכע סטייט פעדערייישאָנס אָוו לייבאָר. אין 23 שטעט האָבן מיר פונקציאָנירנדיקע, אַלגעמיינע אָנפירנדיקע קאָמי־טעטן פאַר דער אַרבעט אין דער א. פ. אָוו ל. די רעוואָלוציאָ־נערע עלעמענטן, וואָס זיינען דירעקט אונטער אונזער פירער־שאַפט, זיינען עטאַבלירטע פירער אין 150 לאָקאַלע יוניאָנס מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 50 ביז 60 טויזנט. מינאָריטעט אָפּאָזיציע־גרופּן פונקציאָנירן אין אַרום נאָך 500 לאָקאַלע יוניאָנס. אָט־דער נישקשה'דיקער אָנהייב איז פון היפשער

באַדייטונג דערפֿאַר, ווייל ער שטרייכט אונטער די גוואַלדיקע מעגלעכקייטן וואָס עקזיסטירן ווען מיר מאָביליזירן אַלע מעגלעכע קרעפֿטן אין דעם פֿעלד. אָט־די רעזולטאַטן, וואָס בייטן דעם לויף פֿון אַנטוויקלונג פֿאַר נאָך הונדערטער טויזנטער, קומען נאָר פֿון די ערשטע טריט מיט בלויז אַ קליינער טייל־ווייזער מאָביליזאַציע, אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון אַן אונטערשאַצונג וואָס עקזיסטירט נאָך דערווייל און אַפֿילו אַן אָפּאָזיציע קעגן דער סיסטעמאַטישער אַנטוויקלונג אין דער אַרבעט.

די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס ווינען אַרויסגעקומען אַלס אַ הויפּט־פֿאַקטאָר אין מער ווי אין עטלעכע לייכטע אינדוסטריעס דורכן לעצטן יאָר. הויפּטזאַכלעך זיינען זיי דער רעזולטאַט פֿון דעם מאַסן־רעוואָלט קעגן די א. פֿ. אָוו ל.־פֿאַרראַטן. זיי האָבן אָבער נאָך אַלץ ניט געקאָנט געבראַכט ווערן אין רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס צוליב פֿאַרשיידענע אורזאַכן, הויפּטזאַכלעך צוליב דער שוואַכקייט פֿון אונזער אַרבעט אין דער ט. יו. ל. דאָס סיסטעמאַטישע בויען פֿון רעוואָלוציאָנערע גרופּן אינעווייניק אין די יוניאָנס, מיט אַ פּאָרזיכטיקער פֿאָרמולירונג פֿון דער פּאָליטיק און נירערשאַפֿט אין זייערע קאַמפֿן, איז זייער אַ וויכטיקער שטריך אין אונזער טרייד־יוניאָן סטראַטעגיע. אין די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס מוזן מיר האָבן די זעלבע פּאָרזיכטיקסטע פֿאַנאַנדערטיילונג צווישן דער ערלעכער, אָבער ניט קלאָרער פֿירערשאַפֿט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די ברייטע מאַסן פֿון איין זייט, און די באַוואוסטזיניקע אָפּאָרטוניסטישע רעפֿאָרמיסטישע סאָציאַל־פֿאַשיסטישע עלעמענטן אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער צווייטער זייט, וואָס שטייען נאָך אין שפּיץ פֿון די אומאָפּהענגיקע באַוועגונגען כדי צוריקצוברענגען זיי אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דער א. פֿ. אָוו ל.־פֿירערשאַפֿט. אָט אין דער לעצטער גרופּע שפּילן אַ גרויסע ראָלע די מאַסטיאַיסטן, די לאָווסטאָניסטן און די טראָצקיסטן. דער שאַרפֿסטער פּאָליטישער קאַמף מוז געפֿירט ווערן קעגן די „לינקע” רעפֿאָרמיסטן און די רענעגאַטן, בעת יעדער פֿאַרזוך מוז געמאַכט ווערן אַריבערצוגעווינען צו אונזער קלאַסנקאַמף־פּאָליטיק די ערנסטע עלעמענטן אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון די אומאָפּהענגיקע טרייד־יוניאָנס.

די שטייגנדיקע ראָלע פֿון די רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטן אין די סטרייק־קאַמפֿן

אין דער צייט וואָס די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס פֿון דער

ט. יו. ל. מיט אירע 125 טויזנט מיטגלידער זיינען אין צאָל די קלענסטע פון די הויפּט־גרופּן אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, פונדעסטוועגן זיינען זיי אַף קיין פאַל ניט די אַמווייניקסטנס וויכטיקע. אַנטוויקלענדיק די גאַנצע מאַסן־באַוועגונג פון ווידערשטאַנד קעגן דער נ.ר.א. און דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָפענסיווע, שפּילט די ט. יו. ל. אַן אַנט־שיידענע ראָלע אויך אין די אַנטוויקלונגען פון די סטרייק־באַוועגונגען. דאָס ווערט קלאָרער אַרויסגעבראַכט, ווען מיר באַטראַכטן די סטאַטיסטיק פון דער סטרייק־באַוועגונג אין 1933, אין דער פאָלגנדיקער טאַבעלע:

	מיטגלידערשאַפט	געפּירט אין סטרייקן	נייע מיטגלידער
א. פ. אָוו ל. —	2,500,000	450,000	500,000
אומאָפּהענגיקע	250,000	250,000	150,000
ט. יו. ל. —	125,000	200,000	100,000
אומאָרגאַניזירטע		100,000	
סך־הכל —	2,875,000	1,000,000	750,000

פון די ציפערן זעען מיר, אַז די ט. יו. ל., כאָטש זי באַטרעפט ניט קיין גאַנצע פינף פּראָצענט פון דעם סך־הכל פון דער טרייד־יוניאָן מיטגלידערשאַפּט, האָט דירעקט געפירט 20 פּראָצענט פון אַלע סטרייקן און האָט געוואונען 20 פּראָצענט פון אַלע נייע מיטגלידער. די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס, וואָס מאַכן אויס אַ ביסל ווייניקער ווי 10 פּראָצענט פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפּט, האָבן געפירט 25 פּראָצענט פון אַלע סטרייקן. די א. פ. אָוו ל.־יוניאָנס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר 85 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפּט, האָבן געפירט 45 פּראָצענט פון די סטרייקן. דאָס אילוסטרירט די ראָלע פון דער פירערשאַפּט פון די דריי גרופּן אין באַצוג צו דער סטרייק־באַוועגונג. די א. פ. אָוו ל.־פירערשאַפּט איז דער צענטער פון דעם ווידערשטאַנד צו די סטרייקן און דער צענטער פון דער סטרייק־ברעכערישער טעטיקייט אין די רייען פון די אַרבעטער. די ט. יו. ל.־יוניאָנס זיינען געווען די טרייבנדיקע קרעפטן אין דער פירערשאַפּט און אַנטוויקלונג פון די סטרייקן געגן אַלע סטרייק־ברעכער. די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס שטעלן מיט זיך פאָר די מאַסן, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער א. פ. אָוו ל.־פירערשאַפּט, נאָר טראָגן נאָך מיט זיך אַ טייל פון דעם אַלטן באַגאַזש פון אומקלאָרער און אַפילו אָפענער רעפאָרמיסטישער פירערשאַפּט, וואָס האָט

זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעזאָגט פו" דער א. פ. אָוו ל.־פּאָליטיק אין די יוניאָנס.

די שטייגנדיקע וויכטיקייט פון די אומאָפּהענגיקע און ט. יו. ל.־יוניאָנס ווערט אונטערגעשטראָכן דורך דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פולן דריט־חלק פון דער גאַנצער פאַרגרעסערטער טרייד־יוניאָן מיט־גלידערשאַפט, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַלס רעזול־טאַט פון דער סטרייק־באַוועגונג, און אַז צוזאַמען האָבן זיי געפירט 45 פּראָצענט פון די סטרייקן, אַ גלייכע ציפער מיט דער א. פ. אָוו ל. מיר דאַרפן נאָך אויך צוגעבן, אַז עס איז קלאָר, אַז די 450 טויזנט סטרייקערס אונטער דער א. פ. אָוו ל. זיינען ניט געפירט געוואָרן אין קאַמף דורך דער פירער־שאַפט, נאָר להכעיס איר און אַנטקעגן איר. אונזער אָפּאָזיציע־אַרבעט אין דער א. פ. אָוו ל. האָט געשפּילט אין דעם אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין אייניקע אינדוסטריעס. עס וואָלט געווען אוממעגלעך פאַר אַ סטרייק־באַוועגונג פון אַזאַ גרויס, אַז זי זאָל זיך אויפהויבן פון די א. פ. אָוו ל.־רייען אָן דעם איינפלוס פון דער סטרייק־באַוועגונג פון אַ גלייכער גרויס אויסער דער א. פ. אָוו ל., וואָס איז אַנטוויקלט און געפירט געוואָרן פון דער ט. יו. ל. און אומאָפּהענגיקע יוניאָנס.

אונזער פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציע שטעלט פאַר דעם צוזאַמענפאָר אַלס אַ צענטראַלן פּונקט אין אונזער איצטיקער טרייד־יוניאָן־סטראַטעגיע די אויפגאַבע פון פאַראייניקן די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס מיט די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס. אָנהויבנדיק באַזונדער אין יעדער אינדוסטריע און אַף דעם גרונט פון דער דאָרטיקער דערפאָלגרייכער אַרבעט, מוזן מיר זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון קאָנסאָלידירן אַלע קלאַסן־קעמפערישע טרייד־יוניאָן־קרעפטן אין אַן איינציקער אומ־אָפּהענגיקער פעדעריישאָן אָוו ליי־באָר.

מיר מוזן פאַרמיידן, אויב מעגלעך, די קריסטאַליזירונג פון אַ דריטן טרייד־יוניאָן צענטער, וואָס שטייט אין מיטן צווישן דער א. פ. אָוו ל. און דער ט. יו. ל. מיר מוזן זיין צוגעגרייט צו מאַכן די סאַמע גרעסטע אָנשטרענגונגען און צו דערגרייכן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אייניקייט פון אַלע עכטע קלאַסנקעמפערישע טרייד־יוניאָן קרעפטן. די מעגלעכקייט פון דערפאָלג אין דער ריכטונג איז שוין אָנגעמערקט אין דעם טיילווייז־דערפאָלגרייכן צוזאַמענשמעלצן זיך פון דער

ט. יו. יו. ל. און די אומאָפּהענגיקע שוך־אַרבעטער יוניאָנס. אָט־די דערפאַרונג גיט אַ קלאָרן אָנדײַט פון אונזער אַלגע־מיינער ליניע אין דער פּראַקטיק.

דער אויפשטייג פון די מאַסן רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס אין די געגענטן פון דעם פּאַסיפישן ברעג צווישן די אַגרי־קולטורעלע און קענערי־אַרבעטער, פישערלייט און האָלץ־אַרבעטער, איז פון גרויסער וויכטיקייט פאַר אונז אין דער איצטיקער צייט. אָט־די אָרגאַניזאַציעס און די היסטאָרישע קאַמפן, וואָס זיינען באַ זיי געפירט געוואָרן, האָבן געגנוי עטאַבלירט דעם פאַקט, אַז אונזער באַוועגונג האָט אינגאַנצן איבערגענומען און איינגעזאַפּט אין זיך די ספּעציפישע אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, אין יענער טערי־טאָריע, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אין און אַרום די „איי־דאָבליו־דאָבליו” איידער עס איז אויסגעוואַקסן די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי.

דער אויפשטייג פון די רעוואָלוציאָנערע אַגריקולטורעלע אַרבעטער־יוניאָנס, ספּעציעל אין דער קאַליפאָרניער געגנט, האָט אַ ווייטערדיקע ספּעציעלע באַדייטונג פאַר אונזער פּאַר־טיי. דאָס איז דער ערשטער אָנהויב פון מאַסן־אָרגאַניזאַציע צווישן אַ קאַטעגאָריע פון אַרבעטער, וואָס טראָגן דעם צע־שפּרייטן און דעצענטראַליזירטן כאַראַקטער פון איר אַרבעט אין מערער געגענטן, שטעלט מיט זיך פאָר אין צאָל די גרעס־טע איינציקע קאַטעגאָריע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. די אַגרי־קולטורעלע אַרבעטרע, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ציילן פון צוויי־און־אַ־האַלב ביז 3 מיליאָן אַרבעטער. גרויסע צאָלן פון זיי זיינען גינסטיק פאַר אָרגאַניזאַציע, ספּעציעל אין די טיילן פון דער אינדוסטריע, וואָס איז אָרגאַני־זירט אויף די ליניעס פון מאַסן־פּראָדוקציע פאַר די שטאָט־מערק, פרוכט, גרינסן און מילך־פאַרמעריי. גרויסע צאָלן פון אָט־די אַרבעטער געפינען זיך אין מאַסן אַרום די אינדוסט־ריעלע צענטרס אין דער איסט און מיטל־וועסט, נאָענט צו דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין די שטעט. אַן ערנסטע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע פון אָט־די אַרבעטער באַ־זאָרגט אַ זייער וויכטיקע אויסברייטערונג אין דער אַרבעטער־קלאַס־באַזע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין דער זעלביקער צייט שטעלן זיי צו די נויטיקע קלאַסן־באַזע פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע צווישן די אָרעמע און מיטעלע פאַרמער, וואָס רעוואָלטירן אַלץ מער און מער קעגן

די קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקעס. די אָרגאַניזירטע אַגריקולטורעלע אַרבעטער וועלן, אין דער ערשטער ריי, צושטעלן אַ שטאַרקע באַזע פאַר דער אַרבעטער־קלאַס פירערשאַפט אין דער שותּפות צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, אַלס אַ גאַנצן, מיט דער באַוועגונג פון די רעוואָלטירנדיקע פאַרמער. די נויטווענדיקייט פון דער אַלגעמיינער פירערשאַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס איבער די באַוועגונגען פון אַלע אַנדערע טיילן פון דער עקספּלואַטירטער באַפעלקערונג, כּדי אַלע זייערע קרעפטן זאָלן פאַראייניקט ווערן פאַרן אַלגעמיינעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, דאַרף ווערן קלאָר צו יעדן פּאַרטיי־דיסטריקט; די אַרבעט אין דערגרייכן און אָרגאַניזירן די אַגריקולטורעלע אַרבעטער נעמט אָן אַן אויסערגעוויינטלעכע וויכטיקייט אין דער איצטיקער צייט.

די קאַמפּן פון די פאַרמער און באַוועגונגען פון אַ געמישטן קלאַסן־כאַראַקטער

די באַוועגונג פאַר אָרגאַניזירן די וואַקסנדיקע סטרייק־קאַמפּן צווישן די באַשעפטיקטע אַרבעטער צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער אָרגאַניזירונג פון די אַרבעטלאָזע, האָבן געדינט אַלס אַ מעכטיקער סטימול פאַר די אַקטיוויטעטן פון אַנדערע טיילן פון דער עקספּלואַטירטער באַפעלקערונג, און ציען־צו אַנדערע גרופּן אַרום דעם אַרבעטער־קלאַס אַלס דער פירנדיקער און אָרגאַניזירנדיקער צענטער. מיר האָבן געזען די ערנסטע אָנהייבן אין דעם פּראָצעס אין דער באַציאונג צו דער פאַרמער־באַוועגונג. אָט־די באַוועגונג הויבט אָן אָננעמען אַן אַנדערן כאַראַקטער פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען אין די פריערדיקע פאַרמער־באַוועגונגען. די נייע כאַראַקטעריסטישע שטריכן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן קלאָרער אין יענע קאַמפּן און אָרגאַניזאַציעס פון די פאַרמער, וואָס האָבן געפונען זייער אָרגאַניזירנדיקן צענטער אין דעם פאַרמערס קאָמיטעט פאַר אַקציע, און די צוויי נאַציאָנאַלע פאַרם־קאָנפערענצן וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דורך אים אין 1932 אין וואַשינגטאָן, און אין 1933 אין שיקאַגאָ, ספּעציעל זיין לינקער פליגל — די יונייטעד פאַרמערס ליג. וואָס איז ניי אין דער פאַרמער־באַוועגונג איז, ערשטנס, די פּאָליטישע קלאָרקייט מיט וועלכער זי האָט אַטאַקירט די טראַדיציאָנעלע סגולות, מיט וועלכע די פאַרמער זיינען אַזויפיל מאָל גענאַרט געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט (געלט־רעפאָרם, א. אַז. וו.),

און איר אַנטשלאָסענער באַקעמפן די אַנטי־פֿאַרמער פּאָליטיק פֿון רוזוועלטס „נייעם דיל״ (די גערעטעניש־רעדוקציע, א. אַז. וו.). זי צייכנט זיך אויס מיט איר פֿייִקייט אויפֿצוהייבן זיך איבער די געגנטדיקע און ראַסע־צעטיילונגען, דורך איר פּראָקלאַמירן די אייניקייט פֿון דעם נעגער מיט דעם ווייסן פֿאַרמער, דורך פֿאָרמולירן נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון און אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם אין קעגנערשאַפֿט צו דעם שמאָלן, געגנטלעכן, פּראָווינציעלן צוגאַנג. זי האָט געטראָפֿן אין דעם סאַמע האַרץ פֿון די פֿאַרמער־פּראָבלעמען מיט איר פֿאָדערונג פֿאַר אָפּשאַפֿן די מאָרטגעדזשעס, חובות און אומבאַצאָלטע טעקסעס, שאַרף אויפֿהייבנדיק די סאַמע לעבנס־וויכטיקע פֿראַגן וואָס באַשטימען די קלאַסן־פֿאַרוואַנדשאַפֿט. מער ווי אַלץ איז וויכטיק, וואָס זי איז געווען אומשטאַנד נישט נאָר צו פּראָקלאַמירן דעם אַבסטראַקטן פּרינציפּ פֿון דעם אַרבעטער־פֿאַרמער בונד, נאָר אויך פּראַקטיש אָנצוהייבן צו פֿאַרווירקלעכן אים אין דעם טעגלעכן לעבן און קאַמף.

די באַוועגונג פֿון די מלחמה־וועטעראַנען איז אַ מאַסן־באַוועגונג פֿון אַ געמישטן קלאַס־וועזן, וואָס האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ רעוואָלוציאָנערן פּנים אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין דעם פֿאַרגאַנגענעם פּעריאָד. די וועטעראַנען־באַוועגונג שטעלט מיט זיך פֿאָר אַרבעטער, פֿאַרמער און אַ גרויסע פּראָפּאָרציע פֿון מיטל־קלאַס עלעמענטן. זי איז פֿאַר־איינהייטלעכט ניט דורך איר קלאַסן־קאָמפּאָזיציע, נאָר דורך אירע אַלגעמיינע פֿאָדערונגען פֿאַר אויסצאָלן דעם באָנוס, פּענסיעס פֿאַר אַרבעט־אומפֿייִקע און האָספּיטאַליזאַציע, אָט־די אַלע בענעפֿיטן, וואָס זיינען שווער אַטאַקירט געוואָרן פֿון רוזוועלטס אַדמיניסטראַציע. די גוואַלדיקע רעוואָלוציאָנערע פּאָטענצן אין אָט־דער באַוועגונג זיינען דערשטוינענדיק אויפֿגעדעקט געוואָרן אין דעם גרויסן באָנוס־מאַרש אין 1932, וועלכער איז געווען אַ מורא׳דיקער אויסדרוק פֿון מאַסן־אומ־צופֿרידנהייט קעגן דער הואָווער־רעגירונג. אַז אָט־די קרעפֿטן זאַמלען זיך ווידער, אַז זיי איבן אויס אַ מורא׳דיקן דרוק, אַז זיי סטראַשען ווידער אויסצוברעכן אין אַ מאַסן־אַקציע, איז דראַמאַטיש באַוויזן געוואָרן דורך דער צעשראָקענער האַנדלונג פֿון קאָנגרעס אין זיין נאָכאַמאָל אָננעמען דעם געזעץ־פּראָ־יעקט וועגן צוריקגעבן אַ קליינעם טייל פֿון דעם וואָס דער רוזוועלט־רעזשים האָט אַראָפּגע׳גנב׳עט פֿון די וועטעראַנען, נישט קוקנדיק אַף רוזוועלטס וועטאָ. אַ זייער וויכטיקע ראָלע

אין דער וועטעראַנען־באַוועגונג שפּילט די נאָך אַלץ קליינע, אָבער זייער אַקטיווע, „וואָרקערס עקס־סערוויסמען ליג". אויב אָט־די אָרגאַניזאַציע וואָלט באַקומען מער קאָאָפּעראַציע און שטיצע, מער סיסטעמאַטישע הילף אין רעקרוטירן אַלע פּאָטענציעלע קרעפטן פון די וועטעראַנען, וואָס זיינען נאָך ביז איצט ניט אַקטיוו אין אָט־דער אַרבעט, וואָלטן די רעזול־טאַטן אין ברענגען צום אַקטיוון אויסדרוק די מאַסן־קרעפטן פון דעם וועטעראַנען־אויפשטאַנד צייטיק געוואָרן פיל שנע־לער. די וועטעראַנען־באַוועגונג איז דער וואַרטפולסטער שותף אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס. עס איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער גאַנצער פּאַרטיי צו מאָביליזירן די הילפס־קרעפטן פאַר דער באַוועגונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

נאָך אַ הילפס־באַוועגונג פון שטייגנדיקער וויכטיקייט, וואָס איז דערשינען ערשט אין די לעצטע צוויי יאָר אַלס אַן ערנסטער פאַקטאָר, איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן די סטודענטן. אויך אין דער סטודענטן־באַוועגונג האָבן מיר צו טאָן מיט אַ געמישטער קלאַסן־קאָמפּאָזיציע. אָט־די באַוועגונג האָט זיך הויפּטזאַכלעך אָנגעהויבן אין די העכערע לערן־אינסטיטוציעס מיט אַן איבערוועגנדיקער מיטל־קלאַס־קאָמפּאָזיציע. זי האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אויך אין די נידעריקע שולן און האָט פאַרוויקלט אַ גרויסע צאָל פּראָלעטאַרישע סטודענטן אין אירע טעטיקייטן. אָט־די באַוועגונג, וואָס ווערט געפירט און אָרגאַניזירט פון דער נאַ־ציאָנאַלער סטודענטן־ליג, האָט עטאַבלירט אַ באַזע אין הונ־דערטער היי־סקולס, קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטן; זי איז געוואָרן נאַציאָנאַל אין איר אומפאַנג; זי האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן און וואַקסנדיקן איינפלוס אויף אַלע אינטעלעקטועלע קרייזן. פון אָנהייב אָן איז זי געווען אויסגעשפּראָכן רעוואָלו־ציאָנער אין איר פּראָגראַם און אין איר טעטיקייט. איינער פון אירע שטאַרקסטע פונקטן איז געווען איר קלאָרע אָנער־קענונג, אַז די פירנדיקע ראָלע באַלאַנגט צו די אַרבעטער און ניט צו די סטודענטן, אין דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. ספּעציעל האָט די סטודענטן־באַוועגונג געמאַכט אַ וואַרטפולן בייטראָג אין אויסברייטערן די אָרגאַני־זירטע מאַסן־באַוועגונג קעגן מלחמה און פאַשיזם, צווישן די יוגנט־מאַסן. פאַקטיש איז די סטודענטן־באַוועגונג אַ פּיאָנער

אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער אַנטי־מלחמה באַוועגונג דורך איר סטודענטן אַנטי־מלחמה קאָנגרעס אין שיקאַגאָ אין דעצעמבער 1932, וועלכער האָט צום ערשטן פאַראייניקט, אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, אַנטי־מלחמה קרעפטן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע און קלאַסן־אָפּשטאַמען. איר באַטייליקן זיך אין דער יוגנט־אָפּטיילונג פון דער אַמעריקאַנער ליג קעגן מלחמה און פאַשיזם, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די סאַמע טיפסטע און ווערטפולסטע פאַזן אין דער אַרבעט פון יענער אָרגאַניזאַציע. דורך אַן אָרגאַניזירטער אָנטיילנעמונג אין העלפן סטרייק־אַקציעס, פאַרטיידיקונגס־באַוועגונגען, די „סקאַטסבאָראָ־קיים", א. אַז. וו., זיינען די סטודענטן געבראַכט געוואָרן נאָענט צו דער באַטייליקונג אין דעם אַלגעמיינעם קלאַסן־קאַמף, און דאָס האָט זיי געלערנט דעם פּראַקטישן באַטייט פון אַרבעטער־קלאַס פירערשאַפט. די שוואַכקייט פון אָט־דער באַוועגונג באַשטייט נאָך אַלץ אין דעם, וואָס אירע פירנדיקע קאַדרען ווערן נאָך אַלץ געצויגן פון די מיטל־קלאַס עלעמענטן אין די קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטן, וואָס זי באַזירט זיך נאָך ניט גענוג אַף די גרויסע קערפּערשאַפטן פון די פּראָלעטאַרישע סטודענטן אין ־י נידעריקערע שולן און ציט זיי אויך ניט גענוג אַריין אין ־ער אַקטיווער פירערשאַפט פון דער באַוועגונג.

די ברייטסטע באַוועגונג פון אַ געמישטער קלאַסן־קאָמפּאָזיציע איז געווען די אַמעריקאַנער ליג קעגן מלחמה און פאַשיזם, וואָס איז פאָרמירט געוואָרן אַף דעם גרויסן אַמעריקאַנער קאָנגרעס קעגן מלחמה, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם לעצטן אָקטאָבער, אין ניו־יאָרק. דער קאָנגרעס אַליין, בעת זיין קאָמפּאָזיציע איז באַשטאַנען מערסטנטייל פון אַרבעטער־קלאַס עלעמענטן, האָט אַרומגענומען די ברייטסטע פאַרשיידנאַרטיקייט פון אָרגאַניזאַציעס וואָס זיינען ווען עס איז פאַראייניקט געוואָרן אַף איין פּלאַטפאָרם דאָ אין לאַנד. ער האָט צוזאַמענגעזאַמלט די סאַמע באַדייטנדיקע שיכט פון די אינטעלעקטואַלן. די ברייטקייט פון דער באַוועגונג איז נישט דערגרייכט געוואָרן דורך אויפאָפּפערן די קלאָרקייט פון דעם פּראָגראַם. פאַרקערט, בעת די פּראָגראַם פון קאָנגרעס איז קלאָר ניט געווען די פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, איז זי אָבער אַזוי קלאָר און גענוי אין איר באַהאַנדלען די גרונט־אישוס, אַז איר דורכפירונג אין פּראַקטיק מוז ברענגען קלאָרע רעוואָלוציאָנערע פאָלגן. זי איז אַן אמת'ע

פּראָגראַם פון פּאַראייניקטן פראָנט, פאַר באַלדיקן קאַמף קעגן מלחמה און פאַשיזם. דאָס איז די אורזאַך פאַר די פאַרצווייפלטע פאַרזוכן אָפּצוברעכן און צו צעשפּליטערן די אַמעריקאַנער ליג קעגן מלחמה און פאַשיזם, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן, און ווערן נאָך איצט אויך געמאַכט פון די סאָציאַליסטישע פירער, מאָסטיאיסטן, און די רעגענאַטן פון קאָמוניזם. די אומגעצוימטע ווילדקייט פון די אַטאַקעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן דער ליג, דורך די דאָזיקע עלעמענטן און דורך זייערע בוזעם־פריינט פון דער נאַציאָנאַלער סיוויק פעדעריישאָן, ראַלף איזלי, מעטיו וואָל און קאָמפּ., דאַרפן אונז איבערצייגן אין דעב רעוואָלוציאָנערן ווערט פון אָט־דער ברייטער פאַראייניקטער־פראָנט אָרגאַניזאַציע. אין ערנסטער זעלבסט־קריטיק מוזן מיר זאָגן, אַז כאָטש אונזער באַוועגונג האָט זיך אָפּגערופן אויסגעצייכנט (אין מערסטן טייל פלעצער) אַף דעם רוף צו דעם נאַציאָנאַלן קאָנגרעס, פונדעסטוועגן האָט זי ניט אומעטום נאָכגעפאָלגט אָט דעם קאָנגרעס מיט ערנסטער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט כדי צו קאָנסאָלידירן די פּאָטענציעלע באַוועגונג, וואָס איז צוזאַמענגעבראַכט געוואָרן. נאָר אין עטלעכע פלעצער האָט מען זיך גענומען ערנסט פאַר דער אַרבעט. אין יעדן פלאַץ מוז דער אומפּאַרטייאישער און קלאַסן־געמישטער כאַראַקטער פון דער באַוועגונג געפירט ווערן פאָראויס, אָבער נישט אַף דעם חשבון פון אויסלאָזן דעם אַרבעטער־קלאַס און דער קאָמוניסטישער באַטייליקונג, ווי עס איז צו אָפט געווען דער פאַל. די אַמעריקאַנער ליג פּראָקלאַמירט אין איר פּראָגראַם, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז די גרונט־קראַפט פאַרן קאַמף קעגן מלחמה; פון אָנהייב אָן האָט זי קיינמאָל ניט געפּרואווט צו פאַרלייקענען די באַטייליקונג פון דער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר פּאַרטיי אין אָט־דעם ברייטן פאַראייניקטן פראָנט. עס איז אונזער אויפגאַבע צו זען, אַז די אַמעריקאַנער ליג זאָל, אָרגאַניזאַציאָנעל, קריגן יענעם אַרבעטער־קלאַס פונדאַמענט און אַקטיווע באַטייליקונג פון די קאָמוניסטן, פאַר וועלכן עס שרייבט פאָר איר פּראָגראַם.

דער קאַמף פאַר נעגער־רעכט

איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז שאַרף אַרויסגעקומען אין דעם סאַמע פראָנט פון אונזער פּראַקטישער אַרבעט, איז די באַפרייאונג

פֿון דעם נעגער־פֿאָלק פֿון דער ספּעציעלער אונטערדריקונג, אונטער וועלכער ער איז אונטערגעוואָרפֿן. אָרגאַניזירנדיק און פֿירנדיק דעם קאַמף פֿאַר נעגער־רעכט, פֿירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי דורך דעם לאָזונג, וואָס איז צום ערשטן מאָל אויסגעדריקט געוואָרן פֿון קאַרל מאַרקס, ווען ער האָט אָרגאַניזירט די „אינטערנאַציאָנאַלע שטיצע" פֿון די אייראָפּייאישע אַרבעטער פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון די נעגער־שקלאַפֿן אין אַמעריקע. מאַרקס האָט געזאָגט: „דער אַרבעטער אין אַ ווייסער הויט קאָן ניט זיין פֿריי, בעת דער אַרבעטער אין דער שוואַרצער הויט ווערט געבראַנדמאַרקט." די זאַך פֿון דער באַפֿרייאונג פֿון די נעגער פֿון זייער ספּעציעלער אונטערדריקונג איז שטאַרק צוזאַמענגעבונדן מיט דער זאַך פֿון דער באַפֿרייאונג פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערדריקונג. דערפֿאַר וואָס אונזער פּאַרטיי אַלס גאַנצע האָט נאָך אַלץ ניט גרינטלעך פֿאַרשטאַנען די טעאָרעטישע באַזע פֿאַר אונזער נעגער־פּראָגראַם, איז נויטיק נאָכאַמאָל ווידער צו דיסקוטירן די פֿראַגע אויף דער קאָנווענשאָן.

פֿון איר סאַמע אָנהויב אָן, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַריינגעשטעלט די פֿאָדערונגען פֿאַר נעגער־רעכט אין איר פּראָגראַם. אין דעם ערשטן פּעריאָד פֿון אונזער אַרבעט, ביז 1929, קאָנען מיר ניט אָנווייזן קיין שום גינסטיקע רעזולטאַטן. דאָס איז געווען דערפֿאַר, ווייל די פּאַרטיי, טראָץ דער ריכטיקער אַלגעמיינער אָריענטאַציע, האָט נאָך ניט געהאַט אַ קלאָרע באָלשעוויסטישע פֿאַרשטענדעניש אין דער נעגער־פֿראַגע, אַלס די פּראָבלעם פֿון דער באַפֿרייאונג פֿון אַן אונטערדריקטער נאַציע. די פּאַרטיי האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפֿרייט פֿון דעם באַגרענעצטן בורזשואַ־ליבעראַלן צוגאַנג צו נעגער־רעכט, ווי אויך ניט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָפּלייקענונג, אַז עס איז פֿאַראַן אַזאַ זאַך ווי די נעגער־פֿראַגע און איר פֿאָרמולע, אַז די נעגער קאָנען געפֿינען זייער באַפֿרייאונג נאָר דורך דער עטאַבלירונג פֿון סאָציאַליזם און אַלס אַ טייל פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס. אונזער פּאַרטיי, אָבער, האָט כסדר אָנגעהאַלטן דעם קאַמף אַרום דער פֿראַגע און האָט עס כסדר געהאַלטן אין דיסקוטירן. אַלס רעזולטאַט פֿון דעם איז די פּראָבלעם געבראַכט געוואָרן צו דער באַטראַכטונג פֿון אונזער וועלט־פּאַרטיי, אויף דעם 6טן קאָנגרעס פֿון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די רעזאָלוציע, וואָס איז דאָרט אויסגע־

אַרבעט געוואָרן, און וואָס איז שפּעטער באַארבעט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער רעזאָלוציע אין אָקטאָבער, 1930, האָט ענדלעך באַוואָפנט פּאָליטיש אונזער פּאַרטיי פאַר אַן אַנטשיידענעם טריט פאָראויס אין אויפוועקן און אָרגאַניזירן די נעגערשע באַפרייאונגס־באַוועגונג, אין פאַראייניקן די נעגער און די ווייסע אַרבעטער אין אַ פעסטער אומצוברעכבאַרער סאָלידאַריטעט.

די כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין דער לאַגע פון די נעגער אין אַמעריקע אַלס אַן אונטערדריקטע נאַציע זיינען אויסגעדריקט אין: 1) דער פאַקט, וואָס די נעגערשע גרונט־באַפעלקערונג, וואָס איז באַשעפטיקט אין קולטיווירן דאָס לאַנד, ווערט סיסטעמאַטיש אויסגעשלאָסן פון דעם אומאָפּהענגיקן באַזיץ פון לאַנד וואָס זי קולטיווירט; 2) אַז מיט דעם ווערן זיי רעדוצירט צו אַ לאַגע פון האַלב־שקלאַפעריי אין דער פאָרמע פון ספּעציעל־עקספּלואַטירטע טענענטס און שעיר־קראַפּערס; 3) אַז אָט־די ספּעציעלע עקספּלואַטאַציע ווערט דורכגעפירט דורך אַ סיסטעם פון לעגאַלער און אומלעגאַלער דיסקרימינאַציע, סעגרעגאַציע (אָפּזונדערונג), דאָס אָפּנעמען פון פּאָליטישע רעכט, די פּערזענלעכע אונטערגעוואָרפנקייט צו איינציקע עקספּלואַטאַטאָרס און אַלע סאָרטן פון גוואַלט־אונטערדריקונגען, וואָס דערגייען צו די סאַמע ברוטאַלסטע און באַרבאַרישסטע מערדערייען, באַוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס לינטש־געזעץ. עס איז שווער צו געפינען וואו עס איז אין דער וועלט אַזעלכע ביישפּילן פון באַרבאַרישע פּייניקונגען, ווי עס ווערן באַנוצט אין אַמעריקע דורכצופירן די ספּעציעלע אונטערדריקונג פון דעם נעגער־פאָלק.

די היסטאָרישע אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער נעגער־באַפעלקערונג אין אַמעריקע אַלס אימפּאָרטירטע שקלאַפן פון אַפריקע, צוזאַמען מיט דעם פאַקט, וואָס מען האָט זיי געקאָנט זייער לייכט דערקענען צוליב זייער ספּעציעלער ראַסן־כאַראַקטעריסטיק, האָבן פאַרגרינגערט די אָנשטרענגונגען פון דעם ווייסן, הערשנדיקן קלאַס צו באַשאַפן די אינסטיטוציעס און איינפירונגען פון דער ספּעציעלער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן גלייך נאָך דעם ווי עס איז צעשמעטערט געוואָרן די שקלאַפן־סיסטעם דורך דעם בירגער־קריג. אָט־די שטריכן גיבן דער נעגער־פראַגע דעם כאַראַקטער פון אַן אונטערדריקטער נאַציע.

די נעגער זיינען נאָך קיינמאָל ניט באפרייט געוואָרן. די פאָרמען פון זייער אונטערדריקונג האָבן זיך נאָר געביטן, פון שקלאַפעריי, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטערונג צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, צו די „מאָדערנערע" פאָרמען פון אַזוי־גערופענער פרייער אַרבעט (וואָס עס מיינט, אַז דער באַלעבאָס ווערט באַפרייט פון אַלע פליכטן ווען ער באַצאָלט די טעגלעכע אָדער שעה'דיקע הונגער־וויידזשעס), און האַלב־פעאָדאַלע פאָרמען פון שעיר־קראַפּעריי, א. אַז. וו., מיט וועלכע אַן אימפּעריאַליסטישע נאַציע אונטערדריקט און עקספּלואַטירט אַ שוואַכע נאַציע. די פּאָזיציע פון די נעגער־מאַסן, אַלס פאַרמער וועלכע מען לאָזט ניט באַזיצן דאָס לאַנד, איז דער פונדאַמענט פאַר דער ספּעציעלער אונטערדריקונג פון דעם נעגער־פאָלק אַלס אַ גאַנצן. אַלע פאַזן פון קאַמף פאַר נעגער־רעכט מוזן דעריבער אָננעמען אַלס זייער פונדאַמענט און ערשטע טריט דעם קאַמף פאַר לאַנד־באַזיץ פאַר די ערדלאָזע נעגער־פאַרמער. דאָס קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורך דורכברעכן די הערשאַפט פון דעם ווייסן, לענדלאָרישן, הערשנדיקן קלאַס, דורך דער דורכפירונג פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע, ווי ס'איז דורכגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע אין דעם ערשטן העלפט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, ווען עס זיינען געלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פאַר דעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם. די אַגראַרע רעוואָלוציע, וואָס דאָס מיינט די צעטיילונג פון לאַנד צווישן די וועלכע באַארבעטן דאָס לאַנד, איז היסטאָריש אַ טייל פון דער בור־זשואַ־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. אָבער אָט־די רעוואָלוציע איז קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן אינגאַנצן אין וועלכן עס איז לאַנד, און כמעט אינגאַנצן ניט באַ די שוואַכע נאַציעס; די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאָרמען פון אונטערדריקן און עקספּלואַטירן די שוואַכע נאַציעס האָט זיך איבערגעטראָגן אין דער מאָדערנער צייט און איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין די סיסטעמען פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל און מאָדערנעם אימפּעריאַליזם.

דער קאַמף פאַר פאַרענדיקן די בורזשואַ־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע פאַר די נעגער, ווי פאַר אַנדערע אונטערדריקטע נאַציעס, ווערט אַף אַזאַ אופן, אין היינטיקן טאָג, אָביעקטיוו, אַ רעוואָלוציאָנערער קאַמף צו אומוואַרפן דעם אימפּעריאַ־ליזם. אַלס אַזעלכער, איז ער דער שותּף פון דעם רעוואָלוציאָ־נערן פּראָלעטאַריאַט קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא — פינאַנץ־

קאַפּיטאַל. אַזאַ אַגראַרע רעוואָלוציע קאָן נאָר דורכגעפירט ווערן דורך געווינען נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג פאַר די נעגער אין יענער טעריטאָריע, אין וועלכער זיי שטעלן מיט זיך פאָר די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג און די גרונט־פּראָדוקטיווע קראַפט אַפן לאַנד, אָדער אַלס אַ ביי־פּראָדוקט פון אַ זיגרייכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, אינם לאַנד אַלס אַ גאַנצן. דער גרונט־לאָזונג פאַר נעגער־באַפרייאונג איז דעריבער דער לאָזונג פון זעלבסט־באַשטימונג; די גרונט־פאָדערונג פון די נעגער איז די פאָדערונג פון ערד. אומעטום אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערט דער קאַמף פאַר נעגער־באַפרייאונג אויסגעדריקט אין דעם קאַמף פאַר פולשטענדיקער גלייכהייט, פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַלע סעגרעגאַציע־געזעצן און פּראַקטיק (דזשים־קראָאיזם), דער קאַמף קעגן די אידייען וואָס ווערן פאַרשפּרייט פון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס וועגן דער אינפעריאָריטעט פון די נעגער (אַ פאָרמע פון נאַציאָנאַל־שאָוויניזם, וואָס מיר רופן אָן ווייסער שאָוויניזם), וואָס ווערט באַנוצט צו באַרעכטיקן די אונטערדריקונג פון די נעגער און צו האַלטן צעטיילט די נעגער און די ווייסע האָרעפּאַשניקעס.

די באָלשעוויסטישע טעאָריע איז נויטיק פאַר די טעגלעכע קאַמפן

אָט־די גרונט פּאָליטישע באַדינגונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן דורך דערפאַרונגען צו זיין אַבסאָלוט נויטיקע וואָפנס צו מאַכן ווירקזאַם אַפילו דעם קלענסטן קאַמף פאַר נעגער־רעכט. לאָמיר, למשל, באַטראַכטן די וועלט־באַרימטע סקאַטסבאָראָ־קייס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איינע פון די גרעסטע פּאָליטישע דערגרייכונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דעם לעצטן פּעריאָד. ווי אוממעגלעך עס וואָלט געווען אויפצואוועקן די נעגער־מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין די מיליאָנען, אונטערצושטיצן די סקאַטסבאָראָ־אינגלעך; ווי אוממעגלעך וואָלט עס געווען צו פאַראייניקן מיט זיי מיליאָנען ווייסע האָרעפּאַשניקעס און מיטל־קלאַס עלעמענטן; ווי אוממעגלעך וואָלט עס געווען אויפצורודערן די גאַנצע וועלט, ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן — אויב דער סקאַטסבאָראָ־ענין וואָלט אויפגענומען געוואָרן פונם ליבעראַל־הומאַניטאַרישן שטאַנדפּונקט, אָדער ווען ער וואָלט דערגרייכט געוואָרן פונם שמאָלן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט! די סקאַטסבאָראָ־קייס האָט אויפגעקאָכט

אַמעריקע ביז אירע סאַמע טיפקייטן, ניט נאָר דערפאַר וואָס ניין עלנטע נעגער־אינגלעך זיינען געשטעלט געוואָרן אין געפאַר פון אַן אומגערעכטן טויט, נאָר דערפאַר וואָס זייער זאַך איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן קלאָר אַלס אַ סימבאָל פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס ווערט אָנגעהאַלטן אַף 12 מיליאָן נעגער אין אַמעריקע, דערפאַר ווייל דער קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג איז געמאַכט געוואָרן פאַר דעם סימבאָל אין דעם קאַמף פון די נעגער־פאַרמער פאַר זייער לאַנד, פאַר דעם קאַמף פאַר דער זעלבסט־באַשטימונג פון דעם שוואַרצן פאַס, פאַר דעם קאַמף אַנטקעגן לינטשינג, קעגן דזשים־קראָאיזם, קעגן די קלענסטע דיסקרימינאַציעס, פאַר אומקאָנדיציאָנעלער סאָציאַלער און פּאָליטישער גלייכהייט פאַר די נעגער.

נאָר די באָלשעוויסטישע פאַרשטענדעניש פון דער נעגער־פראַגע מאַכט מעגלעך אַזאַ ווירקזאַמען קאַמף פאַר דעם קלענסטן שריט פאָראויס, וואו די נעגער קאָנען פאַרווירקלעכן זייערע קלענסטע פאָדערונגען; דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס עס איז איבערגעלאָזט געוואָרן, היסטאָריש, פאַר דער קאָמוניסטישער פאַרטיי צו זיין די ערשטע אויפצוהייבן אַף אַ ווירקזאַמען אופן, אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, דעם לאָזונג פאַר נעגער־באַפרייאונג, זינט די כמעט־פאַרגעסענע טעג פון די אַבאָליציאָניסטן.

די קאָמוניסטן פאַרוואַרפן אומקאָנדיציאָנעל דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוגאַנג פון דעם 2טן אינטערנאַציאָנאַל צו דער נעגער־פראַגע און צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין אַלגעמיין, וואָס פירט דורך, אונטער דער מאַסקע פון אַ ריין־פּראָלעטאַרישן אָפּשאַצן די נעגער־פראַגע, די קאַפּיטאַליסטישע פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. דאָס מיינט פונדעסטוועגן ניט, אַז די קאָמוניסטישע פאַרטיי איגנאָרירט די קלאַסן־צעטיילונגען צווישן די נעגער, אָדער אַז איר מאַכט ניט אויס וועלכער קלאַס באַאיינפלוסט און פירט די נעגער־מאַסן.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי ווייזט אָן, אַז די נעגער זיינען אויך צעטיילט אין קלאַסן; אַז אַלס צוגאָב צו דעם קלאַס פון נעגער־פאַרמער איז נאָך פאַראַן אַ היפּשער און וואַקסנדיקער נעגער־פּראָלעטאַריאַט, אַ נעגער מיטל־קלאַס, און אַ נעגער־בורזשואַזיע. די נעגער־בורזשואַזיע, וועלכע איז אויך אונטערוואָרפן צו דער ספּעציעלער אונטערדריקונג פון דעם

נעגער־פֿאָלק אַלס גאַנצן, איז קאָרופּטירט געוואָרן אַף אַזוי־פֿיל, אַז זי נעמט אויך אָן די פּאָזיציע פֿון אינפֿעריאָריטעט און שלאָגט נאָך אַפֿילו קאַפּיטאַל פֿון דער אינפֿעריאָריטעט־פּאָזיציע פֿאַר אירע אייגענע קלאַסן־נוצן. אָט־די נעגער־בורזשואַזיע איז געוואָרן אַ וויכטיקע אַגענטור פֿון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס. זי האַלט אָן אַ נעבעכדיקע „סופּעריאָריטעט" איבער די נעגער־מאַסן דורך דער שטיצע וואָס עס גיט איר דער ווייסער הערשנדיקער קלאַס. זי קאַפּיטאַליזירט אַ טייל פֿון דעם טאָפּלטן רענט, וואָס ווערט אַרויסגעצויגן פֿון די נעגער־מאַסן דורך די ווייסע לאַנד־אייגנטימער, דורך דער סיסטעם פֿון דזשים־קראָאישער סעגרעגאַציע; זי פֿאַרדינט אָט־די קאָנצעסיעס פֿון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס דורך איר ענערגישן אויפֿפֿאָדערן די נעגער־מאַסן צו האָבן געדולד, אַז זיי זאָלן באַגרייפֿן זייער אייגענע אינפֿעריאָריטעט, אַז זיי זאָלן פֿאַרשטיין, אַז די לאַגע אין וועלכער די ווייסע קאַפּיטאַליסטן און לאַנד־אייגנטימער זיינען זייערע הערשער, איז אַן אומפֿאַרמיידלעכע שטראָף, וואָס עס האָט אַף זיי אַרויפֿגעלייגט דער אַלמעכטיקער גאָט.

אַזוי שנעל ווי די נעגער־מאַסן הויבן אָן צו רעוואָלטירן קעגן אָט־דער אינפֿעריאָריטעט־פּאָזיציע, הויבט אָן די נעגער־בורזשואַזיע צו אַנטוויקלען ספּעציעלע מיטלען ווי אַזוי צו פֿאַרלויפֿן און קאָנטראָלירן דעם אויפֿשטאַנד. זיי ספּעקולירן אַף דעם אומצוטרוי און פֿאַרדאַכטן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען צווישן די נעגער־מאַסן קעגן די ווייסע אַרבעטער בכלל, דורך גאַנצע דורות פֿון אונטערדריקונג. זיי אַפּעלירן צו די נעגער, אַז זיי זאָלן אָננעמען זייער סעגרעגאַציע פֿאַר אַ טוגנט, אַז זיי זאָלן זיך פֿרייוויליק איזאָלירן, אַז זיי זאָלן ניט גלויבן קיין שום ווייסן, אַז זיי זאָלן זיך פֿאַרלאָזן נאָר אַף זיך אַליין; זיי רוקן אַרויס אַלע סאָרטן אוטאָפּישע סכעמעס, אַזאַ ווי די „צוריק־צו־אַפֿריקע"־באַוועגונג, די „שטיץ נעגער־ביזנעס"־באַוועגונג, די אַזוי־גערופֿענע פּאַסיפֿיק־באַוועגונג (פּראָ־יאַפּאַנעזישע), און נאָך אַזעלכע, כדי צו באַשאַפֿן די אילוזיעס פֿון וועלכן עס איז מעגלעכן אויסוועג פֿון זייער נויט, אָן אַ דירעקטן צוזאַמענשטויס מיט דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס. אָט־די אַלע אידייען, טענדענצן, שטימונגען — זיינען דאָס די, וואָס מיר אידענטיפֿיצירן קאָלעקטיוו אַלס בורזשואַ־נאַציאָנאַליזם אָדער נאַציאָנאַל־רעפֿאָרמיזם. אָט־אַזאַ נאַציאָנאַליזם טראָגט גאָר־

ניט צו צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון דער נעגער־פאָלק; פאַרקערט, ער איז אַן אינסטרומענט פון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס, פונקט אַזוי ווי דאָס איז דער ווייסער שאָוויניזם, כדי צו האַלטן די ווייסע און נעגער־מאַסן אָפּגעזונדערט און אַנטאַגאָניסטיש איינער צום אַנדערן, און מיט דעם צו האַלטן ביידע פאַרשקלאַפט.

מיר האָבן שוין געהאַט אַ טויזנט פּראַקטישע ביישפּילן פון דעם, ווי אַזוי אָט־דער נעגערשער בורזשואַ־נאַציאָנאַליזם אַרבעט זיך אויס אין דער פּראַקטיק. מיר האָבן דאָס געזען אין דער סקאַטסבאָראָ־קייס, ווען אַלע נעגערשע בורזשואַזע פירער האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט אין שרעק, דערפאַר, וואָס ווייסע און נעגער־קאָמוניסטן האָבן צוזאַמען זיך פאַראייניקט אויפצואוועקן די מאַסן, אַז זיי זאָלן ראַטעווען די סקאַטסבאָראָ־אינגלעך. זיי האָבן באַהויפּטעט, אַז די סקאַטסבאָראָ־אינגלעך זיינען אין געפאַר, ניט פון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס, וועמעס הערצער מען האָט ניט געקאָנט רירן דורך שטילע, הומאַניטאַרישע געבעטן, נאָר אַז זיי זיינען אין געפאַר גיכער פון די פאָראורטיילן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט קעגן זיי דורך דעם, וואָס די מאַסן פאָדערן זייער באַפרייאונג אַלס אַ טייל פון דער פאָדערונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. עס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן, אַז דער בורזשואַזער פאָרשלאָג, אַז די נעגער זאָלן „שטיין אַף זייערע אייגענע פיס", איז נאָר געווען אַ פאָרשלאָג צו האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון די ווייסע אַרבעטער און אַז זיי זאָלן זיך פאַרלאָזן אַף דעם רחמנות פון דעם ווייסן הערשנדיקן קלאַס.

פון אָט־די אַלע פאַקטן דרינגט אַרויס די קאָמוניסטישע פּאָזיציע איבער דער נעגער־פראַגע. די קאָמוניסטן קעמפן אומעטום קעגן ווייסן שאָוויניזם, קעגן אַלע אידייען פון נעגער־אינפעריאָריטעט, קעגן אַלע פאַקטישע דיסקרימינאַציעס קעגן די נעגער; ספּעציעל קעמפן די קאָמוניסטן קעגן די ווייסע שאָוויניסטישע אידייען אין די רייען פון די אַרבעטער און הויפּטזאַכלעך קעגן וועלכן עס איז ווייסן שאָוויניסטישן איינפלוס, וואָס דרינגט אַריין אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די קאָמוניסטן באַהויפּטן, אַז די ווייסע אַרבעטער מוזן שטיין אין סאַמע פראָנט פונם קאַמף פאַר נעגער־רעכט און קעגן ווייסן שאָוויניזם. אין דער זעלבער צייט קעמפן די קאָמוניסטן קעגן דעם נעגערשן בורזשואַ־נאַציאָנאַליזם, וואָס איז נאָר די צווייטע זייט פון דער מטבע

פֿון ווייסן שאָוויניזם. אָט אין דעם קאַמף קעגן דעם נעגער־נאַציאָנאַליזם דאַרפֿן איבערהויפּט די נעגער־קאָמוניסטן זיין אַממייַנסטן אַקטיוו און וואַכזאַם. די געפֿאַר פֿון דעם נעגער־נאַציאָנאַליזם איז אין דעם מאָמענט ספּעציעל שטאַרק, טאַקע צוליב דעם פֿאַקט, וואָס דער דערפֿאָלג פֿון דער קאָמוניסטישער פֿירערשאַפֿט, אין דעם קאַמף פֿאַר די סקאַטסבאָראָ־אינגלעך, האָט אַזוי פֿאַנאַנדערגעטשוכעט די נעגערשע בורזשואַזיע, וואָס זיינען אָנגערייצט געוואָרן פֿון זייערע ווייסע הערשער פֿאַר אַן אַקטיווער און ביטערער קאָנטער־אָפֿענסיווע קעגן אונז.

די הויפּט אָרגאַניזאַציאָנעלע קאַנאַלן פֿון דעם קאַמף פֿאַר נעגער־רעכט זיינען צום אַלעם ערשטן די טרייד־יוניאָנס און אַרבעטלאָזע קאָונסילס. דאָ ציען מיר אַריין די נעגערשע קרעפֿטן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס, מיר באַקומען די גאָר פֿאַרטרויאונגסווערטע פֿירנדיקע קרעפֿטן צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פֿון די נעגער־מאַסן אַלס גאַנצע. אַנדערע גרונט־פֿאָרמען פֿון אָרגאַניזאַציע פֿאַר די נעגער, זיינען די יוניאָנס פֿון די שעיר־קראַפּערס און פֿון די טענענט־פֿאַרמערס. איינע פֿון אונזערע סאַמע שטאָלצסטע דערגרייכונגען איז, וואָס מיר זיינען געווען אומשטאַנד, דורך אונזער פּאָליטישן איינפֿלוס, צו גרינדן די שעיר־קראַפּערס יוניאָן אין דער סאַוט, וואָס האָט שוין איצט נאָענט צו 6,000 מיטגלידער.

אַ ברייטערע און אַלץ־איינשליסנדיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿאָרם פֿאַר די נעגער באַפֿרייאונגס־קאַמפּן איז די „ל י ג פֿ ו ן ק אַ מ ף פֿ אַ ר נ ע ג ע ר ־ ר ע כ ט“. זי דאַרף אַרומנעמען אין אירע אַקטיוויטעטן אַלע גרונט־עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס פֿון די נעגער און ווייסע אַרבעטער, וואָס שטייען אויף דעם פּראָגראַם פֿון נעגער־באַפֿרייאונג, און ווייטער פֿאַראייניקן מיט זיי אַלע אַנדערע טיילן פֿון דער נעגער־באַפֿעלקערונג וואָס ווערן אַריינגעצויגן אין דעם קאַמף, ספּעציעל יענע גרויסע טיילן פֿון דער קליין־בורזשואַזיע, פֿון די אינטעלעקטואַלן און פּראָפֿעסיאָנאַלן, וואָס קאָנען און מוזן אַריבערגעוואונען ווערן צו דער זאַך פֿון נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונג. די „ל. ס. נ ר.“ מוז, אין דער ערשטער ריי, זיין אַן אַקטיווע פֿעדעראַציע פֿון עקזיסטירנדיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, און צווייטנס, מוז זי דירעקט אָרגאַניזירן אירע אייגענע מיטגלידערשאַפֿט־בראַנטשעס, וואָס זיינען צוזאַמענגעשטעלט פֿון די סאַמע אַקטיווסטע קרעפֿטן און פֿון אַלע

אירע אונטערשטיצער, וואס זיינען ניט ארגאניזירט אף קיין אנדער אופן. די איצטיקע אנהויבן פון דער „ל. ס. נ. ר.״ און איר צייטונג „די ליבערייטאר״, וואס האט נאר מיט א קליינער אנשטרענגונג שוין באוויזן מאסן לעבנס־קראפט, מוז ענערגיש אויפגענומען ווערן און פארשפרייט ווערן דורכן גאנצן לאנד.

די פארטיי מוז געווינען די יוגנט

עטלעכע ווערטער זיינען דא נויטיק וועגן די ספעציעלע פראבלעמען פון דער יוגנט, כאטש מיר וועלן פארהאנדלען די פראגע אין א ספעציעלן באריכט און דיסקוסיע. דאס איבערגעווינען די יוגנט פון דעם ארבעטער־קלאס איז ניט נאר די פראבלעם פון אונזער יוגנט־ארגאניזאציע אליין, נאר די פראבלעם פון דער גאנצער פארטיי. ניט נאר האט מען דאס פארגעסן אין דער פארגאנגענהייט, נאר מען האט אפילו דערלויבט צו אנטוויקלען א סארט ארגאניזאציאנעלע קאנקורענץ צווישן די יוגנט־ און די דערוואקסענע ארגאניזאציעס, א וועטגעיעג, וואס איז ניט געווען אן אופן פון סאציאליסטישער קאנקורענץ, נאר א פארזוך פון די דערוואקסענע ארגאניזאציעס ארויסצוכאפן, אזוי שנעל ווי מעגלעך, יעדן וואקסנדיקן יונגן פירער פון די יוגנט־ארגאניזאציעס, וואס האט נאר ארויסגעוויזן ספעציעלע ארגאניזאציאנעלע אדער פאליטישע פייאיקייטן. ס'איז געווען בא אונז פארשפרייט אן אידייע, אז אזוי שנעל ווי א יוגנט־באוועגונג גיט ארויס א פירער, וועלכער איז „גוט גענוג פאר פארטיי־ארבעט״, מוז מען אים ארויסכאפן, ווייל אויב ניט מיינט דאס, אז ער פארלירט זיין צייט אין ניוועץ, אויב ער בלייבט איבער אין א פלאץ וואס מען באטראכט פאר א מין קינדערגארטן. אט אזא לייכטזיניקע באציאונג צו אונזער יוגנט־ארבעט מוז ווערן באזייטיקט פון אונזער באוועגונג. אונזערע שונאים זיינען מער ערנסט וועגן איבערגעווינען די יוגנט און ספעציעל די וואקסנדיקע פאשיסטישע גרופן. ווי קאנען מיר ארויפלייגן די שולד אף די אומפארברייטעטע, פאליטיש־אומבאוואפנטע און פארצווייפלטע יונגע ארבעטער, וואס פאלן אלס קרבן פאר דער דעמאגאגיע פון פאשיזם, אויב מיר וועלן האלטן זיך אין ארומשלעפן אן וועלכע עס איז ערנסטע גרויס־מאסשטאביקע אנשטרענגונגען צו דערגרייכן אט־די יוגנט, צו ארגאניזירן זיי, צו דערציען זיי פאליטיש, צו קעמפן פאר

זייערע טעגלעכע באַדערפענישן, אויפצוהויבן זייער קלאַסן־באַוואוסטזיין און צו געבן זיי אַן אָנערקענטן פּלאַץ אין דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. יעדער פּאַרטיי־יוניט און יעדער פּאַרטיי־קאָמיטעט מוז מאַכן אַלס אַ טייל פון זיינע טעגלעכע קאָנקרעטע אויפגאַבן די אַרבעט צווישן דער יוגנט, די איינשטעלונג פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, די לייזונג פון זייערע פּאָליטישע פּראָבלעמען, און העלפן מאַטעריעל זייער באַוועגונג. אנשטאָט דעם וואָס די יאָנג קאָמוניסט ליג איז איצט נאָך ווייניקער ווי אַ פערטל פון די גרויס פון דער פּאַרטיי, מוז זי ווערן אויסגעברייטערט אין דעם נעקסטן פּעריאָד, אַז זי זאָל ווערן גרעסער ווי די פּאַרטיי; דאָס מיינט, אַז די יוגנט מוז געפינען אַן ערנסטן פּלאַץ אין די טרייד־יוניאָנס און אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס; אַז מען מוז איר העלפן, אַז זי זאָל פּאָליטיש באַרייכערן דעם לעבן פון אירע אָרגאַניזאַציעס, צו קאָנקרעטיזירן אירע קאַמפן פאַר די באַדערפענישן פון די יונגע אַרבעטער, אויסצוברייטערן דעם אומפאַנג פון אירע טעטיקייטן, איינצושליסן אַלץ וואָס אינטערעסירט, ציט־צו און האַלט־איין די מאַסן יונגע אַרבעטער, אַריינרעכענענדיק זייערע סאָציאַלע, ספּאָרט און קולטורעלע באַדערפענישן.

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט איז אויך נויטיק צו געבן די אויפגאַבן אַף אַריבערצוגעווינען און אָרגאַניזירן די פרויען־אַרבעטער אין די אינדוסטריעס און די הויז־פרויען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ־ער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס האָט אַריינגעצויגן די פרויען אין דער אינדוסטריע אַף אַ סך אַ גרעסערן מאַסשטאַב ווי מיר האָבן זיי אַריינגעצויגן אין די רעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן אין אונזערע אָרגאַניזאַציעס. מיר וועלן אַלץ זיין הינטערשטעליק הינטער די קאַפּיטאַליסטן אין דע. הינזיכט, און עס וועט נאָך אַלץ אָנהאַלטן די שוואַכקייט אין אונזער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אָט־די פראַגע ווערט אַלץ מער דרינגענדיק, ווייל מיר שטייען פּנים־אל־פּנים מיט אַ פּערספּעקטיווע פון אַ קאַפּיטאַליסטישער מלחמה אין דער נאָענטער צוקונפט. אונטער מלחמה־באַדינגונגען, ווייסט יעדער איינציקער, אַז עס וועלן אַריינגעצויגן ווערן נאָך מאַסן פרויען אין דער אינדוסטריע, און ספּעציעל אין דער אַמוניציע־פּראָדוקציע. נאָך מער, דאָס מאָביליזירן די מענלעכע אַרבעטער אַף אַ גרויסן מאַסשטאַב אין די אַרמייען וועט אָנמאַכן לעכער אין אונזערע רייען, וואָס קאָנען נאָר אויס־

געפֿילט ווערן דורך פֿרויען־אַרבעטער. דאָס מיינט, אַז מיר האָבן שוין געדאַרפֿט לאַנג צוריק צוגרייטן ערנסט און סיסטעמאַטיש די פֿרויען־קרעפֿטן און זען צו דערהויבן זיי צו פֿירנדיקע, פֿאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. די מאָביליזירונג פֿון מאַסן פֿרויען־אַרבעטער פֿאָדערט ספּעציעלע אויפֿמערקזאַמקייט צו זייערע באַזונדערע באַדערפֿענישן, אַ פֿאָרמולירונג פֿון זייערע ספּעציעלע פֿאָדערונגען, די שאַפֿונג פֿון ספּעציעלע מעגלעכקייטן צו באַטראַכטן זייערע פּראָבלעמען אין פֿאַרבינדונג מיט די פּראָבלעמען פֿונם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, דורך קאָנפֿערענצן, אַ. אַז. וו. ספּעציעל פֿאָדערט זיך אַ מער סיסטעמאַטישע פֿרויען־רעקרוטירונג אין די טרייד־יוניאָנס, און הויפּטזאַכלעך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

פּראָבלעמען פֿונם קאַמף פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט

די פֿאַרגרעסערטע שטאַרקע אַטאַקעס קעגן די אַרבעטער שאַפֿן, מער דרינגענד ווי ווען עס איז פֿריער, די נויטווענדיקייט פֿון איינשטעלן דעם קעמפֿנדיקן פֿראָנט פֿונם אַרבעטער־קלאַס צו קעגנשטעלן זיך אַט־די אַטאַקעס און צו געווינען די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער. דער אַרבעטער־קלאַס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז נאָך אַלץ אָממערסטן אומאָרגאַניזירט. דער טייל, וואָס איז אָרגאַניזירט, איז מערסטנס אונטער דער איינפֿלוס פֿון דער א. פֿ. אָוו ל.־ביוראָקראַטיע, וועלכע האַלט אים צעשפּליטערט אויף פֿאַרשיידענע מינים וועגן, דורך פֿאַך־צעטיילונגען, דורך דיסקרימינאַציעס קעגן די נעגער און די פֿרעמד־געבוירענע, דורך צעטיילונגען צווישן די ספּעציאַליזירטע און אומספּעציאַליזירטע אַרבעטער א. אַז. וו. און דער קלענער טייל, וואָס האָט שוין גענומען שטעלן אַ פֿראַגע־צייכן איבער דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז ווידער צעטיילט צווישן דער פּירערשאַפֿט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בעת אַ היפּשער טייל שטייט אינגאַנצן אָן אַ זייט, צעטומלט דורך די צעטיילונגען און פֿון די פּראָבלעמען וואָס ער פֿאַרשטייט נאָך ניט, און ווערט נאָך מער צעמישט דורך דעם טומל וואָס עס מאַכן אָן די קליינע, אָבער אַקטיווע גרופּן, די רענעגאַטן פֿונם קאָמוניזם, די מאַסטיאיסטן און אַזוי ווייטער. וואו איז דער וועג צו דער אייניקייט פֿון אַרבעטער־קלאַס אינמיטן דער דעזאָרגאַניזאַציע און צעמישעניש? די א. פֿ. אָוו ל. און די סאָציאַליסטישע פֿירער שרייען, אַז די קאָמו־

ניסטן זיינען שטעכער און בו־עכער. אַט־די באַשולדיקונג חזר'ן איבער די רענעגאַטן און די מאָסטיאיסטן. די קאַפּי־טאַליסטישע פּרעסע איז ספּעציעל אַקטיוו אין פאַרשפּרייטן אַלערליי פּירושים וועגן די צעט־ילונגען צווישן די אַרבעטער. לויט זיי קומט אויס, אַז ווען מען וואָלט פּלוצלונג געקאָנט אָפּ־שאַפן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָלט דער אַרבעטער־קלאַס מיטאַמאָל געוואָרן וואונדערבאַ־ פאַראייניקט און גליקלעך, אַפן וועג צו דער לייזונג פון זיינע פּראָבלעמען.

זאָלן אונז אָט־די שיינע לייט מוחל זיין, אויב מיר קאָנען ניט אָננעמען זייער נוסח אין דער פּראָבלעם פון אַרבעטער־קלאַס־איינקייט. מיר קאָנען ניט דערגרייכן קיין פאַר־אייניקטן פראָנט פון אויטאָמאָביל־אַרבעטער אונטער דער פירערשאַפט פון וויליאַם גרין און די א. פ. אָוו ל., למשל, אין דעם קאַמף קעגן דעם פאַרראַט, וואָס איז פאָרגעקומען ערשט ניט לאַנג צוריק, און די לעגאַליזאַציע פון די קאָמפּאַניע־יוניאָנס, דערפאַר וויל טאַקע וויליאַם גרין אַליין האָט אונ־טערגעשריבן זיין נאָמען אונטער דעם פאַרראַט, און נוצט אַלע זיינע אָנשטרענגונגען ניט דערלאָזן די אַרבעטער צו קעמפן קעגן דעם. עס קאָן זיך ניט באַקומען קיין פאַראייניקטער פראָנט פון די שטאָל־אַרבעטער צו קעמפן קעגן דער פאַר־זעניש פון דעם שטאָל־קאָוד, אונטער דער פירערשאַפט פון וויליאַם גרין און די אַנדערע א. פ. אָוו ל.־ביוראָקראַטן, דער־פאַר וויל גרין איז איינער פון די וואָס האָבן אונטערגעטראָגן דעם קאָוד. מיר קאָנען ניט בויען דעם פאַראייניקטן פראָנט אונטער דער א. פ. אָוו ל. און די ס. פּ. פּירער אין דעם קאַמף פאַר אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג, פאַרן אַרבעטער־ביל (ה. ר. 7598), ווען זיי גיבן זייער שטיצע דעם וואַגנער־ביל, וואָס עס מיינט דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַרבעטסלאָזער פאַר־זיכערונג. מיר קאָנען זיך ניט ד־ערלויבן, אַז דער פאַראייניק־טער פראָנט זאָל געפירט ווערן פון די שיינע לייט און פון די נעגער־רעפאָרמיסטן פאַר נעגער־רעכט, דערפאַר וויל גראָד זיי נעמען אָפּ די רעכט פון די נעגער אין די טרייד־יוניאָנס, גראָד זיי באַהויפּטן, אַז די נעגער אַליין פּראָ־וואָצירן לינטשינג דורך די פאָדערונגען פאַר גלייכע רעכט. אַ פאַראייניקטער פראָנט מיט נאָרמאַן טאָמאַס און די ס. פּ.־פּירער, צו אַנטוויקלען סטרייק־קאַמפן פון די אַרבעטער, וואָלט גלייך געבראָכן געוואָרן דורך נאָרמאַן טאָמאַסעס באַ־הויפּטונג: „איצט איז ניט די צייט צו סטרייקן”. ניין, עס

איז קלאָר: אייניקייט, פאַר די שיינע ליט, מיינט פאַראייניקטער אונטערגעבן זיך אונטער די קאַפּיטאַליסטישע אַטאַקעס. דאָס איז ניט דער מין אייניקייט, וואָס די אַרבעטער דאַרפן. מיר דאַרפן אַ פאַראייניקטן קעמפנדיקן פראָנט פון די אַרבעטער קעגן די קאַפּיטאַליסטן און אַלע זייערע אַגענטן. אָבער דאָס מיינט, אַז אייניקייט מוז אויפגעבויט ווערן ניט *מיט* די פירער, נאָר *קעגן* זיי. דאָס מיינט, ניט אַ פאַראייניקטער פראָנט פון אויבן, נאָר אַ פאַראייניקטער פראָנט וואָס ווערט אויפגעבויט פון די אַרבעטער פון אונטן אין דער אָרגאַניזירונג צום קאַמף פאַר זייערע באַלדיקע פאָדערונגען.

קאָמוניסטן האָבן ניט געשטעלט קיין שום אַנדערע באַדינגונגען פאַר דעם פאַראייניקטן פראָנט, נאָר אַז די אייניקייט זאָל זיך באַציען אַף אַ קאַמף פאַר די באַזונדערע פאָדערונגען, אַף וועלכע מ׳וועט זיך אייניקן. אָבער אַף דעם באַדינג מוזן מיר זייער דרינגענדיק באַשטיין. אַמאָל געפינען זיך מענטשן, וועלכע ווילן מאַכן מיט אונז אַ פאַראייניקטן פראָנט נאָר אין ווערטער, אָבער וועלכע וואַקלען זיך דורכצופירן אים ווען עס קומט צו אַקציע. ווען מיר באַשטייען אַף אַקציע, זאָגן זיי אונז, אַז מיר האָבן שלעכטע מאַניערן, אַז מיר זיינען שפּאַלטער; אַז מיר צעברעכן דעם פאַראייניקטן פראָנט. למשל, טאַקע דאָ אין קליוולאַנד האָבן מיר, ערשט דעם לעצטן אויגוסט, אָנטייל גענומען אין אַ קאָנפערענץ צוזאַמען מיט דעלעגאַטן פון הונדערטער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איינשליסנדיק אויך מאָסטי און זיין שותפות׳ע פירנדיקע גרופּע. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון קאַמף קעגן דער נ.ר.א., פאַר אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג און רעליף, און די פאַראיינהייטלעכונג פון די אַרבעטסלאָזע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. פון דער קאָנפערענץ זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען קעמפן, דורכפירן די אָנגענומענע פּראָגראַם. אָבער הער מאָסטי און זיינע חברים האָבן פאַרלאָזן די קאָנפערענץ נאָר צו פאַרגעסן אַלע באַשטימונגען, וואָס זיינען דאָרטן אָנגענומען געוואָרן, אונטער וועלכע זיי האָבן זיך אַלע אונטערגעשריבן. זיי האָבן קיינמאָל ניט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פינגער אָן אַ פינגער צו פאַרווירקלעכן די באַשטימונגען, צו וועלכע זיי האָבן צוגעשטימט. זיי האָבן זיך פאַרפליכטעט אונטערצושטיצן דעם אַרבעטסלאָזן אינשורענס־ביל פון די אַרבעטער, אָבער פון דעמאָלט אָן האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ טויט־

שווייגעניש וועגן דער פראַגע. אַנשטאָט דעם, אונטערשטיצן זיי דעם וואַגנער־ביל צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטישע און א. פ. אָוו ל.־פירער. זיי האָבן אַף זיך גענומען צו העלפן צוזאַמענגיסן די אַרבעטסלאָזע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — אַנשטאָט דעם האָבן זיי געטאָן יעדע זאַך וואָס נאָר מעגלעך, צו שטעלן זיך אין וועג וועלכער עס איז פאַראייניהייטלעכונג פון אונטן און האָבן זיך אַליין אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אַפילו אַף בריוו וואָס זיינען זיי געשריבן געוואָרן בנוגע דער פראַגע, אַזוי ווייט ווי עס רעדט זיך וועגן דער פירערשאַפט פון אויבן. זיי האָבן צוגעזאָגט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דער נ.ר.א., אָבער אַנשטאָט דעם פירן זיי אָן אַן אַגיטאַציע, וואָס איז קאָפּירט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אין וועלכער זיי בעטן די אַרבעטער זיך צו באַנוצן מיט די „גוטע זייטן" פון דער נ.ר.א., צו דערגרייכן די „בענעפיטן" וואָס זי האָט זיי באַוויליקט. אַ פאַראייניקטער פראָנט מיט אַזעלכע פירער אַף אַזעלכע באַדינגונגען איז אינגאַנצן ניט קיין פאַראייניקטער פראָנט. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי וועט פּאָרטזעצן אין דער צוקונפט, אַזוי ווי זי האָט דאָס געטאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט, אַרונטערצורייסן אַזעלכע סאָרטן „אייניקטן" אין ווערטער, וואָס ווערן פאַרגוואַלטיקט אין טאַטן.

דער קאַמף פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט איז דער קאַמף קעגן סאָציאַל־פאַשיזם

אַף צו להכעיס אָט־די אַלע שונאים פון דעם אמת'ן פאַראייניקטן פראָנט, גייט אָן כסדר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין איר בויען אַ ברייטע פאַראייניקטע פראָנט־באַוועגונג. לאָמיר אונטערזוכן עטלעכע פון די דערפאָלגרייכע טעטיקייטן פאַרן פאַראייניקטן פראָנט. צום אַלעם ערשטן די באַוועגונג פאַר אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג: טאַקע די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען די, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט די פאָדערונג פאַר אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג, פאָרמולירנדיק דעם אַרבעטסלאָזיקייט פאַרזיכערונגס־ביל פון די אַרבעטער; זי איז געשטאַנען בראש אין באַשאַפן די ברייטע מאַסן אַרבעטסלאָזע קאונסיל־באַוועגונג, וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט דעם געזעץ־פּראָיעקט; זי האָט געהאָלפן צו באַשאַפן דעם א. פ. אָוו ל.־רענק־און־פייל קאָמיטעט פאַר אַרבעטסלאָזער פאַרזיכערונג, וועלכער האָט שוין אָפּגעהאַלטן צוויי נאַציאָנאַלע קאָנפערענצן פאַר שטיצן אָט־דעם אַרבעטער־ביל און האָט שוין

באַקומען די צושטימונג פאַר דעם פון 2,000 יוניאָנס, איבער
אַ טוץ צענטראַלע קערפּערשאַפטן און איינציקע סטייט פעדע־
ראַציעס; דורך דער אַרבעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
איז גוטגעהייסן געוואָרן דער ביל פון אַ טוץ שטאָט־רעגירונ־
גען, אַריינרעכנענדיק אויך די שטאָט מינעאַפּאָליס, וואָס
האָט זיך אָנגעשלאָסן אונטערן דרוק פון דער גאַנצער מאַסן־
באַוועגונג; זי האָט באַוואוינגן ערנסט לאָנדין, דעם פאַרמער־
לייבאָר קאָנגרעסמאַן, אַריינצוטראָגן דעם ביל אין קאָנגרעס,
כאָטש זיין פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אונטערשטיצן
דעם ביל. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אונטערגענומען די
פּאָליטישע פירערשאַפט און האָט געטאָן מערסטנס פון די
פּראַקטישע אַרבעטן, וואָס האָבן געגעבן אַן אָרגאַניזירטן אויס־
דרוק פון אַ מיליאָן ביז אַ מיליאָן און אַ האַלב אָרגאַניזירטע
אַרבעטער, וואָס האָבן אונטערשטיצט דעם ביל. דאָס
מיינט מיט אַן אמת'ן אַ פּאַראייניק־
טער פראָנט אין קאַמף פאַר אַרבעט־
לאָזיקייט־פאַרזיכערונג. די א. פ. אָוו ל.־
פירער, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די מאָסטי־גרופּע, די
לאָווסטאָניסטן, די טראָצקיסטן, אַלע זייערע, האָבן געדרייט
מיטן נאָז אַף דעם אַרבעטלאָזיקייט פאַרזיכערונגס־ביל פון
די אַרבעטער. זיי האָבן סאַבאָטאַזשירט דעם קאַמף פאַר אים,
אָדער זיי האָבן אים אָפן באַקעמפט. זיי האָבן געגעבן זייער
שטיצע פאַר דעם וואַגנער־ביל, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר
דעם פאַרזוך פון רוזוועלטס רעגירונג צו פאַרלויפן דעם וועג
פון אמת'ער אַרבעטלאָזער פאַרזיכערונג; זיי האָבן געטאָן
אַלץ וואָס איז מעגלעך צו שטעלן זיך אין וועג דער אייניקייט
פון די אַרבעטער אין שטיצן דעם איינציקן אַרבעטלאָזיקייט־
פאַרזיכערונג ביל, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן. נאָר מיר,
קאָמוניסטן, האָבן אויפגעבויט אַ פּאַראייניקטן פראָנט פון
אַרבעטער איבער די קעפּ פון אָט־די פירער און קעגן זייערע
אַלע ברעכערישע פאַרזוכן. אין אָט־דעם פּאַראייניקטן פראָנט
האָבן מיר צוזאַמענגעשלאָסן אַלע די אויפגעוואַכטע, ערלעכע
און אינטעליגענטע עלעמענטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג
און די סימפּאַטיזירנדיקע מיטל־קלאַסן. מיר האָבן זיי באַגריסט
אַלע, אָן אויסנאַם, אין דעם פּאַראייניקטן פראָנט. מיר האָבן
געמאַכט זייער באַטייליקונג אין אים צוגענגלעך און גרינג.
מיר זיינען געווען די הויפּט־קראַפט, וועלכע האָט מעגלעך גע־
מאַכט, אַז דער פּאַראייניקטער פראָנט זאָל עקזיסטירן, און
מיר האָבן מיט אַלע כחות געהיט זיין אייניקייט.

אן אנדער באליכטנדיקע דערפארונג האבן מיר געהאט אין אונזערע באציאונגען מיט די סאציאליסטישע פארטיי־פירער אין דעם אמעריקאנער קאנגרעס קעגן מלחמה און אין דער „אמעריקאנער ליג קעגן מלחמה און פאשיזם", וואס איז דארט געגרינדעט געווארן. דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער סאציאליסטישער פארטיי האט געשטימט אנצושליסן זיך אן דעם פאראייניקטן פראנט. מיר האבן צוגעזעצט 11 פון זייערע נאמינירטע קאנדידאטן צו דעם אראנזשיר־קאמיטעט. זייער ערשטע האנדלונג איז געווען פארצושלאגן, אז עס זאלן אויסגעשלאסן ווערן פון דעם קאמיטעט די רעוואלוציאנערע יוניאנס פון דער ט. יו. יו. ל., — א פארשלאג, וואס איז, פארשטייט זיך, אפגעזאגט געווארן. זייער צווייטע האנדלונג איז געווען צוריקצוציען זיך דעמאנסטראטיוו פון דעם קאנגרעס־קאמיטעט אין א פארזוך צו צעברעכן דעם קאנגרעס איידער ער איז אפגעהאלטן געווארן. געוויס וועלן די ארבעטער ניט דערגרייכן קיין איינהייט דורך דעם, וואס זיי וועלן נאכפאלגן אזא פירערשאפט.

איינינקע פון די „לינקע" סאציאליסטישע פירער זיינען געבליבן מיט דעם קאנגרעס און מיט דער ליג פאר א געוויסער צייט, אזעלכע ווי דזש. ב. מעטיוס און מערי פאקס. עס איז זייער אינטערעסאנט איבערצולייענען היינט די ווערטער פון דזש. ב. מעטיוס, וואס זיינען ארויסגערעדט געווארן נאר עטלעכע מאנאטן צוריק. ער האט געזאגט: „אט־דער קאנגרעס דערווייזט אויסער יעדער מיינונגס־פארשיידנהייט, אז דער פאראייניקטער פראנט פון די ארבעטער־קלאס עלעמענטן, פון מיטל־קלאס מלחמה־געגנער, איז א מעגלעכקייט. . . . די פראגראם וואס איז צו אייך צוגעשטעלט געווארן איז די באזע פאר אנהאלטן אט־די פאראייניקונג, פאר שטארקער מאכן איר טריט בא טריט. מיר מוזן שטיין צוזאמען. מיר טארן ניט וואגן דורכפאלן."

נאר די סאציאליסטישע פארטיי־פירער האבן אויסגעאיבט א שווערן דרוק אף זיי און האבן זיי געסטראשעט מיט אויסשליסונג (און פאר איין וועג מיטן פארלוסט פון זייערע שטעלעס). דאן האבן אט־די העלדישע „לינקע" פירער זיך געפונען אן אויסרייד צוריקצוציען זיך און צו מאכן נאך א פארזוך צו צעברעכן דעם פאראייניקטן פראנט קעגן מלחמה און פאשיזם. זיי האבן אויפגעגעבן די פראגראם, פאר וועלכער זיי האבן זיך אליין עפנטלעך ארויסגעזאגט. זייערע

נעמען זיינען שוין איצט אונטערגעשריבן אונטער אַ נייער פּראָגראַם, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער ס. פּ. און ליבעראַלע פירער, וועלכע זעט די מלחמה־געפאַר אין די באַוועגונגען פון דער רויטער אַרמיי אין סיביר.

אין אַט־דעם לעצטן פאַרזוך צו צעברעכן דעם פאַראייניקטן פראָנט האָבן די סאָציאַליסטן געפונען זייערע סאַמע ענערגישסטע העלפערס אין דעם גלח מאָסטי, מר. קענאָן, און מר. לאָווסטאָן, וועלכע האָבן אונז אַטאַקירט מיט אַ גיפטיקער אַטאַקע, וואָס קאָן געוויס אַרויסרופן די קנאה פון ראַלף איזלי און מעטיו וואָל. די רענעגאַטן שטעלן צו מערסטנטייל פון די פּלענער פאַרן קאַמף קעגן קאָמוניזם. דאָס איז ספּעציעל אמת וועגן דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טראָצקי און זיינע אַגענטן. זייערע געשרייען פאַר צעשמעטערן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטייגן אַלעמען אַריבער. דאָס ווערט אַלץ געטאָן אינם נאָמען פון „איינִיקייט”. יעדער פון זיי שווערט זיך מיט שבועות, אַז ער שטייט פאַר איינִיקייט און אַז די קאָמוניסטן זיינען צעברעכער.

זינט דעם אָנהויב פון אַט־דער באַוועגונג האָט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרזיכערט קעגן אַלע פאַלשע באַשולדיקונגען פון אירע שונאים דורך דעם וואָס זי האָט געזען אַז ס'זאָל זיין אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון ניט־קאָמוניסטן אין יעדן קאָנטראָלירנדיקן קאָמיטעט פון דער באַוועגונג. די קאָמוניסטן האָבן אַריינגעוואָרפן אַלע זייערע קרעפטן צו שטיצן דעם אַמעריקאַנער קאָנגרעס קעגן מלחמה. מיר האָבן באַגריסט יעדע פּערזאָן און יעדע אָרגאַניזאַציע וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער באַוועגונג און האָט צוגעשטימט אונטערצושטיצן אירע אַרויסגעזאָגטע צילן. די פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּלאַטפאָרמע פון דער אַמעריקאַנער ליג איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק אַף אַ קאָנגרעס פון 2,616 דעלעגאַטן, פון 35 שטאַטן, וואָס האָבן אַרומגענומען פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, אַפילו פון קירכעס און פּאַציפיסטישע געזעלשאַפטן. סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־ברענטשעס, רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, אַרבעטער קולטור־קלובן, פּראַטערנאַלע געזעלשאַפטן, רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָנס, אַ. פּ. אָוו ל.־יוניאָנס, אומאָפּהענגיקע יוניאָנס, פאַרמער־אָרגאַניזאַציעס, די מאָסטי־גרופּע (איינשליסנדיק אַפילו די לאָווסטאָניסטן) און 130 דעלעגאַטן פון פאַרשיידענע ברענטשעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איז דען אַמאָל געווען אַ מער צוזאָגנדיקער אָנהויב אין דער גרינדונג פון אַ פאַראייניקטן

פראָנט באַוועגונג קעגן מלחמה און פאַשיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן? זינט דער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן איז געמאַכט געוואָרן אַן ערנסטער אָנהויב צו פאַרשפּרייטן אַט־דעם פאַראייניקטן פראָנט איבערן גאַנצן לאַנד און צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע זיינען ערנסט פאַראינטערעסירט אין קעמפן קעגן מלחמה און פאַשיזם. עס איז אמת, אַז ס'איז געווען אַביסל אַן אָפּהאַלט אין דער אַרבעט, דערפאַר ווייל מיר, קאָמוניסטן, האָבן דורך אַ טעות זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויסרוקן זיך אין פראָנט, האָפנדיק אַז אונזער איניציאַטיווע וועט איבערגענומען ווערן פון ניט־קאָמוניסטן. דאָס איז געווען אַ שוואַכקייט און אַ טעות פון **אונזער זייט. דאָס** האָט נאָר דערמוטיקט יעדן שונא פון אייניקייט, יעדן פאַסקודנעם רענעגאַט צו זאַמלען זייערע קרעפטן פאַר דעם לעצטן פאַרזוך צו צעברעכן די ליג. אָבער מיר האָבן נאָכאַמאָל באַזיגט די צעשטערער. דער פּלאַץ פון די דעזערטירטע פירער איז פאַרנומען געוואָרן פון נייע רעקרוטן צו דעם פאַראייניקטן פראָנט, ניט־קאָמוניסטן, וועמעס איינפלוס דערגרייכט ברייטער, ווי דער איינפלוס פון די דעזערטירער. אין די סאַמע פאָדערשטע רייען מוזן אַריינגעצויגן ווערן טרייד־יוניאָניסטן, ספּעציעל פון דער א. פ. אָוו ל. מיר פאָדערן אויף אַלע קאָמוניסטן און סימפּאַטיזירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן מוטיק פאָראויס אין חבר'שער קאָאָפּעראַציע מיט אַלע אַנדערע עלעמענטן, צו בויען די ליג אין יעדן פּלאַץ, צו פאַרשפּרייטן איר אויסגעצייכנטן מאָנאַטלעכן זשורנאַל „פאַיט", און צוצוגרייטן זיך פאַר דעם צווייטן גרויסן אַמעריקאַנער קאָנגרעס קעגן מלחמה, וואָס ווערט גערופן פאַר דעם נעקסטן אָקטאָבער.

מיר וואָלטן געקאָנט געבן נאָך אַ טויזנט לאָקאַלע ביישפּילן פון דער דערפאָלגרייכער אָנווענדונג פון דער טאַקטיק פון דעם פאַראייניקטן פראָנט, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די קאָמוניסטן זיינען די איינציקע אָרגאַניזירטע פּאָליטישע גרופּע אין אַמעריקע, וואָס שטרעבט שטענדיק, טאָג־איין טאָג־אויס, כסדר, ערנסט און לאָיאַל, אויפצובויען דעם פאַראייניקטן פראָנט פון די אַרבעטער און זייערע שותפים, אין דעם קאַמף פאַר זייערע באַלדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדערפעניש.

די באַלדיקע פאָדערונגען און רעוואָלוציע

אונזערע שונאים באַשולדיקן אונז, אַז מיר זיינען גאָר

באמת ניט פאראינטערעסירט צו געווינען אט־די באל־דיקע פאדערונגען. זיי זאגן, אז מיר באנוצן זיך נאר מיט זיי אלס מיטל צו א נידעריקערן ציל, וואס האט קיין שום שייכות ניט מיט די פאדערונגען — אז מיר באנוצן זיך מיט זיי נאר פאר דער רעוואלוציע. זיי זאגן, אז מיר באנוצן זיך מיט דעם פאראייניקטן פראנט כדי צו מאניפולירן מיט אונזערע פאר־בינדעטע ווי מיט קעציש̇ע לאפעס ארויסצושארן אונזערע אייגענע רעוואלוציאנערע קאשטאנעס פון דעם פייער ארויס.

איך האב פאר זיך א נומער פון דער „איוונינג גאזעט”, וואס דערשיינט אין הייווערהיל, מאסאטשוזעטס. זי אנט־האלט א ווילדע עדיטאריעלע אטאקע קעגן די קאמוניסטן. זי טוט דאס אין פארבינדונג מיט אן ארבעטער־סטרייק, וואס האלט שוין דארט אן איבער דריי וואכן. די הייווערהילער שיך־פאבריקאנטן ווילן דורכוואַרפן די ארבעטער־פאדערונגען דורך צווינגען זיי, אז זיי זאלן זיך פארלאזן אף ארביטראציע.

אייניקע פון די פירער, צווישן זיי דער לאוסטאניסט י. זימערמאן, האבן פארגעשלאגן אונטערצוגעבן זיך אונטער די פאדערונגען פון די באלעבאטים. די קאמוניסטן האבן דער־וויזן די ארבעטער, אז אין יעדן פאל, וואו זיי האבן איבער־געגעבן זייער זאך צו די אזוי־גערופענע אומפארטייאישע באַרדס, האבן זיי געליטן א מפלה. זיי האבן אויפגעפאדערט די ארבעטער, אז זיי זאלן סטרייקן אזוי לאנג ביז די באלע־באטים וועלן נאכגעבן די סאמע יושר׳דיקסטע פאדערונגען. די קאמוניסטן זיינען געווען די סאמע אקטיווסטע און איבער־געגעבנסטע ארגאניזירער און פירער פון דעם קאמף. אט־דאס האט אריינגעבראכט די הייווערהיל „איוונינג גאזעט” אין א גרימצארן. איך וויל ציטירן עטלעכע פאראגראפן פון דעם עדיטאריעל:

„היינט צו טאג געפינט זיך די שוך־אינדוסטריע אין הייווערהיל, מיט אירע עטלעכע צענדליק פאבריקן און טויזנטער ארבעטער, אין גרויס געפאר פארניכטעט צו ווערן.

„די אינדוסטריע וועט ניט קענען אויסהאלטן אונטער אזעלכע באדינגונגען, ווי עס וויל האבן די סטרייק־פירער־שאפט. נאכגעבן אט־די באדינגונגען וואלט געמיינט אונ־טערצוגעבן זיך צו אן אינדוסטריעלן טויט. צו מאכן א קאמפראמיס מיט אט־דער פירערשאפט, וואלט געמיינט אריינצולאזן זיך אין א הילפלאזער דינגעניש מיטן שטן.

„אָט־דער פּירערשאַפט גייט גאָר ניט אָן וואָס עס וועט ווערן פון הייוועדהיל. פון ווייערט וועגן קאָן הייוועדהיל ווערן אַן אינדוסטריעלער מצורע (קרעציקער). פון זייערט וועגן מעגן די היימען פון די הייוועדהילער אַרבעטער אונטערגיין צוליב דעם, וואָס עס וועלן פאַרניכטעט ווערן די דזשאַבס פון די אַרבעטער. פון זייערט וועגן מעגן די האָפענונגען פון די הייוועדהילער אַרבעטער אוועקגיין מיטן רויך, דערפאַר ווייל ס'ווערן צוגענומען פון זיי די מיטלען פון מאַכן אַ לעבן. וואָס אַרט עס אָט־דער פּירערשאַפט? עס אַרט איר גאָר ניט.

„דער מאָטיוו פון אָט־דער פּירערשאַפט איז ריין פּאָליטיש; איר ציל איז אַ רעוואָלוציאָנערער. הייוועדהיל איז בכיון אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַ סצענע צו דעמאָנסטרירן די קאָמוניסטישע מאַכט. אָט־די דעמאָנסטראַציע קומט איצט פאָר. זי איז אַ טייל פון דעם גראַנדיעזן קאָמוניסטישן פּלאַן פאַר אַן אַמעריקאַנער רעוואָלוציע.”

דערנאָך ציט די „גאַזעט” דעם שלוס, אַז די אַרבעטער מוזן „פאַרגעסן פאַר דעם מאָמענט די פאַרהאַנדלונגען צו ענדיקן דעם סטרייק, פאַרגעסן די קאָמפּראָמיסן בנוגע אַן אָפּמאַך, פאַרגעסן יעדע זאַך, נאָר ניט די דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו באַפרייען די הייוועדהילער אינדוסטריע פון אָט־דער איבלדיקער און געפערלעכער סטרייק־פירערשאַפט.”

אָט־די אַטאַקע איז אַ טיפּישער קאָנקרעטער ביישפּיל פון דער אַלגעמיינער באַשולדיקונג קעגן אונז קאָמוניסטן, אַז מיר זיינען גאָר ניט אויף אַן אמת'ן פאַראינטערעסירט צו געווינען באַלדיקע פאָדערונגען, נאָר אַז מיר זיינען פאַראינטערעסירט אין אַן אַבסטראַקטער „רעוואָלוציע”. האָבנדיק דאָס אין זינען, לאָמיר אַנאַליזירן אָט־די קאָנקרעטע באַשולדיקונג אַ ביסל גענויער. וואָס ליגט אין איר תוך? זי באַשטייט אין דעם, אַז אויב די באַלעבאַטים גיבן נאָך די פאָדערונגען פון די אַרבעטער (צו אָנערקענען די יוניאָן און געבן קליינע לוין־העכערונגען), וועט „די אינדוסטריע דאָס ניט קאָנען אויסהאַלטן”. די באַלעבאַטים קאָנען זיך ניט דערלויבן נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. די אַרבעטער־פּירערשאַפט איז אַ „בייזוויליקע” און אַ „געפערלעכע”, דערפאַר ווייל די פּירערשאַפט זאָגט זיך אָפּ אויפצוגעבן די אַרבעטער־פאָדע־

רונגען, זאָגט זיך אָפּ איבערצולאָזן זיי אין די הענט פון אַ כלומרשט אומפּאַרטייאישן טריבונאַל, אַז ער זאָל שוין אַלץ באַשטימען. זיי באַקלאָגן זיך, אַז די פירערשאַפט קעמפט, אַז זי איז צו־אומקאָמפּראָמיסלעך אַז זי זאָל קאָנען איצט דערגרייכן די באַלדיקע פאָדערונגען פון די אַרבעטער. דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס די הייוועדהיל „גאַזעט" שלאָגט פאָר אַרויסצוטרייבן די פירערשאַפט פון שטאָט און פּראָוואָוט אינספּירירן קעגן איר מאַב־געוואַלט. אָט־די לייט זיינען פאַר־אינטערעסירט אָפּצוהיטן די פּראָפּיטן פון די באַלעבאַטים אויפן חשבון פון נידעריקע שכירות פאַר די אַרבעטער. עס אַרט זיי ווי דעם קאָטער וועגן דער היפּאָטעטישער רעוואָלוציע, וועגן וועלכער זיי ריידן. דערפאַר ריידן זיי טאַקע אַזוי גינס־טיק וועגן אַנדערע פירער און וועגן הער י. זימערמאַן, וועלכער גיט זיך אויך אַרויס פאַר אַ קאָמוניסט. ער איז אויך פאַר דער רעוואָלוציע, אָבער ער איז גרייט אויפצוגעבן די אַר־בעטער־פאָדערונגען אין הייוועדהיל אין דעם איצטיקן מאָ־מענט. זיי וועלן דערלויבן זימערמאַנען צו ריידן וויפיל ער וויל וועגן אַ רעוואָלוציע אין וועלכער עס איז צוקונפט, אַזוי לאַנג ווי ער קעמפט ניט צו־שטאַרק פאַר די באַלדיקע פאָדע־רונגען פון די הייוועדהילער אַרבעטער.

דאָס איז די ווירקלעכקייט הינטער יעדן קאָנקרעטן ביי־שפּיל פון דער באַשולדיקונג קעגן די קאָמוניסטן, אַז מיר זיינען מקריב די באַלדיקע אינטערעסן פון די אַרבעטער צוליב דער צוקונפטיקער רעוואָלוציע.

איז דאָס אמת, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַן אַנט־שיידנדיקע פאַרהעלטעניש צווישן דעם קאַמף פאַר די באַלדיקע פאָדערונגען און דעם רעוואָלוציאָנערן ענד־ציל פון דעם אַרבעטער־קלאַס? יאָ, עס איז פאַראַן אַזאַ אַנטשיידנדיקע פאַרהעלטעניש. אָבער די פאַרהעלטעניש איז ניט די, וואָס עס גיט אָן די „הייוועדהיל גאַזעט" און אַלע איבעריקע שונאים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די פאַרהעלטעניש איז גאָר פון אַן אַנדער סאָרט. לאָמיר נעמען דעם פאַל פון אַ גרופּע פירער, וואָס שטייט בראש פון אַ קאַמף פאַר די באַלדיקע פאָדערונגען פון אַ געוויסער אַרבעטער־קערפּערשאַפט. זיי פאָרמולירן פאַראייניקטערהייט די פאָדערונגען מיט דעם אָנ־טייל און צושטימונג פון אַלע אַרבעטער; זיי לייגן פאָר די פאָדערונגען פאַר דעם באַלעבאָס. זאָגט דער באַלעבאָס:

„ניין! איך וועל מוזן ארויסגיין פון ביזנעס אויב איך וועל נאָכגעבן אזעלכע פאָדערונגען.” די ארבעטער אין אנדערע שעפּער און אינדוסטריעס שטעלן ארויס זייערע פאָדערונגען. נעמען זיך צוזאמען אלע באלעבאטים און זאָגן: „מיר קאָנען ניט נאָכגעבן אזעלכע פאָדערונגען אָן דעם פארלוסט פון אונזערע פּראָפיטן. די פּראָפיטן זיינען די הויפּט־ספּרונזשינע פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג. אויפצוגעבן די פּראָפיטן מיינט צו פארניכטן דעם קאפּיטאליזם. דאָס מיינט צו פארניכטן די ארבעטער־דזשאבס. דעריבער מוזן מיר, אין די אינטערעסן פון די ארבעטער, קעמפן פאר נידעריקערע שכירות אלס דעם איינציקן וועג צו פּרעזערווירן דעם קאפּיטאליזם.” אלס רעזולטאט פון דעם, קומט פאָר צווישן די ארבעטער־פירער א צעטיילונג אין צוויי גרופּעס. איין גרופּע זאָגט: „געוויס זיינען זיי גערעכט, מיר פּרואוון זיך ניט אראָפּוואַרפן דעם קאפּיטאליזם; מיר פּרואוון זיך ניט ארויסטרייבן דעם באלעבאָס פון ביזנעס; מיר זיינען ניט קיין רעוואָלוציאָנערן; אויב אונזערע פאָדערונגען שטעלן אין געפאר דעם באלעבאָס, אָדער די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג, זיינען מיר גרייט צו מאכן א קאָמפּראָמיס, אָדער אינגאנצן זיי אויפגעבן, און אויב עס איז נויטיק — אפילו אונטערצוגעבן זיך אַף ערגערע באדינגונגען; מיר ווילן טאָן אלץ וואָס איז נויטיק צו ראטעווען אונזער באלעבאָס און די קאפּיטאליסטישע אָרדענונג.” די צווייטע גרופּע זאָגט: „די ארבעטער־פאָדערונגען זיינען גערעכט און נויטיק; זיי מוזן נאָכגעבן; די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער אינדוסטריע און פון גאנצן לאנד זיינען גענוג שטארק, אז זיי זאָלן קאָנען נאָכגעגעבן ווערן, און אפילו א סך גרעסערע פאָדערונגען ווי די; דער קאפּיטאליסט איז נאָר אויסן צו באשיצן זיינע אייגענע פּראָפיטן; נישקשה, ער קאָן דערפילן אזעלכע פאָדערונגען, אָבער אויב אפילו ער קאָן ניט, זאָל ער זיך זאָרגן און זאָלן זיך ז י י ן אָ ר ד ע נ ו נ ג זאָרגן. מיר פארשטייען, אז פריער אָדער שפּעטער וועלן די ארבעטער מוזן אָפּשאפן דעם קאפּיטאליזם און איינשטעלן א סאָציאליסטישע אָרדענונג. אויב אונזער איצטיקער קאמף פאר העכערע שכירות איילט צו דעם אָנקומען פון סאָציאליזם, איילט צו די רעוואָלוציע פון דעם ארבעטער־קלאס, איז געוויס נ אָ ך בעסער; וועלן מיר קעמפן נאָך שטארקער פאר העכערע שכירות.”

דאָס גיט אונז א ביישפּיל וועגן דער אמת׳ער פארהעלטע־

ניש צווישן די באַלדיקע פאָדערונגען און די רעוואָלוציאָנערע ציל. די א. פ. אָוו ל.־פירער און די סאָציאַליסטישע פאַרטיי האָבן פאַר זיך אַוועקגעלייגט אַ ריכטשנור, לויט וועלכער זיי טוען אַלץ וואָס זיי קאָנען כדי צו פאַרמיידן אַ רעוואָלוציע, כדי צו ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס זיי שליסן זיך אָן אָן רוזוועלטן, אינם דורכפירן דעם „נייעם דיל" און דער נ.ר.א.; דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס זיי זאָגן: — איצט איז ניט די צייט צום סטרייקן"; דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס ווען נאָר די אַרבעטער סטרייקן, ניט קוקנדיק אַף די פירער'ס געגנערשאַפט, פּרואוון זיי צו צעברעכן דעם סטרייק און צוריקשיקן די אַרבעטער צו דער אַרבעט, ניט געווינענדיק זייערע פאָדערונגען; זיי פּרואוון צו בינדן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס הענט און פיס אין אַרביטראַציע־געריכטן, א. אַז. וו. דאָס איז אויך די אורזאַך פאַרוואָס יענע, וועלכע זיינען רעוואָלוציאָנערן, יענע וועלכע גרייטן צו דעם אַרבעטער־קלאַס אַראָפּצואוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם און איינצופירן דעם סאָציאַליזם, זיינען די איינציקע אַף וועלכע מען קאָן זיך, צו יעדער צייט און אין יעדן פלאַץ, פאַרלאָזן אַף זיי, אַז זיי וועלן קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן פון זייער ענערגיע צו געווינען די באַלדיקע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, ניט קימערנדיק זיך וועגן דעם, צי דאָס וועט פאַרמינדערן די פּראָפיטן פון די באַלעבאַטים. מיר רעוואָלוציאָנערן ווייסן, אַז מיר האָבן אין אַמעריקע אַזאַ פּראָדוציר־קאַפּאַציטעט, וואָס אויב מען זאָל זי ריכטיק אויסנוצן, איז זי גענוג אַז זי זאָל באַזאָרגן יעדן מאַן, פרוי און קינד מיט אַ באַקוועם און גליקלעך לעבן. מיר גייען אָרגאַניזירן און קעמפן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון אַ כסדר'דיקן פאַרבעסערטן לעבנס־סטאַנדאַרד; מיר גייען זיך קעגנשטעלן מיט אונזער גאַנצער מאַכט קעגן די קאַפּיטאַליסטישע באַמיאונגען צו רעדוצירן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד, ניט קוקנדיק אַף אַלע רוזוועלט'ס טענות וועגן דער נויטווענדיקייט פון „עקאָנאָמיע" און „קרבנות". די אַרבעטער האָבן שוין געבראַכט צופיל קרבנות, און מיר גייען צוגרייטן די אַרבעטער אַז זיי זאָלן אויפהערן ברענגען קרבנות. מיר העלפן זיי צו פאַרשטיין, אַז כדי זיי זאָלן קאָנען פאַרווירקלעכן אַ פול און גליקלעך לעבן וועלן זיי מוזן סוף כל סוף פאַרכאַפּן די מאַכט, אַראָפּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטן, און צונעמען די אינדוסטריעס פאַר זיך דורך זייער אייגענער אַרבעטער־רעגירונג.

אַף אַזאַ אופן זעען מיר, אַז נאָר די רעוואָלוציאָנערן וועלן קעמפן ביז צום סוף פאַר די באַלדיקע פאָדערונגען פון די אַרבעטער, פאַר בעסערע שפּייז, קליידער און וואוינונגען פאַר די האָרעפּאַשניקעס. יעדער איינציקער, וואָס איז קעגן דער רעוואָלוציע, אָדער וואָס האָט מורא פאַר איר, קומט אומפאַרמיידלעך צו אַ פּונקט וואו ער פאַרראַט די אַרבעטער אינטערעסן און **גיט זיי איבער צו** די אינטערעסן פון די קאַפּיטאַליסטישע פּראָפיטן.

ווייטערע פראַגן וועגן פאַראייניקטן פראָנט

די טאַקטיק פון דעם פאַראייניקטן פראָנט מוז אָנגעווענדט ווערן אין אַלע מאַסן־טעטיקייטן. אין יעדן פאַל מוז געפונען ווערן אַ קאָנקרעטע, ספּעציעלע פאָרם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דעם געגעבענעם מאָמענט. דאָס מיינט, אַז די גאַנצע פּאַרטיי מוז זיך איינאַיבן אין וואַכזאַמקייט קעגן צעקריפּלונגען פון דעם פאַראייניקטן פראָנט און קעגן אָפּנויגן. אָט־די אָפּנויגן שטעלן מיט זיך פאָר צוויי אַלגעמיינע טיפּן: דער רעכטער אָפּנויג, וואָס באַשטייט אין באַהאַלטן דעם פּנים פון דער פּאַרטיי, ברענגענדיק פאַר אַ קרבן די הויפּט פּאָליטישע ליניע, אונטערשטרייכנדיק די פאָרמעלע שטריכן פון דעם פאַראייניקטן פראָנט אַפן חשבון פון די אמת'ע קאַמפן. דער לינקער אָפּנויג, וואָס איז פּאַקטיש אַן אָפּאָרטוניזם באַפּוצט מיט לינקע פראַזן, איז כאַראַקטעריסטיש מיטן קוקן פון אויבן אַראָפּ אַף דער געדולדיקער, סיסטעמאַטישער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וואָס איז נויטיק צו געווינען די אַרבעטער, וועלכע **געפינען זיך אונטער דער רעפאָרמיסטישער** פירערשאַפט; ער איז כאַראַקטעריסטיש מיט זיין שטרענגן און מעכאַנישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון פאַראייניקטן פראָנט, מיט זיין מורא אַריינצואוואַרפן זיך מוטיק אין די ברייטסטע מאַסן־קאַמפן.

אין אַלע אונזערע וואַל־קאַמפּאַניעס האָבן מיר פאַר זיך די פּראָבלעם ווי אַזוי צוצוגעבן זיי אַ כאַראַקטער פון דעם פאַראייניקטן פראָנט. די קומענדיקע קאָנגרעס־וואַלן וועלן מוזן מיט זיך פאָרשטעלן אַן אמת'ע קאַמפּאַניע פאַר אַ פאַראייניקטן פראָנט, מיט דעם ציל אויסצוקלייבן אַ ווייניקסטנס עטלעכע קאָמוניסטישע קאָנגרעסלייט אין עטלעכע קאָנצענטריר־פּונקטן.

אַ גרויסע מאָס אויפמערקזאַמקייט מוזן מיר שענקען די

צוויי וויכטיקע לאקאלע אנשטרענגונגען פאר א פאראייניקטן פראנט, נעמלעך: אין די קליוולאנדער און דירבארן וואלן, וואס זיינען געמאכט געווארן לעצטן יאר. אין קליוולאנד האבן די חברים גאנץ ריכטיק געשטעלט פאר זיך די אויפגאבע צו פארוויקלען די מאסן־באוועגונג פון די קליינע הויז־אייגנטימער אין דער קאמוניסטישער וואל־קאמפאניע; אבער זיי האבן דערביי געמאכט עטלעכע ערנסטע טעות'ן. זיי האבן דערמוטיקט, אדער טאלערירט, די טענדענץ, אז די פעדעראציע פון הויז־אייגנטימער זאל אריינגיין אין פאליטיק אף איר אייגענעם חשבון און דערמיט פארוואנדלען זיך אין א פאליטישער פארטיי. די פעדעראציע פון די הויז־אייגנטימער האט גענומען די איניציאטיווע און נאמינירט קאנדידאטן פאר אלדערמען און, אגב אורחא, אריינגעצויגן אויך אנדערע ארבעטער־ארגאניזאציעס, בעת די קאמוניסטישע פארטיי אלס אזעלכע איז אוועקגעשטופט געווארן אין הינטערגרונט. זאל קיינער ניט פארשטיין אין דעם פאל אונזער קריטיק, אז מיר פרואוון צו באשיצן שמאלע פארטיי־אינטערעסן קעגן די אינטערעסן פון דער הויז־אייגנטימער פעדעראציע. דאס וועט ניט זיין אמת. אונז גייט עס פונקט אזוי אין די אינטערעסן פון דער הויז־אייגנטימער פעדעראציע, ווען מיר פאדערן, אז אזא ארגאניזאציע דארף ניט פארוואנדלט ווערן אין א פאליטישער פארטיי. דאס מאכן א פארזוך צו פארוואנדלען אזעלכע מאסן־ארגאניזאציעס אין א פאליטישער פארטיי, מיינט אן ערנסטער שטער פאר זייער צוקונפטיקער ארבעט און וואוקס, און ארויפפירן זיי אף א זייטיקן וועג פון זייער ריכטיקער פונקציע. אין דער זעלביקער צייט מוז אזא האנדלונג באשאפן ליקווידאציע־טענדענצן פאר דער קאמוניסטישער פארטיי. אזא האנדלונג קאנסאלידירט ניט די אייניקייט פון די ארבעטער־מאסן, נאר שטעלט גיכער די אייניקייט אין געפאר צו צעבראכן ווערן.

די זעלביקע זאך איז פארגעקומען אין דער וואל־קאמפאניע פון דירבארן. דירבארן איז די שטאט פון די פארד־מאטאר פאבריקן; עס איז א שטאט, וואס געהערט צו דער קאמפאניע. דארט איז פארגעקומען א מאסן־רעוואלט קעגן דער פארד־הערשאפט אין דער שטאט־רעגירונג. מיר האבן גאנץ ריכטיק באשלאסן צו פאראייניקן אט־דעם רעוואלט ארום אן ארבעטער־שטים־צעטל, אין וועלכן עס באטייליקט זיך די קאמוניסטישע פארטיי, מיט קאמוניסטן אלס די הויפט־

קאַנדידאַטן. אָבער בשעת עס איז אויסגעקומען דורכצופירן אין דער פּראַקטיק אָט־די ריכטיקע ליניע, האָבן זיך די חברים צוריקגעצויגן פאַר דעם געשריי וועגן דער „רויטער געפאַר”, האָבן באַהאַלטן דעם פּנים פון דער פּאַרטיי אָט אין דעם פאַראייניקטן פראָנט און האָבן אויסגעלאָזן אייניקע פון די סאַמע וויכטיקסטע פּאָליטישע אישום. אַף אַזאַ אופן האָבן אונזערע חברים בייגעטראָגן און געשאַפן אַזאַ אַטמאָספערע פון צוריקגעהאַלטנקייט און אַרויסדרייען זיך, אַז אייניקע שוואַכערע עלעמענטן אַף דעם אַרבעטער־צעטל זיינען, אונטער דער ווירקונג פון דער שטאַרקער אַטאַקע פון פאָרד׳ס אַגענטן, אינגאַנצן אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק און דער קאַנדידאַט פאַר מעיאָר האָט רעזיגנירט פונם קאַמף.

מוזן מיר דעריבער נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז בעת מיר קאָנען אַרויסשטעלן אַרבעטער וואַל־צעטלען אונטער געוויסע באַדינגונגען, און ספּעציעל אין קאָמפּאַניע־שטעט, מיינט עס אָבער אַף קיין שום פאַל ניט, אַז מיר גיבן אויף די אומאָפּהענגיקע ראָלע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אוועקצושטופּן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין הינטערגרונט און לאָזן איר פאַרגעסן ווערן, איז אַן אומגליק פאַר דעם דערפאָלג פון אַ באַשטימטער קאַמפּאַניע און עס שטעלט אין געפאַר אונזער צוקונפטיקע אַנטוויקלונג. בכלל איז פאַלש די טענדענץ אַרויסצורוקן אַרבעטער־וואַל־צעטלען אין די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט; דאָס איז אַ טענדענץ אונטערצוגעבן זיך צום פאַרמער־לייבאָריזם.

ניט לאַנג צוריק האָבן אונזערע חברים, אין סאַוט דאַקאָטאַ, אָנגעכאַפּט זיך אָן אַ געלעגנהייט און אָרגאַניזירט אַ ברייטע שטאַט־קאָנפערענץ פון פאַרמער און פון דער באַוועגונג פון אַרבעטסלאָזע קאַונסילס, צו עפענען אַ קאַמפּאַניע אין וועלכער אַ פירנדיקער קאָמוניסט זאָל לויפן אַלס גאָווערנאָר קאַנדידאַט אין דעם שטאַט. אונטער די אומשטענדן איז דאָס געווען אַ ריכטיקע האַנדלונג, כאָטש די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַלס אַזעלכע האָט נאָך ניט פאַרעפנטלעכט איר קאַנדידאַטן־ליסט. אָבער עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער קאַמפּאַניע, אין סאַוט דאַקאָטאַ, זאָל קריגן די טענדענץ פון באַהאַלטן זיך אונטער אַן אומפּאַרטייאישער פאָן. אויב דאָס זאָל דערלויבט ווערן, שטייט פאַר דער באַוועגונג אַ געפאַר, אַז זי זאָל זיך אַרונטערגליטשן אַף דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן וועג פון פאַרמער־לייבאָריזם, וואָס

וועט ברענגען טרויעריקע רעזולטאַטן פאַר די אַרבעטער און פאַרמער אין סאַוט דאַקאָטאַ. כדי ניט צו דערלאָזן, אַז עס זאָל קומען צו אַזאַ זאַך, מוז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרויס־טרעטן אין פראָנט אָפן סאַמע ענערגישסטן אופן. דער קאַנדי־דאַט פאַר גאָווערנאָר מוז פירן אָט־די קאַמפּאַניע אָפּענער־הייט, אַלס דער נאָמינירטער, ניט נאָר פון אַ ברייטן פאַר־אייניקטן פראָנט, נאָר אויך פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער מוז ריידן ווי אַ קאָמוניסט. די פּאַרטיי טאָר ניט אויפלייזן אירע אייגענע טעטיקייטן אין דער ברייטער באַוועגונג און פאַרלירן זיך דאָרטן. פאַרקערט, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מוז זיך גוואַלדיק פאַרשטאַרקן אין פאַרלויף פון דער קאַמ־פּאַניע און מוז דערווייזן אין פּראַקטיק איר רעכט צו דעם טיטל — „פירער פון די עקספּלואַטירטע מאַסן אין סאַוט דאַקאָטאַ".

ס'זיינען נאָך אַלץ פאַראַן טענדענצן אין אונזער באַוועגונג צו קוקן אויף דעם פאַראייניקטן פראָנט, ווי אויף אַן ענין פון אַדרעסירן בריוו צו די אויבערשטע קאָמיטעטן פון פאַר־שיידענע אָרגאַניזאַציעס און פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אָט־די קאָמיטעטן. אָבער דאָס איז אינגאַנצן ניט דער תוך פון אַ פאַראייניקטן פראָנט. בריוו און פאַרהאַנדלונגען, מיט אויבערשטע קאָמיטעטן פון רעפאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיך זייער פּלאַץ אין געוויסע מאָמענטן, ווען זיי דינען אַלס אינסטרומענטן צו דראַמאַטיזירן פאַר די ברייטסטע מאַסן וויכטיקע אישוס און באַוועגן די מאַסן צו אַקציע און צו אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג פון אייניקייט. אָבער אויב אַזעלכע בריוו און פאַרהאַנדלונגען ווערן אַן ענד־ציל פאַר זיך אַליין, אויב זיי ווערן כסדר איבערגעחזר'ט אָן קיין שום רעזולטאַטן, דעמאָלט דינען זיי ניט צו בויען די באַוועגונג פאַר אייניקייט, נאָר פּונקט פאַרקערט, צו דעמאָראַליזירן זי און צעשטויבן זי, צו דיסקרעדיטירן דעם גאַנצן לאָזונג פון אַ פאַראייניקטן פראָנט.

די טאַקטיק פון פאַראייניקטן פראָנט שפּילט אַלץ אַ וויכ־טיקערע ראָלע אין דעם טרייד־יוניאָן געביט און אין די סטרייק־באַוועגונגען. דאָס איז ספּעציעל אמת אין דעם קאַמף קעגן קאָמפּאַניע־יוניאָנס און אין יענע אינדוסטריעס, וואו צוויי אָדער מער טרייד־יוניאָנס אַנטשטייען שוין צווישן די אַרבעטער. אין יעדן פון די פאַלן מוזן די רעוואָלוציאָנערע כוחות אַרויסקומען פאַראויס אַלס די פּראַקטישע קעמפער

פֿאַר פֿאַראייניקן אַלע אַרבעטער קעגן די קאָמפּאַניע־יוניאָנס, און פֿאַר געפֿינען די פֿאָרמען צו פֿאַראייניקן די אַרבעטער־קאַמפּן אין דער א. פֿ. אָוו ל., ט. יו. ל., און אין די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס. אַן אויסגעצייכנטער ביישפּיל פֿון אַ ריכטיקער אָנשטרענגונג אין דער ריכטונג, איז געווען דער פֿאָרשלאָג פֿאַר אַ פֿאַראייניקטער האַנדלונג, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן דורך די דעלעגאַטן פֿון דער שטאָל־ און מעטאַל־אַרבעטער אינדוסטריעלער יוניאָן צו דער קאָנפֿערענץ פֿון די לאָקאַלן אין דער „רעפּאָבליק סטיל מיל” פֿון דער „אַמאַלגאַמייטעד אַסאָסיאײשאָן אָוו אײראָן, סטיל און טין” אַרבעטער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ניט לאַנג צוריק אין אָהייאָ. אַ צווייטער ביישפּיל פֿון אַ ריכטיקער פּראַקטיק, בנוגע דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט אין די טרייד־יוניאָן קאַמפּן, איז געווען די אַרבעט אין די וועסטערן פּענסילווייניע מיינפֿעלדער, אין דער צייט פֿון די דאָרטיקע גרויסע סטרייקן, אין וועלכע די נאַציאָנאַלע מיינער־יוניאָן האָט צוגעזאָגט איר שטיצע פֿאַר דער פֿאָדערונג צו אָנערקענען די יונייטעד מיין וואָרקערס און אין וועלכער די שטאָל־ און מעטאַל־אַרבעטער אינדוסטריעלע יוניאָן האָט אָנגעהויבן דערפֿאָלגרייך די איינשטעלונג פֿון אַ פֿאַראייניקטער האַנדלונג פֿון די סטרייקנדיקע מיינערס מיט די שטאָל־אַרבעטער. נאָך אַ ביישפּיל פֿון אַ ריכטיקער אָנווענדונג פֿון דעם פֿאַראייניקטן פֿראָנט איז געווען די קאָנפֿערענץ פֿון די אויטאָמאָביל־אַרבעטער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן לעצטע וואָך אין דעטראָיט אַף דעם פֿאַראייניקטן רוף פֿון דער אויטאָמאָביל־אַרבעטער־יוניאָן און דער „מעקעניקס עדיוקיישאָנאַל סאָסייעטי”, אין וועלכער עס האָבן אויך אנטייל גענומען ריינק־און־פֿייל דעלעגאַטן פֿון די א. פֿ. אָוו ל. אויטאָ־יוניאָנס, אונטער דעם לאָזונג פֿון פֿאַראייניקטן קאַמף קעגן קאָמפּאַניע־יוניאָנס און פֿאַר די פֿאָדערונגען פֿון די אויטאָמאָביל־אַרבעטער. פֿילע אַנדערע ביישפּילן האָבן געקאָנט געבראַכט ווערן און דאַרפֿן ווערן אַנאַליזירט. חבר סטעטשעל, אין זיין ספּעציעלן באַריכט איבער דער טרייד־יוניאָן פֿראַגע, וועט אַריינגיין אין מער איינצלהייטן און אַנאַליזירן אַלע טרייד־יוניאָן פּראָבלעמען, וועלכע שטייען איצט פֿאַר אונז.

אין אַלע טעטיקייטן פֿאַרן פֿאַראייניקטן פֿראָנט, מוז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי שטענדיק באַווייזן דאָס רעכט צו אַלע אַנדערע גרופּן, און האַלטן אייך פֿאַר זיך דאָס רעכט, פֿון

געגנזייטיקער קריטיק. עס איז דערלויבבאַר און ריכטיק צו מאַכן ספעציפישע אָפמאַכן פון ניט־קריטיקירן אין פאַרלויף פון פאַקטישן דורכפירן געוויסע אַקציעס אַף וועלכע מען איז איינגעגאַנגען, אין דער ראַם פון דעם ספעציפישן אָפמאַך, אַזוי לאַנג ווי די אָפמאַכן ווערן לאָיאַל געהאַלטן פון אַלע צדדים. אָבער די קאָמוניסטן טאָרן קיינמאָל ניט צושטימען צו פאַרמאַכן זיך דאָס מויל, אָפצוהאַלטן זיך פון קריטיק, ווען נאָר עס ווערט צעבראָכן וועלכער עס איז אָפמאַך פאַרן קאַמף, באַ וועלכן עס איז פאַרראַט, אָדער דעזערטירונג פון דעם קאַמף. אַזעלכע אָפמאַכן וואָלטן ניט געווען קיין בייטראָג צו פאַראייניקונג, נאָר גיכער צו אַ צערייסונג.

„לינקער“ סאָציאַל־פאַשיזם און זיין ראָלע

די פאַרהעלטעניש צווישן די באַלדיקע פאָדערונגען און רעוואָלוציע זיינען געוואָרן ענגער ווי ווען עס איז מיט דער פאַרטיפונג פון דעם קאַפיטאַליסטישן קריזיס. די קאַפיטאַליסטן שטרענגען זיך אָן אַלץ מער און מער צו רעדוצירן די לעבנס־סטאַנדאַרדס. די סאָציאַליסטישע און די א. פ. אָוו ל. פירער ווערן געטריבן אַלץ מער און מער, דורך זייער אונטערוואַרפן זיך אונטער רוזוועלטס פראָגראַם, צו פאַרראַטן אָפנערהייט דעם אַרבעטער־קאַמף פאַר די מיטלען צום לעבן. בשעת זיי האָבן פריער געהאַט גענוג צייט און פלאַץ אַרומצומאַנעווּרירן און נאַרן די אַרבעטער, קומען זיי אָבער איצט אַרויס אַלץ גיכער און אָפענער מיט זייער סטרייקברעכערישער ראָלע. אַלס רעזולטאַט פון דעם, פאַרלירן די מאַסן אַלץ גיכער זייערע אילוזיעס. באַ די סאָציאַל־פאַשיסטן איז איצט אַן אמת'ער קריזיס; זייערע נאָכפאָלגער קערן זיך אָפ פון זיי.

אַ קליינעם ביישפיל, ווי שנעל אָט די אַנטוויקלונג קומט פאָר, האָבן מיר געזען אין די צוויי טעקסי־דרייווער סטרייקן אין ניו־יאָרק. מיט צוויי מאָנאַטן צוריק זיינען די טעקסי־אַרבעטער אַרויס אין סטרייק און געפאָדערט די אָנערקענונג פון זייער יוניאָן און געהעכערטע שכירות. ווער זיינען געווען זייערע פירער, ווען זיי זיינען דעם ערשטן מאָל אַרויס אין סטרייק? מעיאָר לאַ־גוואַרדיאַ אַליין איז דערשינען אַלס אַ מין מחותן זייערער; דער סאָציאַליסט, ריכטער פענקין, איז געווען זייער הויפט מליץ־יושר; דער ליבעראַלער סאָציאַ־

ליסט, מאָרים ערנסט, איז געווען דער ארביטראטאָר; די סאָ־ציאַליסטישע פּארטיי האָט גע־עדט וועגן דער יוניאָן מיט צערטלעכקייט, אַלס „אונזער" יוניאָן. אָבער ווי גיך האָט זיך די סצענע געביטן! די אויסגלייכער האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. ווען די ארבעטער האָבן ניט געוואָלט איינגיין אזוי שנעל אַף קאָמפּראָמיסן, האָט זיך גלייך לאַ־גוואַרדיאַ פּאַרוואַנדלט פון אַ גוטן מחותן אין אַ בייזן פּאָליסמאַן. די ליבעראַלע סאָציאַליסטישע ראַמגעבער און אויסגלייכער האָבן געווירקט מיט אַלע מיטלען אַף די סטרייקער, אַז זיי זאָלן אָננעמען דעם סעטלמענט וואָס לאַ־גוואַרדיאַ האָט דיקטירט; צום סוף האָבן די ארבעטער אָנגענומען דעם סעטלמענט אונטער דעם איינדרוק, אַז זיי האָבן געוואונען אַ טייל פון זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען צוזאַמען מיט דער אָנערקענונג פון זייער יוניאָן. די קאָמוניסטן האָבן גלייך געוואָרנט די טעקסי־סטרייקערס, אַז זיי זיינען פאַרראַטן געוואָרן. אָבער די טעקסי־סטרייקערס זיינען נאָך אַלץ געבליבן לאָיאַל צו אָט־די „פּי־רער" און האָבן אַף שטיקלעך צעריסן דעם „דעילי וואָרקער", וואָס האָט זיי אויסגעזאָגט דעם ביטערן אמת, און זיי האָבן אָנגעבראָכן די ביינער די קאָמוניסטן וואָס האָבן אזוי גע־רעדט. כאָטש זיי זיינען געווען אַנטוישט, פונדעסטוועגן האָבן זיי גאָרניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די „קאָמוניסטי־שע צעברעכער" און „רויטע". אָבער ווען זיי זיינען צוריק־געגאַנגען צו דער ארבעט האָבן זיי אויסגעפונען, אַז ניט נאָר האָט מען זיי אָפּגענאַרט בנוגע זייערע עקאָנאָמישע זיגן, נאָר מען האָט בא זיי אויך אינגאַנצן אָפּגענומען דעם רעכט פון האָבן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע. די קאָמפּאַניעס האָבן אָנגע־הויבן איינצושטעלן קאָמפּאַניע־יוניאָנס; די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן צו סטראַשען, אַז זיי וועלן סטרייקן קעגן זיי — זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען צוריק צו זייערע אַלטע פירער מיישב זיין זיך, אָבער יענע האָבן זיי געזאָגט אַז זיי זאָלן אויפהערן צו מאַכן ווידער „טראָבל", אַז זיי זאָלן זיך אונטער־געבן אונטער דער נ.ר.אַ. קאָוד פון 13$ אַ וואָך; אַז די קאָמ־פּאַניע האָט אַ רעכט צו אָרגאַניזירן קאָמפּאַניע־יוניאָנס אויב זי וויל. זיינען די ארבעטער, אין פאַרצווייפלונג, ווידעראַמאָל אַרויס אין סטרייק כדי אויסצוקעמפן זיך די אָנערקענונג פון זייער יוניאָן. מיט איין מאָל זיינען קעגן זיי אַרויסגעטראָטן אַלע זייערע פריערדיקע פריינט; יעדע צייטונג אין שטאָט האָט אָנגעהויבן צו בילן אַף זיי; לאַ־גוואַרדיאַ האָט גענומען

שיטן מיט סטראַשונקעס; די פּאָליציי האָט זיי אַרעסטירט און געשלאָגן; די סאָציאַליסטן האָבן זיך אָפּגעוואַשן פון זיי; די אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָט געסטראַשעט, אַז זי וועט זיך אַריינמישן און איבערנעמען די קאָמפּאַניע־יוניאָן. נאָר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, די רעוואָ־לוציאָנערע טרייד־יוניאָנס און די קאָמוניסטישע פּרעסע זיינען געקומען צו הילף די טעקסי־סטרייקערס. דער רעזולטאַט איז געווען — די זעלביקע טעקסי־אַרבעטער, וואָס האָבן מיט עט־לעכע וואָכן צוריק צעפליקט דעם „דעילי וואָרקער" און צע־נהרג'ט די קאָמוניסטן, שרייען איצט „הוראַ" פאַר דעם „דעילי וואָרקער", שיקן אַ דעלעגאַט צו דעם קאָמוניסטישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, און האָבן שוין מער קיין מורא ניט און שעמען זיך ניט וואָס זייער יוניאָן ווערט אָנגערופן אַ „רויטע" יוניאָן. אין עטלעכע קורצע וואָכן האָבן די סאָציאַל־פאַשיסטן פאַרלאָרן זייער גאַנצן איינפלוס איבער זיי; אין עטלעכע קורצע וואָכן זיינען אָט־די אַרבעטער, וואָס זיינען אין אַן איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט געווען אַקטיוו־אַנטאַגאָניסטיש — געוואָרן קאָמוניסטישע סימפּאַטיזירער.

די זעלביקע זאַך פּאַסירט אומעטום אַף גרעסערע און קלענערע מאַסשטאַבן. די קלאַסן־ליניע ווערן אָנגעצויגן; דער קלאַסן־קאַמף ווערט פאַרשאַרפט; די מאַסן קאָנען איצט גיכער לערנען, מער ווי ווען עס איז פריער, אַף וועלכן צד עס שטייען די פירער — מיט די קאַפּיטאַליסטן אָדער מיט די אַרבעטער. די סאָציאַל־פאַשיסטישע פירער ווערן אויפגעדעקט פאַר די מאַסן אַלס קאַפּיטאַליסטישע אַגענטן.

אָט אין דעם קריזיס געפינט די סאָציאַל־פאַשיסטישע פירערשאַפט פאַר נויטיק צו דערפינדן נייע מיטלען ווי אַזוי אָפּצונאַרן די אַרבעטער און ווי אַזוי צו האַלטן זיי אונטער איר קאָנטראָל. וואו נאָר די סיטואַציע ווערט פאַר זיי צו־געפערלעך, הויבן זיי אָן איינצושטעלן אַן אַרבעט־צעטיילונג — איין טייל זייערער ווערט אַ „רעכטער" פליגל, וואָס פירט דורך די שמוציקע אַרבעט פון דעם דירעקטן פאַרראַט; דער צווייטער טייל ווערט אַ „לינקער" פליגל, וואָס באַדויערט כלומרשט די נויטווענדיקייט אונטערצוגעבן זיך דעם פאַרראַט און וואָס טרייסט די אַרבעטער מיט אַן אומווירקזאַמער אָפּאָ־זיציע און מיט געצוקערטע ראַדיקאַלע און אַפילו רעוואָלוציאָ־נערע און קאָמוניסטישע פראַזן. אָט־דער לינק־רעפאָרמיסטי־שער, לינקער סאָציאַל־פאַשיזם וואַקסט אויס אומעטום, ווי

שוועמלעך, און איז ספּעציעל געפערלעך. איינער פון זיינע פאָרמען איז — די זעלבסט־געקרוינטע „אמעריקאַן וואָרקערס פּאַרטי", וואָס ווערט אָנגעפירט פון דעם גלח מאַסטי. אַ צווייטע פאָרמע איז — די לאַוועסטאָן־גרופּע מיט איר י. זימערמאַן אין דער שיך־אינדוסטריע, און איר ס. זימערמאַן אין דער נאָדל־אינדוסטריע. נאָך איינע איז די טראָצקי־גרופּע אין דער שפּייז־אינדוסטריע. זיי זיינען כאַראַקטעריס־טיש דורך דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע לאָזונגען, זייער שנאה צו די קאָמוניסטן, זייער ראַדיקאַלע הייסע פראַזע און זייער פּאַקטישע דינסט צו דער א. פ. אָוו ל. און ס. פּ.־באַאמטע.

אַ קלאַסישן ביישפּיל פון אָט־דעם לינקן סאָציאַל־פאַשיזם גיט אונז דער „קאָמוניסטישער אָפּאָזיציאָנער" ס. זימערמאַן, אין דעם לאָקאַל 22 פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיס גאַר־מענט וואָרקערס יוניאָן. זימערמאַנס „קאָמוניסטישע" רע־וואָלוציאָנערע פראַזן זיינען געוואָרן אויסערגעוויינטלעך וויכ־טיקע אינסטרומענטן אין די הענט פון די באַאמטע אין דער אינטערנעשאָנאַל גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן און פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי. די אַרבעטער אין לאָק. 22 ווערן אַלץ מער אַנטוישט מיט זייערע באַאמטע. מ'קאָן זיי שוין מער ניט אָפּנאַרן מיט די אַלטע מיטלען. זיי זיינען שוין צוגעגרייט אָפּצוגעבן אַ גרויסע צאָל שטימען פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק. האָבן דעריבער די באַאמטע פון דער ס. פּ. און פון דער א. פ. אָוו ל. באַשלאָסן, אַז דאָ איז פאַראַן אַ גוטע געלעגנהייט אָנצוואווענדן דאָס אַלטע גוטע אמעריקאַניש ווער־טעל: „אויב דו קאָנסט זיי ניט צעקלאַפּן, שליס זיך אָן אָן זיי." אין דער פּערזאָן פון ס. זימערמאַן האָבן זיי געפונען זייער אייגענעם „קאָמוניסט" אָנצופירן דעם לאָקאַל 22, כדי מיט אים צו קאָנען אָנהאַלטן די אַרבעטער אונטער זייער קאָנ־טראָל. זיי פאַרזיכערן די אַרבעטער: „איר דאַרפט שוין מער ניט אויסקלייבן צווישן אַ רעפאָרמיסטישער און רעוואָ־לוציאָנערער פירערשאַפט. איצט קאָנט איר אויסקלייבן צווישן צוויי סאָרטן רעוואָלוציאָנערן — צווישן דעם פּראַקטישן, רעאַליסטישן זימערמאַן און צווישן די אומפּראַקטישע, אוטאָ־פּיסטישע, צעשטערנדיקע קאָמוניסטן. איר דאַרפט אפילו ניט אויסקלייבן צווישן ניט־קאָמוניסטן און קאָמוניסטן, ווייל מיר זיינען אפילו גערן אייך צו געבן אַ קאָמוניסט, וואָס וועט אייך אָנפירן." אויף אַזאַ אופן האָבן די א. פ. אָוו ל.־באַאמטע,

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און די סאָציאַליסטישע פּרעסע באַשאַפן אין די לעצטע וואַלן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאָקאַל 22, אַ פּעסטן, קעמפנדיקן פּאַראייניקטן פראָנט צו שטיצן דעם „קאָמוניסט” זימערמאַן. אַף אַזאַ אופן האָבן די קליינע גרופּן רענעגאַטן, האַנדלענדיק אין דעם נאָמען פון קאָמוניזם, פאַרדונגען זיך צו דער שוואַרצסטער רעאַקציע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַף אַזאַ אופן ווערן זיי „מאַסן־פירער” אין דער דינסט פון סאָציאַל־פאַשיזם.

אָט אין דעם ביישפּיל פון די זימערמאַנס זעען מיר דעם טיפּ פון דער גאַנצער משפּחה „לינקע” סאָציאַל־פאַשיסטן, וואָס אַנטשטייען אין דעם קריזיס פון דער סאָציאַל־פאַשיסטישער פירערשאַפט. היינט צו טאָג זיינען זיי די סאַמע געפערלעכסטע שונאים פון די אַרבעטער־מאַסן. מיר וועלן נאָר קאָנען גיין פאָראויס אַף וויפיל מיר וועלן קאָנען אויפדעקן זייער אמת'ן כאַראַקטער און אַף אַזאַ אופן אַרויסטרייבן זיי פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

בנוגע דעם מוזן מיר אָבער זאָגן, אַז מיר זעען נאָך צוזאַמען די רעשטלעך פון אַ געוויסער ליבעראַלער טאָלעראַנטער באַציאונג צו די רענעגאַטן. אין אַ געוויסן זינען נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס מיר האָבן נאָך אַזאַ נייע מיטגלידערשאַפט אין אונזער באַוועגונג — ווייל מיר וואַקסן צו שנעל. פיל פון אונזערע מיטגלידער זיינען ניט באַקאַנט מיט די דירעקטע פאַקטן פון דער געשיכטע און פונקציעס פון אָט־די לייט, וועלכע רופן זיך „קאָמוניסטן”. צופיל פון אונזערע מיטגלידער פאַרשטייען נאָך ניט, אַז דער טראָצקיזם און די טראָצקיסטן זיינען ניט קיין „צווייג” פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, נאָר גיכער אַ פּאָליציי־אַגענטור פון דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

ס'איז אויך פאַראַן אַן אמת'ע באַוועגונג אַף לינקס צווישן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער, וואָס פּרוּווט זיך, אָפטמאָל אַף אַן אומקלאָרן אופן, אויסצודריקן אַ רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק. אַ סימפּטאָם פון אַזאַ באַוועגונג איז די פּלאַטפאָרמע, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם קאָמיטעט פאַר רעוואָלוציאָנערער פּאָליסי, וואָס גרייט זיך צו דעם ס. פּ.־צוזאַמענפאָר אין יוני. אייניקע פון די פאָרשלאָגן, וואָס געפינען זיך דאָרטן, זיינען אַריינגעשלאָסן געוואָרן אין דעם אָפיציעלן טאָג־אָרדענונג, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פאַר דעם צוזאַמענפאָר. מיר מוזן דאָ זאָגן, אַז דער

קאָמיטעט פּאַר רעוואָלוציאָנערער פּאָליסי קומט אַסך נעענטער צו רעוואָלוציאָנערע פֿאָרמולירונגען איבער צענטראַלע אישוס ווי דאָס טוט מאָסטי'ס „אַמעריקאַן וואָרקערס פּאַרטי". נאָך מוזן מיר צוגעבן, אַז ער איז פיל ווייניקער ווילד אין זיינע אַטאַקעס אַף קאָמוניזם ווי עס איז מאָסטי אָדער די רענעגאַטן. אָבער די קאָמפּאָזיציע פון אָט־דעם „לינקן פליגל" גיט פונדעסטוועגן ווייניק גרונט צו דערוואַרטן, אַז ער זאָל פירן די אמת'ע אַנטוויקלונג לינקס־צו פון די ס. פּ.־מיטגלידער אין דער ריכטונג פון אַ פּאַראייניקטן פראָנט מיט די קאָמוניסטן און סוף כל סוף אין דער ריכטונג פון פּאַראייניקונג. ער שטעלט מיט זיך ניט פּאָר קיין איינגאַרטיקע עלעמענטן. פיל פון זיינע מיטגלידער זיינען באַקאַנט מיט זייער וואַקלענדיקן קאָמפּראָמיסלעכן כאַראַקטער. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן וועט אָט־דער פּאַרזוך צוזאַמענברעכן און וועט ווערן נאָך אַ ביטראָג צו יענעם „לינקן" סאָציאַלפּאַשיזם, וועמעס אויפגאַבע עס איז צו צעקריפּלען און צעברעכן די לינקע באַוועגונג פון די אַרבעטער.

אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אין זייער אַרבעטטיילונג, שאַפן ניט נאָר „לינקע" פליגלען, נאָר אויך אָפענע פּאַשיסטישע גרופּירונגען. מיר זעען אַזוי אין יאַפּאַן, וואו דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן צוזאַמען מיט אַ טייל פון דער ס. פּ. און איז איבערגעגאַנגען צום „נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם", אַ האַמעטנע אימיטאַציע פון היטלעריזם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו דער יאַפּאַנעזישער מלחמה־פּאָליטיק. אַזוי זעען מיר אין פראַנקרייך, וואו די „נעאָ־סאָציאַליסטן" האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כדי זיי זאָלן קאָנען אָפן אַריבערגיין צו אַ נאַציאָנאַלער שאָוויניסטישער פּלאַטפּאָרמע, צום אָפענעם פּאַשיזם. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויך איר אָפענע פּאַשיסטישע גרופּירונג, וואָס האָט איר צענטער אין אָהייאָ. איר וואָרט־פירער איז דזשאָזעף וו. שאַרטס, דער סטייט־סעקרעטאַר פון דער ס. פּ. לאָמיך אָט־דאָ געבן עטלעכע ביישפּילן פון אָט־דער נייער פּאַשיסטישער פּראָגראַם פון דער ס. פּ:

„מיר מוזן אָפן אָנערקענען דעם דורכפאַל פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרזוכן אַזוי לאַנג ווי מיר איגנאָרירן אָדער שטעלן זיך קעגן יענע עלעמענטאַרע עמאָציאָנעלע כוחות, וועלכע דריקן אויס „אַמעריקאַניזם", „נאַציאָנאַליזם" און

„פּאַטריאָטיזם". דעריבער נויטיקן מיר זיך אין אויס־נוצן, אָדער אַמווייניקסטנס נייטראַליזירן זיי. דורך אַן ענדערונג אין אונזער באַציאונג און פּראָפּאַגאַנדע אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך אָריענטירן אויף דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און אויף דער ליבע פאַרן לאַנד."

„דער סאָציאַליסטישער אַפּיל, וואָס שטיצט זיך אויף אַ נעבלהאַפטן אינטערנאַציאָנאַליזם און אויף אַ פאַנטאַסטישן קלאַסן־קאַמף אינסטינקט פון סאָלידאַריטעט, ווערט זייער גיך צעשמעטערט, ווען נאָר ער טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיט די עלעמענטאַרע עמאָציאָנעלע כּוחות, וואָס ווערן אויפגעוועקט אונטער דעם נאָמען פון פּאַטריאָטיזם."

„אָט־די גרויסע טראַדיציעס זיינען איינגעוועבט אין די „שטערן און שטרייפן" (אַמעריקאַנער פאָן) און מאַכן די פאָן כדאי צו קעמפן פאַר איר, ניט קוקנדיק אויף די קאַפּיטאַליסטישע פאַרבינדונגען מיט איר אין די לעצטע יאָרן."

„ניט דורך דעם פּאַציפיסטישן, נאָר דורך דעם פּאַט־ריאָטישן צוגאַנג ליגט אונזער וועג צו מאַכט און פריי־הייט."

עס וואָלט געווען זייער שווער עפּעס צוצולייגן צו דעם, וואָס מר. שאַרטס האָט געזאָגט, ציטירנדיק דירעקט פון היטלערן.

דער פּראָגרעס אין באָלשעוויזירן די קאָמפּאַרטיי

מיר פּרואוון מיט אַלע אונזערע כּוחות פאַרוואַנדלען אונ־זער קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַ באָלשעוויסטישער. וואָס מיינט דאָס? עס מיינט צו באַהערשן אַלע לעקציעס וואָס מיר האָבן געלערנט פון דער ערשטער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי, פון דער סאַמע דערפאָלגרייכסטער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און געפירט געוואָרן צום זיג דורך לענינ'ען, און וועלכע בויט איצט דערפאָלגרייך דעם סאָציאַליזם אונטער סטאַלינ'ס פירערשאַפט. דאָס מיינט צו ווערן אַ מאַסן־פּאַרטיי; צו ווערן אַ פּאַרטיי מיט די שטאַרקסטע וואָרצלען צווישן די אַנטשיידנדיקע אַרבעטער אין די גרונט־אינדוסט־ריעס; דאָס מיינט צו זיין אַ פּאַרטיי וועמעס פעסטונגען עס געפינען זיך אויף די שיפן, אין די מינען און פאַבריקן, און ספּעציעל אין די גרעסטע און סאַמע וויכטיקסטע; עס מיינט

צו זיין אַ פּאַרטיי, וועלכע פירט און אָרגאַניזירט די קאַמפּן פון אַלע אונטערדריקטע מענטשן און פאַרבינדט זיי שטאַרק מיט דעם ארבעטער־קלאַס; דאָס מיינט צו ווערן אַ פּאַרטיי וואָס פאַרענטפערט יעדע קאַמפּס־פראַגע, וואָס קאָן לייזן יעדע פּראָבלעם; דאָס מיינט צו זיין אַ פּאַרטיי וואָס שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ פאַר קיין שום שוועריקייטן, וואָס דרייט זיך ניט אַוועק אָן אַ זייט צו געפינען דעם גרינגסטן וועג, וואָס לערנט זיך ווי אַזוי צו באַקעמפן אַלע אָפּנויגן אין אירע אייגענע רייען — קעמפן אויף צוויי פראָנטן; עס מיינט צו ווערן אַ פּאַרטיי וואָס ווייסט ווי אַזוי צו פאַר־וואַנדלען שוועריקייטן און געפאַרן אין פאַרצוגן און זיגן.

זיינען מיר אַזאַ פּאַרטיי? ־ערווייל נאָך ניט. מיר האָבן אַ שטאַרקע אַמביציע צו ווערן אַזאַ פּאַרטיי. מיר מאַכן פּראָ־גרעס אין דער ריכטונג. אָבער ווען מיר באַטראַכטן די אויסערגעוויינטלעך גינסטיקע באַדינגונגען אונטער וועלכע מיר אַרבעטן, ווען מיליאָנען הויבן זיך אָן צו באַוועגן, צו אָר־גאַניזירן זיך, צו קעמפן, ווען נאָר אונזער פּראָגראַם קאָן לייזן זייערע פּראָבלעמען, — דאַן מוזן מיר זאָגן, אַז מיר גייען בכלל צו פּאַמעלעך פאַראויס. אונזער אויפגאַבע איז אַריבערצוגעווינען די מאַיאָריטעט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אויף דער זייט פון אונזער פּראָגראַם. מיר האָבן ניט קיין אומבאַגרענעצטע צייט צו דערגרייכן דאָס. דער טעמפּ, די שנעלקייט פון דער אַנטוויקלונג אין אונזער אַרבעט ווערט דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר צו באַשטימען אַ זיג אָדער אַ מפּלה. די באָלשעוויסטישע מעטאָדע פון אַרבעט, וואָס איז נויטיק אין אָט־דעם פּעריאָד, איז קאָנקרעט אַוועקגעלייגט געוואָרן פאַר אונזער פּאַרטיי אין דעם אָפענעם בריוו פון דער אויסעראָרדנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן לעצטן יאָר. דער בריוו האָט אונז אויפגע־פאָדערט צו קאָנצענטרירן אונזערע קרעפטן אויף די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבן, אויף די ארבעטער אין די גרונט־אינדוסטריעס, אויף די גרעסטע פאַבריקן. ער האָט אַוועקגע־לייגט אַ געוויסן מינימום פון פּראַקטישע אויפגאַבן, וואָס דאַרפן ווערן פאַרווירקלעכט אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט. ער האָט געפאָדערט פּעריאָדישע אונטערזוכונגען און אַ גענויען קאָנטראָל איבער דער דורכפירונג פון אָט־די אויפ־גאַבן.

אָט־דער אַכטער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי מוז דורכ־

פירן אזאַ אונטערזוכונג און קאָנטראָל פאַר דער גאַנצער פאַרטיי. מיר מוזן איבערקוקן די גאַנצע אַרבעט פון דער פאַרטיי זינט דעם 7טן צוזאַמענפאָר און ספּעציעל זינט דער אויסעראָרדנטלעכער קאָנפערענץ, און פעסטשטעלן וואָס מיר האָבן דערוויזן צו דורכפירן; וואו האָבן מיר געמאַכט טעות'ן און וואו זיינען געווען אונזערע שוואַכקייטן? אָט אַף דעם גרונט וועלן מיר קאָנען ריכטיק אָוועקלייגן פאַר זיך די קאָנטראָל־אויפגאַבן פאַר דעם נעקסטן פעריאָד. מיר מוזן זיך אַף אייביק צעשיידן מיט דער צייט ווען מיר האָבן געשריבן רעזאָלוציעס, אָנגעשריבן די אויפגאַבן אַפן פאַפּיר, דערנאָך האָבן מיר גענומען דעם פאַפּיר, פאָרזיכטיק פאַר־שלאָסן אין די שופלאָדן פון אַ שרייב־טישל, פאַרגעסן וועגן דעם, און ווייטער גענומען שלעפן זיך אַזוי גוט ווי מיר האָבן געקאָנט לויט די נויט־פאַלן פון דער באַוועגונג, אָן אַ שום פּלאַן, אָן אַ שום ריכטונג, און דערנאָכדעם האָבן מיר ווידער גענומען שרייבן אַן אַנדער רעזאָלוציע, פונקט ווי די וואָס מיר האָבן פאַרגעסן פריער. ווען מיר שרייבן אַ רעזאָלוציע איז דאָס די סאַמע ערנסטע פאַרפליכטונג וואָס מיר נעמען אַף זיך דורכצופירן. אויב זי ווערט ניט דורכגעפירט, דאַרפן מיר וויסן פ אַ ר וו אָ ס זי איז ניט דורכגעפירט געוואָרן. און בעת מיר וועלן שרייבן די צווייטע רעזאָלוציע וועלן מיר שוין אָננעמען אַלע נויטיקע מיטלען און גאַראַנטיעס, אַז די רעזאָלוציע וועט פאַקטיש דורכגעפירט ווערן.

אין 1930, אַפן זיבעטן צוזאַמענפאָר, איז אונזער פאַרטיי ערשט אַרויסגעגאַנגען פון אַ לאַנגן פעריאָד פון פאַר־העלטניסמעסיקער סטאַגנאַציע און אַפילו צוריקגאַנג. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די פאַרצויגענע אינעווייניקסטע פראַקציאָנעלע פאַרטיי־קאַמפן און פון דער אָפּאָרטוניסטישער לאָווסטאָניסטישער פּאָליטישער פירערשאַפט. דער זיבעטער צוזאַמענפאָר האָט קאָנסאָלידירט די פאַראייניקטלעכונג פון דער פאַרטיי, האָט באַשטעטיקט דאָס אַראָפּוואַרפן די אָפּאָר־טוניסטן און האָט אַ קער געטאָן אַנטשלאָסן די פאַרטיי אין דער ריכטונג פון אַ ריכטיקער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק פון מאַסן־קאַמפן און מאַסן־אָרגאַניזאַציע. אָבער אין דער פראַקטיק איז נאָך די פאַרטיי געווען אַלץ שוואַך. זי האָט נאָר געהאַט 7,545 דיוס־צאָלנדיקע מיטגלידער; אירע פאַבריק־קעמערלעך זיינען געווען געציילטע און האָבן פונקציאָנירט זייער שוואַך. די רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָנס האָבן ניט

געהאַט מער ווי 25 טויזנט מיטגלידער און זיינען געווען זייער שלעכט קאָנסאָלידירט. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין דער א. פ. אָוו ל. איז געווען אַף דער סאַמע נידעריקסטער שטופּע; די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אַרום דער פּאַרטיי, מערסטנס די שפּראַך־ און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, זיינען געווען פּאָליטיש אומאַקטיוו און די סאַמע ליבעראַלסטע אָפּשאַצונג פון דער מיטגלידערשאַפט פון אָט־די אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס האָט נישט געקאָנט אַריבערשטייגן די צאָל פון 300 טויזנט.

זינט יענער צייט אָן זיינען פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען. מיר וועלן פריער באַטראַכטן די דיוס־צאָלנדיקע מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי. אויב מיר ווילן דאָס נעמען אין האַלב־יערלעכע דורכשניטן, ווילן מיר קריגן די פאָלגנדיקע באַלערנדיקע ציפערן:

1931 — דעם ערשטן האַלבן יאָר —	8,339
1931 — דעם צווייטן האַלבן יאָר —	9,219
1932 — דעם ערשטן האַלבן יאָר —	12,936
1932 — דעם צווייטן האַלבן יאָר —	14,474
1933 — דעם ערשטן האַלבן יאָר —	16,814
1933 — דעם צווייטן האַלבן יאָר —	19,165
1934 — דעם ערשטן האַלבן יאָר —	24,500

פון די ציפערן ווערט קלאָר, אַז די פּאַראייניהייטלעכונג פון דער פּאַרטיי און איר ריכטיקע אַלגעמיינע פּאָליטישע ליניע פון דעם 7טן צוזאַמענפאָר אָן, און אין דעם גאַנצן פּעריאָד פון דעם קריזיס, האָט געבראַכט צו אַ כסדר'דיקער פאַרגרעסערונג פון דער מיטגלידערשאַפט פון איין האַלב יאָר צו דעם אַנדערן. היינט צו טאָג איז אונזער פּאַרטיי מער ווי דריי מאָל אַזוי גרויס ווי אין דער צייט פון דעם 7טן צוזאַמענפאָר. אָבער עס איז אויך קלאָר, אַז דעם סאַמע אַנטשיידענסטן אַרויפגאַנג האָבן מיר געמאַכט אין די לעצטע זעקס מאָנאַטן. דאָס אַנטשפּרעכט דעם פּעריאָד, ווען די הויפּט־קערפּערשאַפט פון אונזער פּאַרטיי האָט זיך גענומען צו פאַרבעסערן די אַרבעט אַף אַן ערנסטן אופן, דאָס מיינט, זינט די פּאַרטיי האָט שטודירט און האָט אָנגעהויבן צו גיין אַפן וועג פון דעם „אָפענעם בריוו".

דאָס ווערט נאָך קלאָרער, ווען מיר שטודירן די ציפערן פון אונזערע שאַפּ־קעמערלעך. אין דער צייט פון דעם 7טן

צוזאַמענפאָר האָבן מיר געהאַט עפּעס מערער ווי אַ הונדערט שאַפּ־קעמערלעך. אין דער צייט פון דעם „אָפּענעם בריוו" האָבן מיר נאָך אַלײן געהאַט ניט מער ווי 140. אויב אַפילו מיר זאָלן נעמען אין אָנבאַטראַכט, אַז דורך דער צייט זײנען פאַרמאַכט געוואָרן אָן אַ צאָל פאַבריקן און אַז אַלס רעזולטאַט זײנען פאַרניכטעט געוואָרן אַ סך קעמערלעך, איז פונדעסטוועגן קלאָר, אַז מיר האָבן כמעט קיין שום פּראָגרעס ניט געמאַכט. אָבער זינט דער צייט פון דעם „אָפּענעם בריוו", צוליב דעם וואָס מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט און פאַרבעסערט אונזער אַרבעט, און געווים אויך צוגעהאָלפן דורך דער אַלגעמיינער קאַמפּס־אַטמאָספערע, וואָס האָט פאַרפלייצט די פאַבריקן, קאָנען מיר איצט באַריכטן, אַז מיר האָבן 338 שאַפּ־קעמערלעך. די פּראָפּאָרציע פון אונזער גאַנצער מיטגלידערשאַפט אין די שאַפּ־קעמערלעך האָט זיך אויפגעהויבן פון 4 ביז 9 פּראָצענט און די פּראָפּאָרציע פון באַשעפטיקטע מיטגלידער איז איצט 40 פּראָצענט.

אין וואָס פאַר אַ סאָרטן שעפּער געפינען זיך איצט די קעמערלעך? אין דעם לעצטן יאָר זײנען 68 פון זיי געווען אין די הויפּט־אינדוסטריעס. דעם יאָר האָבן מיר דאָרט 154 קעמערלעך, מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרגרעסערונג אין דער מיטגלידערשאַפט. די מערהייט פון אָט־די שאַפּ־יוניטס זײנען אין קלײנע פאַבריקן. אַ פאַרגרעסערטע צאָל איז איצט פאַראַן אין די גרעסערע און מער אַנטשײדענע פאַבריקן. מיר האָבן איצט שאַפּ־יוניטס, וואָס פונקציאָנירן אין אונזערע קאָנצענטריר־פּונקטן אין דער שטאָל־אינדוסטריע, אין די גרויסע פאַבריקן פון פּיטסבורג, יאָנגסטאַון, און אין די קאַלומעט־וואַלי געגנטן. מיר האָבן קעמערלעך אין די וויכטיקע אויטאָמאָביל־פאַבריקן, אַזוי גוט ווי אין פיל פון די קלײנע שעפּער. מיר האָבן אַ פאַרגרעסערטע צאָל מאַרין־קעמערלעך. אין די שעפּער וואו עס געפינען זיך אונזערע 338 קעמערלעך, זײנען באַ דער אַרבעט מער ווי 350 טויזנט אַרבעטער; דער אַלגעמיינער דורכשניט איז אַרום טויזנט אַרבעטער אין יעדן שאַפּ.

אין אָט־די אונטערנעמונגען וואו אונזערע שאַפּ־קעמערלעך אַרבעטן, האָבן זיי געהאַט מיט אַ יאָר צוריק זייער ווייניק אָרגאַניזירטע אין טרייד־יוניאָנס. די גאַנצע מיטגלידערשאַפט פון אַלע קאַטעגאָריעס אין די שעפּער, וואו ס'האָבן זיך געפונען

אונזערע 140 קעמערלעך, איז געווען עטוואָס מערער ווי 7 טויזנט. היינט צו טאָג געפינען זיך אין די 338 שעפּער, וואו אונזערע קעמערלעך פונקציאָנירן, מער ווי 10 טויזנט מיט־גלידער אין די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס, מער ווי 5 טויזנט מיטגלידער אין די אומאָפּהענגיקע יוניאָנס, און איבער 21 טויזנט מיטגלידער אין דער א. פ. אָוו ל. אָט־די ציפערן שטעלן מיט זיך פאָר אַ זייער וויכטיקע פאַרגרעסערונג און נעמען אַרום מער ווי צען פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער אין אָט־די אונטערנעמונגען. אַז די קאָמוניסטן האָבן אַ גרויסן חלק אין דעם וואוקס פון דער טרייד־יוניאָן־אָרגאַניזאַציע ווערט באַוויזן דורך דער פאַרהעלטניסמעסיק־הויכער פּראָפּאָרציע פון די רעוואָלוציאָנערע און אומאָפּהענגיקע יוניאָנס. די סאַמע ערנסטע שוואַכקייט, וואָס אָט־די ציפערן ווייזן אונז, איז, וואָס ביז איצט נאָך האָבן מיר ניט מער ווי עטוואָס מער פון צען פּראָצענט אַריינגעצויגן אין די יוניאָנס.

עס איז קלאָר, אַז טאַקע אויף דעם פּונקט געפינט זיך די שליסל־פּראָבלעם צו דעם צוקונפטיקן וואוקס פון אונזער פּאַרטיי און פון דער רעוואָלוציאָנערער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. די פּראָבלעם פון אונזערע שאַפּ־קעמערלעך איז צו געווינען די פירערשאַפט איבער דער איבערוועגנדיקער מאַיאָריטעט פון אָט־די 350 טויזנט אַרבעטער, אַריינציען די בעסטע קעמפער, די סאַמע פייאיקסטע קרעפטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און די גאַנצע מאַסע אַרבעטער אין די טרייד־יוניאָנס. איז אַזאַ מין סאָרט אויפגאַבע אַן אוטאָפּיע? ניין, עס איז גאָרנישט קיין אוטאָפּיע. ווי שוואַך אונזער אַרבעט אין די שעפּער איז געווען ביז איצט, האָבן מיר אָבער גענוג ביי־שפּילן, וועלכע ווייזן, אַז מיר קאָנען דאָס טאָן און אַז מיר קאָנען דאָס טאָן גאַנץ שנעל.

ביישפּילן פון גוטער שאַפּ־אַרבעט

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל דעם פאַל פון אַ געוויסן מעטאַל־שאַפּ, וואו איך האָב פּערזענלעך אונטערזוכט די דאָרטיקע דערפאַרונגען. אָט־דער שאַפּ איז אַ מיטלמעסיקער אין דער לייכטער אינדוסטריע. דאָרט זיינען איצט באַשעפ־טיקט אַרום 500 אַרבעטער. מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר דאָרט געהאַט אַן אומטעטיקע קעמערל פון דריי מיטגלידער. דער פּאַרטיי־קאָמיטעט אין דער סעקציע, וואו עס געפינט זיך די פאַבריק, נאָכפאָלגנדיק דעם „אָפענעם בריוו", האָט באַ־

שטימט אייניקע פּאָליטיש־פּייאיקע חברים מיטצואַרבעטן און
העלפן דעם קעמערל. אין פאַרבינדונג מיט דער מעטאַל־
אַרבעטער־יוניאָן, איז דער שאַפּ אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ
סטרייק־באַוועגונג צוזאַמען מיט פיל אַנדערע קליינע מעטאַל־
שעפּער. די פאָדערונגען פון די סטרייקער זיינען געוואונען
געוואָרן, און די באַלעבאַטים האָבן אונטערגעשריבן אַ קאָנ־
טראַקט מיט דער יוניאָן. דאָס קעמערל האָט נאָך אַלץ שוואַך
פונקציאָנירט. עס האָט געאַרבעט אַלס אַ פראַקציע פון דער
יוניאָן, ניט אַרויסווייזנדיק דעם פּנים פון דער פּאַרטיי. דער
רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז מען האָט זייער פּאַמעלעך
רעקרוטירט נייע מיטגלידער. די אַרבעטער אין די שעפּער
האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז עס עקזיסטירט דאָרטן די פּאַר־
טיי. די יוניאָן־פירער האָבן מורא געהאַט, אַז אויב דאָס
פּאַרטיי־קעמערל וועט נעמען די איניציאַטיווע, וועט זי מעג־
לעך פאַרניכטן די מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער יוניאָן אין אָט־
דעם שאַפּ. אַלס רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער שוואַכקייט,
האָט דער שאַפּ־קאָמיטעט פון דער יוניאָן אויסגעקליבן אַלס
פּאָרזיצער איינעם פון די סאַמע רעאַקציאָנערסטע עלעמענטן
אין דעם שאַפּ, אַ זייער באַוואוסטזיניקן אונטערשטיצער פון
דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי־פירערשאַפט און אַ שונא פון
דער יוניאָן. עס איז געווען אַ הערשנדיקע מיינונג, אַז אַף אַזאַ
אופן וועט מען זיך קאָנען פאַרזיכערן מיט אַ פולשטענדיקער
אייניקייט אין דעם שאַפּ, אָבער אָט־דער שאַפּ־פּאָרזיצער
האָט סאַבאָטאַזשירט די אַרבעט פון דער יוניאָן. דאָס שאַפּ־
קעמערל, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן מיטינגען יעדע וואָך מיט
דער פּערזענלעכער באַטייליקונג פון פאָרשטייער פון דער
פּאַרטיי־סעקציע, און דיסקוטירנדיק אַלע פּראָבלעמען פון דעם
שאַפּ און פון דער יוניאָן, איזן ביסלעכווייז געוואָרן באַוואוסט־
זיניק וועגן די שוואַכקייטן און געפאַרן. זיי האָבן געזען ווי
דער באַלעבאָס ווערט ווידעראַמאָל חוצפּה'דיק און סטראַשעט
אָפּצוזאָגן זיך פון באַנייען דעם קאָנטראַקט פון דער יוניאָן,
אָדער צו באַטראַכטן די נייע פאָדערונגען וואָס די אַרבעטער
האָבן געהאַלטן אין פאָרמולירן. זיי האָבן געזען ווי אין שאַפּ
נעמט זיך פאַרשפּרייטן אַ גייסט פון פּאַסיוויטעט און דע־
פּיטיזם צווישן די אַרבעטער. דאָס קעמערל האָט באַשלאָסן,
אַז עס מוז ווערן אַקטיוו און אַז דער גאַנצער שאַפּ מוז וויסן
וועגן איר עקזיסטענץ. איר ערשטער טראָט איז געווען צו
באַזיגן און אַראָפּוואַרפן דעם סאַבאָטאַזשירנדיקן שאַפּ־פּאָר־

זיצער. עס האָט אָנגעהויבן רעגולער צו דערשיינען אַ שאַפּצייטונג. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אונזערע טרייד־יוניאָן פירער האָבן זיך געשטעלט קעגן אַנטוויקלען די איניציאַטיווע פון דעם שאַפּ־קאָמערל. זיי האָבן דערפאַר מורא געהאַט; זיי האָבן אַפילו אַנטוויקלט די טעאָריע, אַז דאָס שאַפּ־קעמערל איז נאָר אַ פראַקציע פון דער יוניאָן און אַז עס איז אונטערגעוואָרפן אונטער די דירעקטיוון פון דער פירנדיקער פראַקציע אין דער יוניאָן אַלס גאַנצע. אָבער דאָס קעמערל איז ריכטיק און דערפאָלגרייך אריבערגעקומען אָט־דעם ווידערשטאַנד. אין דעם סאַמע קריטישן מאָמענט, ווען עס האָט שוין אויסגעזען, אַז די יוניאָן אין דעם שאַפּ האַלט באַ פאַרניכטעט ווערן, האָט דאָס קעמערל פאַרשפּרייט אַ ליפלעט איבערן גאַנצן שאַפּ און האָט געזען, אַז יעדער אַרבעטער זאָל קריגן אַ ליפלעט, אין וועלכן די חברים האָבן גערעדט ווי אַ יוניט פון דער קאָמפּאַרטיי, אָנגעוויזן די געפאַרן וואָס לויערן אַף די אַרבעטער, און זיי גערופן צוזאַמענצונעמען אַלע זייערע קרעפטן אַרום דער יוניאָן און זען צו געווינען די פאָדערונגען.

אין פאַרלויף פון איין טאָג צייט האָט זיך די אַטמאָספערע אין שאַפּ אינגאַנצן געביטן. די דעמאָראַליזאַציע און דער דעפּיטיסטישער גייסט איז פאַרשוואונדן געוואָרן. דער קאָמוניסט, וועמען מען האָט אָנטזאַגט פאַר פאַרשפּרייטן די ליפלעטס אין שאַפּ, איז גיך צוריק אָנגעשטעלט געוואָרן דורך דעם דרוק פון דער גאַנצער אַרבעטער־קערפּערשאַפט, וואָס האָט געסטראַשעט מיט אַ באַלדיקן סטרייק, אויב די פאָדערונג וועט ניט נאָכגעגעבן ווערן. דער באַלעבאָס האָט גיך געביטן זיין טאָן און אנשטאָט דעם ער זאָל צערייסן דעם יוניאָן־קאָנטראַקט, האָט ער פאַרהאַנדלט וועגן אַ צווייטן, וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט נאָך אַנדערע פאַרשיידענע געווינסן פאַר די אַרבעטער. דערנאָך האָט דער יוניאָן־מיטינג אין דער פאַבריק איינגעלאַדן אַן אָפיציעלן רעדנער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי צו קומען און ריידן פאַר זיי אַפן מיטינג. זיי האָבן אויפגענומען דעם רעדנער מיט אַן אָוואַציע. אַלע אין שאַפּט ריידן איצט, אַז „אונזער יוניאָן איז שטאַרק דערפאַר, וואָס מיר האָבן צווישן זיך אַן אַקטיווע און שטאַרקע קאָמוניסטישע פאַרטיי־קעמערל.” די פאַרטיי און די יאָנג קאָמוניסט ליג־מיטגלידערשאַפט אין אָט־דעם שאַפּ שטעלט מיט זיך איצט פאָר 14 פראָצענט פון אַלע אַרבעטער אין דעם שאַפּ.

דער שאפ איז איצט הונדערט פראצענט יוניאניזירט אין א רעוואלוציאנערער יוניאן. די ארבעטער זיינען נאך דארטן געווען רוי און אומדערפארן, דער טיפ וואס איז אין אלגעמיין באוואוסט אלס „הינטערשטעליק". די פירער פון דעם שאפ־קעמערל, און פון דער שאפ־קאמיטעט פון דער יוניאן, באשטייען איצט פון נייע, אקטיווע, פייאיקע קרעפטן, וואס זיינען אין פולשטענדיקן קאנטראל פון דער סיטואציע און באווייזן א שטארקע איניציאטיווע. אבער אט־די ארבעטער, וואס גייען איצט אריין אין דער פירערשאפט, זיינען מיט דריי מאנאטן צוריק געווען אזעלכע, אף וועלכע מען האט געקוקט ווי אף „צוריקגעשטאנענע ארבעטער, וועלכע האבן זעלטן ווען אויפגעעפנט א מויל אף די מיטינגען".

איר קאנט זיך פארשטעלן וואס פארא מורא'דיקן פארשריט אונזער פארטיי וואלט מאכן, אויב די דערפארונג פון אט־דעם שאפ וואלט איבערגע'חזר'ט געווארן אין נאר א העלפט פון די איצט־עקזיסטירנדיקע שאפ־קעמערלעך! שטעלט זיך נאר פאר ווי גיך מיר וואלטן געקאנט אנטוויקלען א מעכטיקע מאסן־פארטיי, ווען מיר וואלטן געקראגן עטלעכע הונדערט אט אזעלכע פעסטונגען ווי די, איבערן גאנצן לאנד, ספעציעל אין די גרונט־אינדוסטריעס! וואס פארא טראנספארמאציע וואלט פארגעקומען אין דעם שיקאגא־דיסטריקט, אויב די קעמערלעך אין די סטאק־יארדס און אין די שטאל־פאבריקן וואלטן איבערגע'חזר'ט אט־די דערפארונג, אויב די חברים וואלטן ניט פארגעסן זייערע אייגענע גוטע רעזאלוציע! וואס פארא גוטער דיסטריקט פיטסבורג וואלט געווארן, אויב אן ענלעכע ארבעט וואלט געווארן אפגעטאן אין דער דזשאנס־און־לעפלין שטאל־פאבריק!

די גרעסטע שוואכקייטן פון אונזערע שאפ־קעמערלעך איז, וואס זיי זיינען ניט אזוי פיל א סוד פאר די באלעבאטים, ווי זיי זיינען א סוד פאר די ארבעטער אין די שעפער. זיי האבן מורא צו ריידן צו די ארבעטער אין דעם נאמען פון דער פארטיי, זיי גיבן ארויס זייער זעלטן ליפלעטס, ווייניקער ווי 15 פראצענט אין אונזערע שאפ־קמעערלעך גיבן בכלל ארויס א שאפ־צייטונג פון וועלכן עס איז סארט. מיר געפינען אפילו, אז עס שפראצן ארויס אזעלכע טעאריעס, ווי מיר זעען אין קליוולאנד און אין אייניקע טיילן פון ניו־יארק, אז פארטיי־שאפ־צייטונגען זיינען אין דער אמת'ן א געפאר און א שטערונג ארייצוברענגען אין די פאבריקן, אז מיר

מוזן אַרבעטן שטופּנווייז און אַז מיר דאַרפֿן פֿריער האָבן נאָר יוניאָן־צייטונגען און דערנאָך, ערשט שפּעטער, פּאַרזיכטיק נעמען זיך איינפֿירן פּאַרטיי־שאַפּ־צייטונגען. אָט דאָס אָפּאָרטוניסטישע באַהאַלטן דעם פּנים פֿון דער פּאַרטיי אין די שעפּער איז די סאַמע ערגסטע רעכטע געפֿאַר.

ווי אַ גאַס־קעמערל קאָן אויפֿבויען קאָמוניסטישע פֿעסטונגען

אונזערע גאַסן־קעמערלעך הויבן אויך אָן אין איינציקע פֿאַלן אויסצולערנען זיך ווי אַזוי צו טאָן מאַסן־אַרבעט אַף זייער אייגענעם חשבון. מיר האָבן איצט 1482 גאַסן־קעמערלעך. וואָס פֿאַראַ מוראדיקע קראַפֿט אָט־די אַלע קעמערלעך קאָנען ווערן, ווען זיי וועלן זיך אויסלערנען די באָלשעוויסטישע אַרבעט־מעטאָדן. די אורזאַכע פֿאַרוואָס זיי זיינען נאָך איצט נית אַזאַ קראַפֿט, איז נאָר דערמאַר, וואָס זיי קוקן אַף זיך ווי נאָר אַף דיוס־קאָלעקטירנדיקע אַגענטורן, ווי אַגענטורן צו פֿאַרשפּרייטן ליפֿלעטס וואָס מען גיט זיי איבער פֿון אויבן; אין בעסטן פֿאַל — אַלס פּאָליטישע דעבאַטן־קלובן פֿון אַ אַלגעמיינעם כאַראַקטער און שעמעוודיקע פֿאַרשפּרייטער פֿון דעם „דעילי וואָרקער". דאָס איז דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון דעם דורכשניטלעכן גאַסן־קעמערל. אָבער אין די פֿאַלן וואו אַ גאַסן־קעמערל הויבט אָן צו פֿאַרשטיין זיין אומאָפּהענגיקע פּאָליטישע פֿונקציע, אַז דאָס איז טאַקע די פּאַרטיי אין דער אייגענער געגנט, **אַז עס איז** דער אָרגאַניזירער און פֿירער פֿון די מאַסן אין יענער געגנט. ווען דאָס קעמערל הויבט אָן צו שטעלן זיך די אויפֿגאַבע צו געווינען די מאַיאָריטעט אַרבעטער אין דער געגנט און צו נעמען די איניציאַטיווע צו דערגרייכן אָט־די אויפֿגאַבע, זיינען די רעזולטאַטן פּשוט גוואַלדיקע. גאַסן־קעמערלעך געפֿינען אויס, אַז גאַנץ אָפֿט קאָנען זיי, מיט אַ ביסעלע אויפֿמערקזאַמקייט נאָר, גרינגדן וויכטיקע שאַפּ־קעמערלעך פֿון זייער אייגענער מיטגלידערשאַפֿט. זיי געפֿינען אויס, אַז פֿון איינציקע פֿאַרבינדונגען מיט געוויסע שעפּער קאָן מען גיך אויפֿבויען שאַפּ־קעמערלעך, און ספּעציעל הויבן זיי אָן אויסצוגעפֿינען די פּאַסנדיקע טעטיקייטן פֿאַר אַ גאַסן־קעמערל אַלס אַזעלכע, איינצואוואָרצלען די פּאַרטיי צווישן די מאַסן אין דער געגנט, אויפֿצובויען געגנט־פֿעסטונגען פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

מער ווי אַלץ דאַרפֿן די גאַסן־קעמערלעך ווערן ערנסטע

אָרגאַניזירער און פירער פון די אַרבעטלאָזע. פון 60 ביז 70 פּראָצענט אין אונזער מיטגלידערשאַפט זיינען אומבאַשעפ־טיקטע, אָבער פּאַרהעלטניסמעסיק זיינען זייער ווייניק פון זיי אַקטיוו אין בויען בלאָק־קאָמיטעטן און אַרבעטלאָזע־קאָונסילס און מיט דעם געווינען פעסטונגען פאַר דער פּאַרטיי צווישן די זעכצן מיליאָן אַרבעטלאָזע. מיר מוזן הויך זאָגן, אַז פּונקט ווי עס איז די פליכט פון יעדן אַרבעטנדיקן קאָ־מוניסט צו זיין אַ פירער אין זיין טרייד־יוניאָן, אַזוי איז אויך די פליכט פון יעדן אַרבעטלאָזן קאָמוניסט צו ווערן דער פירער פון צען אָדער הונדערט אַנדערע אַרבעטלאָזע אַרבעטער אין בלאָק־קאָמיטעטן און נעגנט־קאָונסילס.

לאָמיר נאָר דערציילן װעגן איין גוטן ביישפּיל פון אַ גאַסן־קעמערל, וואָס הויבט זיך אָן צו שטעלן פּאָליטיש אַף די פיס. אַט־דאָס קעמערל האָט נאָך ניט קיין שום גרויסע דערגרייכונגען אין פאַבריק־אַרבעט. מיט אַ יאָר צוריק איז דאָס נאָך געווען גיכער אַן אַנטמוטיקטע גרופּע פון גוטע לאַיאַלע חברים, וואָס האָבן געגוי נישט געוואוסט ווי אַזוי עפּעס צו טאָן. זיי האָבן אָנגעהויבן אָנצואוווענדן דעם „אָפּע־נעם בריוו" צו זייערע געגנט־פּראָבלעמען. זיי האָבן געעפנט אין דער געגנט אַן אַרבעטער־קלוב, און געהאַלטן אים אָפן די גאַנצע צייט, ספּעציעל פאַר דער יוגנט פון דער געגנט. זיי האָבן איינגעפירט אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיקייטן צווישן דעם עולם פון אַ פּרימיטיוון סאָרט, שפּילן, מוזיק, א. אז. וו. אין אַ צווייטן טייל פון דער געגנט מיט אַ באַדייטנדיקער נעגער־באַפעלקערונג האָבן זיי אָנגעהויבן בויען אַ ברענטש פון דער „ליג אָוו סטראָגל פאַר ניגראָ ראַיטס", מיט ווייסע און נעגער־אַרבעטער. אייניקע מיטגלידער פון דעם קעמערל האָבן גענומען די איניציאַטיווע אין אָרגאַניזירן אַ ברענטש פון דער ס. וו. א.־אַרבעטער־יוניאָן. אַט־דאָס קעמערל איז גע־וואָרן טעטיק אין אייניקע סטרייקן, וואָס האָבן אָנגערירט די געגנט, און זיי האָבן צוזאַמענגענומען אַ געוויסע מאָס שטיצע פאַר די פּיקעט־רייען. אַלס אַ רעזולטאַט פון אַט־די אַקטיוויטעטן האָט דער יוניט אָנגעהויבן צו וואַקסן און מער ווי אין צווייען פאַרטאָפּלט זיין מיטגלידערשאַפט. ער האָט אַריינגעצויגן אין דער פּאַרטיי אייניקע אויסגעצייכנטע נייע נעגער־אַרבעטער. אַף זיין לעצטן מיטינג האָט ער פאַרבראַכט עטלעכע שעה אַף דיסקוטירן די סאַמע שווערסטע פּראָב־לעמען, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן מיט דער מאַסן־אַריינ־

דרינגונג פון רויע יונגע אמעריקאנער ארבעטער פון די גאסן אין די געגנט־קלובן. גרויסע גרופעס פון אזעלכע יונגע חברה, וואס האבן פאר מאנאטן לאנג אויסגעמידן דעם קלוב דערפאר, וואס ער האט געהאט א שם אלס די „רויטע העדקוואדערס", האבן מיטאמאל געביטן זייער באציאונג, האבן זיך געווענדט מען זאל זיי ארייננעמען אלס מיטגלידער אין קלוב און האבן גענומען שטעלן אלע סארטן פאדערונגען דער פירערשאפט, אז זי זאל זיי ארגאניזירן און זאל זיי פאר־וויקלען אין טעטיקייטן.

דאס לעבן פון אט־דעם יוניט איז איצט רייך און גע־שפאנט מיט די פראבלעמען פון דעם טעגלעכן לעבן אין דער שכנה'שאפט. ער איז געווארן א צענטער פון מאסן־איינפלוס צווישן טויזנטער מענטשן. אן אינטערעסאנטן בילד וועגן די מעטאדן פון דער ארבעט פון דעם יוניט קאן מען געפינען אין דעם, ווי אזוי ער פירט אן זיין געגנט־קלוב. כדי אויפ־צוהויבן דעם פאליטישן פלאך פון דעם קלוב־לעבן, האבן זיי איינגעלאדן רעדנער פון פארשיידענע מאסן־ארגאניזאציעס, און פון דער פארטיי, פון אנדערע שטאט־טיילן. זיי באריכטן, אז די רעדנער זיינען מערסטנטייל כמעט אינגאנצן אומפאר־שטענדלעך פאר דעם עולם, וואס באזוכט דעם קלוב. די רעד־נער געפינען קיינמאל ניט קיין בארירונג־פונקט מיט זייערע צוהערער. זיי ריידן אריבער זייערע קעפ. זיי באנוצן זיך מיט לאנגע פראזן, וואס וואלטן געווען אפשר גוט אין א טעזיס, אבער וואס די ארבעטער אין יענער געגנט קאנען זיי ניט אנהויבן פארשטיין. אלס א רעזולטאט פון דעם זיינען די צוהערער געווארן אומרואיק. די יונגע חברה איז געווארן טומלדיק און אפילו באליידיקנדיק צו אט־די פאליטישע דריידלער. אט־די פאזע פון פאליטיזירן איז געווען א דורכ־אויסיקער דורכפאל, אזוי ווי מען האט געקאנט דערווארטן, דורך אזא מין צוגאנג. דא האבן מיר א לעקציע פאר דער גאנצער פארטיי אין איר ארבעט פון מאסן־אגיטאציע און פראפאגאנדע פאר דער פאליטישער דערציאונג פון די נייע רויע מאסן, וואס קומען צו אונז. פאפוגאיען און פאנאגראפן קאנען זיך איבערנעמען מיט זייער פייאיקייט איבערצו'חזר'ן מעכאניש די פראזן וואס מען גיט זיי. אבער קאמוניסטישע רעדנער טארן זיך מיט דעם ניט איבערנעמען. מיר מוזן אינ־גאנצן איבערבויען די מעטאדן פון אונזער מאסן־אויפקלערונג. מיר מוזן אבסאלוט אפשטעלן אט־די ביזנעס, וואו אונזערע

פאַרטיי־רעדנער מאַכן־נאָך די פּאָפּוגאַיען און פאָנאָגראַפן און ליי̆גן אוים די פאַרטיי־פּראָגראַם אין אַזעלכע שווערע טערמינען, אַז עס קומט אוים ווי גריכיש פאַר די צוהערער און עס רירט ניט אָן אַף קיין שום פאַל זייער לעבן און עס רופט ניט אַרוים אין זיי קיין שום אינטערעס.

די פאַרטיי־סעקציע איז דער ווינקלשטיין

דער נעקסטער צענטראַלער פונקט אין פאַרטיי־אויפבוי נאָך דעם שאַפּ־ און גאַסן־קעמערל, איז דער פאַרטיי־קאָמיטעט אין דער סעקציע, די סעקציע־ביוראָ. דאָס איז דער אמת'ער קאַדר פון דער פאַרטיי'ס מאַסן־פירערשאַפט. אין דער מאָס, וואָס אָט־די פירערשאַפט וועט אויסגעברייטערט און פאַרשטאַרקט ווערן אַף אַ מדרגה וואו זי וועט ווערן די אַנטשיידנדיקע און קאָנטראָלירנדיקע קראַפט אין אונזער טעגלעכער אַרבעט, אין אָט־דער מאָס וועט די פאַרטיי ווערן אַ מאַסן־פאַרטיי. דאָס מיינט, אַז אונזערע סעקציעס מוזן זיין קליין גענוג פאַרן קאָמיטעט, אַז ער זאָל גענוי וויסן די פּראָבלעמען, געפינען די לייזונגען און קאָנען געבן אַ דירעקטע פירערשאַפט אין דער דורכפירונג פון דער אַרבעט. דער קאָמיטעט אין דער סעקציע מוז זיין דער גענעראַל־שטאַב פון דער רעוואָלוציע אין זיין טעריטאָריע. ער מוז קענען יעדע הויז, גאַס און פאַבריק. ער מוז וויסן וועגן די טעגלעכע פּראָבלעמען אין דעם לעבן פון זיין באַפעלקערונג. ער מוז קענען אַלע אונזערע שונאים און לערנען ווי אַזוי צו באַזיגן זיי. ער מוז פאַרוואַנדלען זיין סעקציע אין אַ קאָמוניסטישער פעסטונג. דאָס מיינט אַ גרעסערע צאָל סעקציעס, אַ פאָרזיכטיקערער אויסוואַל פון פירערשאַפט און אַ בעסערע קוואַליטעט פון פירערשאַפט פאַר די סעקציעס פון די דיסטריקטן.

מיר האָבן געמאַכט פּראָגרעס אין דער אַנטוויקלונג פון די סעקציעס פון אונזער פאַרטיי, אָבער נאָך גאַנ'ץ ווייט פון גענוג. וואו מיר האָבן אין 1930 געהאַט 87 פאַרטיי־סעקציעס, האָבן מיר היינט 187. די געאָגראַפישע אויסשפּרייטונג פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס די סעקציעס שליסן איין אין זיך פונקציאָנירנדיקע פאַרטיי־קאָמיטעטן אין 463 שטעט. די אַרבעט פון אָט־די סעקציע־קאָמיטעטן האָט זיך פאַרבעסערט. אָבער מיר מוזן אוועקשטעלן פאַר אנוזער פאַרטיי־פירערשאַפט, אַלס אַן אַנטשיידענע פראַגע פאַר אונזער צוקונפטיקן פּראָגרעס, די נויט־

וועגדיקייט פון מאַכן אַ מער אַנטשיידענע פאַרבעסערונג אין דער קוואַליטעט פון אונזער סעקציע־פירערשאַפט. אַ זייער ערנסטע פּראָבלעם פון פּאַרטיי־וואוקס איז די פליסנדיקייט אין דער מיטגלידערשאַפט. זינט דעם יאָר 1930, אָנהויבנדיק מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 7,545, האָבן מיר רעקרוטירט ביז פעברואַר 1934 — 49,050 נייע מיטגלידער. אויב עס וואָלטן זיך באַ אונז איינגעהאַלטן אַלע אַלטע און נייע מיטגלידער, וואָלטן מיר שוין געהאַט אין דער האַיאָריקן פעברואַר 56,595 מיטגלידער. אנשטאָט דעם האָבן מיר אַ דיוס־צאָלנדיקע מיט־גלידערשאַפט פון אַרום 25 טויזנט. צוויי פון יעדע דריי רעקרוטירטע מיטגלידער האָבן זיך ניט איינגעהאַלטן אין דער פּאַרטיי. עס איז אמת, אַז אָט־די פלוקטואַציע ווערט איצט רעדוצירט, אָבער זי איז נאָך געגוג הויך. פאַר אונז איז דאָס ניט קיין תירוץ, ווען מיר דערציילן דעם פאַקט, אַז בכלל איז שוין אין אַמעריקע אַ טראַדיציע אַזאַ, אַז די אָרגאַניזאַציע־מיטגלידערשאַפטן זאָלן זיין ניט קיין סטאַבילע. עס איז טאַקע די אויפגאַבע פון באָלשעוויקעס צו זיין אַנדערש ווי אַלע אַנ־דערע אָרגאַניזאַציעס. עס איז אויך ניט קיין תירוץ פאַר אונז, אַז די שולד איז אין דעם וואָס מיר האָבן אַם מערסטן רע־קרוטירט פון די אַרבעטלאָזע, פון די אָפן־עיר מאַס־מיטינגען, א. אַז. וו., און וואָס מיר האָבן נישט געבויט גרינטלעך אונ־זער פּאַרטיי דורך קאַמפן, און אין די מיטן פון די סאַמע קאַמפן, אין די פאַבריקן אין איינגעשטעלטע געגנט־אָרגאַני־זאַציעס, אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, טרייד־יוניאָנס, א. אַז. וו. גראָד איז טאַקע די אויפגאַבע פון די באָלשעוויקעס צו פאַרבעסערן די קוואַליטעט פון רעקרוטירן אַזוי, אַז די פּאַר־טיי־רעקרוטן זאָלן אַף שטענדיק ווערן אַסימילירט אין דעם לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס געהעריקע באַנוצן זיך מיט די נייע קרעפטן וואָס מיר האָבן צו זיך צוגעצויגן, זייער אַקטיוויזירונג און דערציאונג אין באָלשעוויזם, איז אונזער גרונט־אויפגאַבע. דאָס וואָלט געהייסן באַשאַפן דעם הויפּט־אינסטרומענט פאַר בויען אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַמעריקע. יעדע שוואַכקייט, און איבערהויפּט אַזאַ שוואַכקייט ווי ס'איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אין אָט־דער נאָך אַלץ הויכער מאָס פון פלוקטואַציע, סיגנאַליזירט אַ געפאַר דעם דער־פאָלגרייכן אויפבוי פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמעריקע. מען מוז אויפוועקן די גאַנצע פּאַרטיי, אַז זי זאָל באַוואוסטזיניק פאַרשטיין אָט־די פּראָבלעם. אַלע כוחות

פון דער פּאַרטיי מוזן קאָנצענטרירט ווערן אויף דער אויפגאַבע צו קענען איינהאַלטן און קאָנסאָלידירן יעדן נייעם רעקרוט.

וועגן באַנוצן זיך מיט אונזער שטאַרקסטן וואָפן — דעם „דעילי וואָרקער"

דער „אָפּענער בריוו" האָט אויך געשטעלט אַ הויפּט־אויפגאַבע פאַר דער פּאַרטיי צו פאַרבעסערן און פּאָפּולאַריזירן דעם „דעילי וואָרקער" און מאַכן פון אים אַן אמת'ע מאַסן־צייטונג. אַט־די פּראָבלעם האָט צוויי באַזונדערע זייטן, וואָס זיינען פונדעסטוועגן זייער שטאַרק פאַרבונדן צווישן זיך. דאָס זיינען די עדיטאָריעלע אויסבעסערונגען אין דעם אינהאַלט פון דעם „דעילי וואָרקער" און דאָס שאַפן פון אַ מאַסן־צירקולאַציע פאַר דער צייטונג. אין דער ערשטער הינזיכט האָבן מיר געמאַכט אַן אַנטשיידענעם טריט פאָראויס. זינט דעם לעצטן אויגוסט איז דער אינהאַלט פון דעם „דעילי וואָרקער" געוואָרן פאַרגרעסערט, באַרייכערט און אויסגעבעסערט אין יעדער הינזיכט. די צייטונג איז געוואָרן אינטערעסאַנטער פאַר אירע לייענער מיט יעדן טאָג און ווייזט אַלץ מער און מער וואָס פאַר אַ וויכטיקער וואָפן זי איז אין דער אַרבעט פון אויפבויען אַ מאַסן־קאָמוניסטישע פּאַרטיי, אַזוי גוט ווי אין די פירונגען פון די טעגלעכע קאַמפן. זי איז נאָך ווייט פון צו זיין אַן אידעאַלע באָלשעוויסטישע צייטונג; די עדיטאָריעלס זיינען נאָך איצט אויך שוואַך, ניט איינפאַך און קלאָר גענוג; זי איז נאָך ניט גענוג אַנטשיידן אין אירע ראָלע אַלס פּאָליטישע דערציערין פון די מאַסן; זי איז נאָך ניט גענוג צוזאַמענגעבונדן מיטן טעגלעכן לעבן פון די מאַסן אין די אַנטשיידענע דיסטריקטן און פאַבריקן, אָבער מיר קענען זאָגן, אַז זי האָט געמאַכט וויכטיקע טריט אין דער ריכטונג. ליידער, קענען מיר ניט זאָגן די זעלביקע זאַך וועגן דער צירקולאַציע פונם „דעילי וואָרקער". אין דעם זינען איז די לאַגע באמת אַ געפערלעכע. די צאָל קאָפּיעס, וואָס ווערן טעגלעך געדרוקט (ניט נעמענדיק אין חשבון די גרויסע ספּעציעלע אויסגאַבן און די ספּעציעלע שבת־אויסגאַבן) בלייבט נאָך אַלץ אַ סך נידעריקער ווי עס איז געוועז אין 1931. עס איז אמת, אַז אויך אין דער הינזיכט איז געווען אַ געוויסע פאַרבעסערונג אין דעם זינען פון די געלט־צאָלונגען, וואָס קומען אריין אין „דעילי וואָרקער" אָפּיס פאַר דער צירקולאַציע. די סומע געלט, וואָס דער „דעילי וואָרקער"

קריגט אריין פאר די צייטונגען, האט זיך עטוואס פארגרע־סערט איבער דער סומע פון 1931. עס איז אויך אמת, אז עס איז פארגעקומען א פארבעסערונג אין דער צירקולאציע אף 50 פראצענט אין פארגלייך מיט דעם נידעריקן פונקט פון פאראיארן. אבער דאס איז געווען כמעט אינגאנצן א רעזול־טאט פון א ספאנטאנעם ענטפער אף דעם פארבעסערטן אינ־האלט פון דער צייטונג און נאר אין א גאנץ קליינער מאס צוליב דער געפלאנטער, באוואוסטזיניקער, סיסטעמאטישער טעטיקייט פון אונזער פארטיי. זאלן מירווארטן ביז עס וועט קומען צו א צייט, ווען מיר וועלן ריזיקירן מיט אונזער קאפ פאר א קאפיע פונם „דעילי וואָרקער", איידער מיר וועלן פארשטיין זיין אומאפשאצלעכן ווערט? ביז מיר וועלן ניט קריגן אמווייניקסטנס א צירקולאציע פון 100 טויזנט קאפיעס, שפילן מיר זיך נאך אלץ ארום מיטן „דעילי וואָרקער". מיר האבן שוין גרופירט ארום אונזער פארטיי, און אונטער אונזער איינפלוס, פיל מער ווי די צאל ארבעטער, וועלכע נויטיקן זיך אין א קאמוניסטישער צייטונג און וואס ווערן ניט באדינט פון אונזערע פארשיידענע שפראכן־צייטונ־גען. צו שטעלן זיך פאר א ציל א צירקולאציע פון 100 טויזנט לעזער, מיינט ניט מער ווי צו דערגרייכן מיט „דעילי וואָרקער" יענע ארבעטער, מיט וועלכע מיר האבן שוין א קאנטאקט. ביז וואנען מיר וועלן ניט דערגרייכן אט־דעם ציל מוזן מיר אפענערהייט זאגן, אז די צירקולאציע פון דעם „דעילי וואָרקער" איז דער סאמע שוואכסטער פונקט אין אונזער קאמפס־פראנט.

אונזערע קאנטראל־אויפגאבן

דער אפענער בריוו האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו שטארקן אנטשיידנדיק אונזער ארבעט אין דער א. פ. אוו ל. און אין אנדערע רעפארמיסטישע טרייד־יוניאנס. מיר קאנען שוין פארצייכענען אייניקע ערנסטע אנהויבן אין פארבעסע־רונגען אף דעם געביט. איך האב שוין פריער גערעדט וועגן דעם ברייטן אומפאנג פון דער באוועגונג פאר דעם ארבעטס־לאזן פארזיכערונגס־ביל פון די ארבעטער אין די א. פ. אוו ל. לאקאלס. מיר קאנען פארצייכענען, אז צוליב דער ארבעט פון די רעוואלוציאנערע אפאזיציעס אונטער דער קאמוניסטישער פירערשאפט האבן מיר איצט די אנטשיידענע פירערשאפט אין ארום 150 לאקאלע יוניאנס פון דער א. פ. אוו ל., מיט

אַ מיטגלידערשאַפט פון 50 ביז 60 טויזנט. אָט־די אָפּאָזיציע־אַרבעט פאַרבעסערט זיך אין די סאַמע וויכטיקסטע אינדוסטריעס, אַזעלכע ווי מיינינג און שטאָל. אַלס צוגאָב צו יענע לאָקאַלע יוניאָנס, אין וועלכע די רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציעס האָבן די שטיצע פון דער מאַיאָריטעט אַרבעטער, זיינען נאָך פאַראַן היבשע מינאָריטעטן אין אַן אַלץ גרעסערער און וואַקסנדיקער צאָל יוניאָנס. דער שוואַכסטער געביט אין דער הינזיכט בלייבט נאָך אַלץ די באַן־אינדוסטריע. דאָ קאָנען מיר נאָך אַלץ ניט זאָגן, אַז די פּאַרטיי האָט אויפגענומען איר אויפגאַבע מיט דעם פולן ערנסט און אַז זי האָט אַפילו ניט געמאַכט קיין וועלכן עס איז קענטיקן אָנהויב. אין דער גאַנצער אַרבעט וואָס מיר טוען אין דער א. פ. אָוו ל. בלייבט נאָך אַלץ די כאַראַקטעריסטישע שוואַכקייט — דער פאָרמעלער כאַראַקטער פון דער אָפּאָזיציע־אַרבעט, איר טענדענץ צופרינצושטעלן זיך מיט דער באַטייליקונג אין יוניאָן־וואַלן און פאָרמעלע דעבאַטן; דער לעגאַליזם אין דער אַרבעט. דאָס ניט קאָנען אָריענטירן זיך אַף די שעפּער און גרינדן דאָרטן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־באַזיס, דאָס ניט קאָנען אַנטוויקלען אַן אומאָפּהענגיקע פירערשאַפט אין די טעגלעכע קאַמפן, — אָט דאָס זיינען נאָך אַלץ אונזערע כאַראַקטעריסטישע שוואַכקייטן.

די סאַמע אַנטשיידנסטע אויפטואונג אַף דעם טרייד־יוניאָן געביט, אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, איז געווען די אַנטוויקלונג פון די רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָנס אַלס אמת'ע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן דירעקט געפירט דעם קאַמף פון 20 פּראָצענט פון אַלע סטרייקער אין דעם פּעריאָד, און געווינענדיק אַ סך אַ העכערע פּראָפּאָרציע זיגן דורך דער סטרייק־באַוועגונג. ספּעציעל איז געווען וויכטיק דער פּראָגרעס אין שטאָל, אַגריקולטור, מאַרין, ווי אויך די היבשע דערפאָלגן אין די לייכטע אינדוסטריעס, אַזעלכע ווי שיך, נאָדל, מעבל, א. אַז. וו. איבער 100 טויזנט נייע רעקרוטן, אַראָפּרעכענענדיק די פלוקטואַציע פון אַרום 15 טויזנט, גיט אונז איצט אַרום 125,000 אַרבעטער אין די רעוואָלוציאָנערע יוניאָנס. די פאַרגרעסערטע סטאַבילקייט פון אָט־די אָרגאַניזאַציעס קומט אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס זיי זיינען געבויט געוואָרן אין קאַמף, פון דעם וואָס זיי לערנען די קונסט פון טרייד־יוניאָן דעמאָקראַטיע, וואָס זיי אַנטוויקלען זייערע אייגענע פאַראַנטוואָרטלעכע טרייד־יוניאָן פונקציאָנערן און

וויזן ארויס א וואקסנדיקן און אקטיוון אינערלעכן לעבן.

די באוועגונג צווישן די ארבעטסלאָזע

די באוועגונג פון די ארבעטסלאָזע קאונסילס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אין 1930. די רייכע דערפארונגען פאר 4 יאָר צייט אין די לאָקאלע, שטאט און נאציאָנאלע קאמפן און אקציעס, וואָס האָבן דערגרייכט זייערע העכסטע פונקטן דעם 6טן מערץ, 1930, די אויבעטסלאָזע דעמאָנסטראציעס, די נאציאָנאלע הונגער־מארשן אין 1931 און 1932 און דער ניט־לאנג צוריק אָפּגעהאלטענער ארבעטסלאָזער קאָנגרעס, אין וואשינגטאָן, אין פעברואר 1934, האָבן קריסטאליזירט אמת'ע מאסן־אָרגאניזאציעס אויף א נאציאָנאלן מאסשטאב. אויף דער וואשינגטאָנער קאָנפערענץ, וואָס האָט צוזאמענגעבראכט ארבעטסלאָזע קאונכילס, טרייד־יוניאָנס און אלע פאָרמען פון מאסן־אָרגאניזאציעס, וואָס אונטערשטיצן דעם קאמף פאר דעם ארבעטסלאָזן פארזיכערונגס־געזעץ פון די ארבעטער, איז געווען אן אָרגאניזירטע פארטרעטערשאפט פון ארום א האלבן מיליאָן ארבעטער. אין די ארבעטסלאָזע קאונסילס, ס.וו.א.־יוניאָנס, רעליף־ארבעטער יוניאָנס, א. אז. וו., האָבן מיר א פארהעלטניסמעסיק סטאבילע אָרגאניזאציע פון 150 ביז 200 טויזנט. פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף דעם פאקט, וואָס די ארבעטסלאָזע קאונסיל־באוועגונג אונטער אונזער פירערשאפט איז דער הערשנדיקער אָרגאניזאציאָנעלער אויסדרוק פון די ארבעטסלאָזע אויף א נאציאָנאלן מאסשטאב, מוזן מיר אָבער זאָגן, אז אין א סך ערטער ליידט נאָך אָט־די ארבעט פון די סאמע ערנסטסטע שוואכקייטן. אָט־די שוואכקייטן זיינען אי פּאָליטיש אי אָרגאניזאציאָנעל. ספּעציעל האָבן מיר נאָך ניט גענוג פארוויקלט די טרייד־יוניאָנס אין ארבעטסלאָזער טעטיקייט. אין פּרינציפּ האָט די פּארטיי פארענטפערט אלע פּראָבלעמען און האָט געפונען לייזונגען צו אָט־די שוואכקייטן, אָבער צוליב דער ניט־גענוגנדיקער דירעקטער פּאָליטישער און אָרגאניזאציאָנעלער פירערשאפט פון דער פּארטיי, פון אויבן ביז אונטן, אין די יוניטס, סעקציעס און דיסטריקטן און דאָס שוואכע פונקציאָנירן פון די פּארטיי פראקציעס — צוליב די אלע זאכן האָט זיך ניט איבערגעטראָגן אונזער פולע דערפארונג צו דער באוועגונג אלס גאנצע. דער רעזולטאט איז א היבשער צוריקשטיין הינטער די מעגלעכקייטן אויף א נאציאָנאלן מאסשטאב, מיט די

סאמע געפעדלעכסטע שוואכקייטן אין דעם מערסטן טייל פלעצער. אלס א רעזולטאט דערפון זעען מיר, ווי אין א סך פלעצער וואקסן אויס נייע אָרגאניזאציעס פון ארבעטסלאָזע, אין וועלכע די לינקע סאָציאל־פאשיסטן און רענעגאטן־עלעמענטן לעבן אפן חשבון פון אונזערע שוואכקייטן און פארנאכלעסיקונגען. די באוועגונג אונטער אונזער פירערשאפט איז די איינציקע ברייטע פאראייניטלעכנדיקע קראפט און דער איינציקער טייל פון די ארבעטסלאָזע וואָס האָט א קלאָרע און אויסגעהאלטענע פראָגראם. זי האָט אין זיך א וואקסנדיקע קאדרע פון די בעסטע פירער אין דער ארבעטסלאָזער באוועגונג. אויב מיר וועלן געבן אָט־דער באוועגונג די ריכטיקע פירערשאפט און א כסדר'דיקע סיסטעמאטישע שטיצע, וועט זי קאָנען אין דעם קומענדיקן יאָר אָרגאניזירן מיליאָנען אנשטאָט די איצטיקע הונדערט־טויזנטער.

די פארשיידנשפראכיקע מאסן־אָרגאניזאציעס

זינט דעם 7טן צוזאמענפאָר האָבן מיר צוגעקראָגן נאָך א וויכטיקע אָרגאניזאציע אין דער ריי פון אונזערע מאסן־רעוואָלוציאָנערע אָרגאניזאציעס. דאָס איז די געגנזייטיקע פארזיכערונגס־געזעלשאפט, דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער אָרדן. זינט דעם „אָפענעם בריוו" האָט דער א. א. אָ. דורך זיין מיטגלידערשאפט־קאמפאניע פארדאָפלט זיך און האָט שוין איצט ארום 45 טויזנט מיטגלידער. וואָס עס איז נאָך מער וויכטיק איז, וואָס ער האָט אויפגעבויט פעסטונגען צווישן די ארבעטער אין די גרונט־אינדוסטריעס און האָט זיך אויסגעברייטערט ווייט איבער די גרענעצן פון זיינע פרעמד־שפראכיקע אָפטיילן, דורך רעקרוטירן איינגעבוירענע אמעריקאנער און נעגער־ארבעטער. דער א. א. אָ. האָט פאר זיך די פראָבלעם ווי אזוי צו קאָנסאָלידירן און ווייטער אויסברייטערן זיין מאסן־מיטגלידערשאפט אָן דעם ארונטערלאָזן זיך פון זיין פריערדיקן הויכן סטאנדארד פון רעוואָלוציאָנערער אקטיוויטעט, פון פאָליטיש דערציען זיינע מיטגלידער, ספעציעל דורך פארוויקלען זיי דירעקטער אין דעם קלאסן־קאמף.

דורכבליקנדיק דעם גאנצן פעלד פון די שפראך מאסן־אָרגאניזאציעס (איינשליסנדיק אויך דעם א. א. אָ.), געפינען מיר אין 20 שפראך־גרופן, אז די מאסן־אָרגאניזאציעס זיינען אויסגעוואקסן פון 50 טויזנט אין 1930, ביז 133 טויזנט אין

דעם איצטיקן מאָמענט. אויסער אָט־די אָרגאַניזאַציעס, וועל־ כע ווערן אָנגעפירט פון די קאָמוניסטן, זיינען אויך געמאַכט געוואָרן גרויסע פאָרטשריטן אין דעם אויפבויען רעוואָלוציאָ־ נערע אָפּאָזיציע־באַוועגונגען אין די רעפאָרמיסטישע שפּראַך־ אָרגאַניזאַציעס, וועגן וועלכע עס איז שווער צו געבן צופאַר־ טרויִלעכע סטאַטיסטיק. די צירקולאַציע פון די פּאַרטיי צייטונגען אין פרעמדע שפּראַכן האָט זיך פאַרגרעסערט פון 110 טויזנט אין 1930, ביז 131 טויזנט אין 1934. דער גרעסטער טייל פון דער פאַרגרעסערטער צירקולאַציע איז צוגעקומען דורכן לעצטן יאָר. עס איז קלאָר, אַז די שפּראַכן־ פּרעסע איז הינטערשטעליק לגבי דער אויסברייטערונג פון די שפּראַך־אָרגאַניזאַציעס. מיר מוזן אַוועקשטעלן פאַר אונזערע שפּראַך־ביוראָס און שפּראַך־צייטונגען די אויפגאַבע אויפצוהויבן דעם פּאָליטישן סטאַנדאַרד פון זייער אַרבעט, אַריינצוציען זייער מיטגלידערשאַפט נעענטער אין דעם הויפּט־שטראָם פון דעם אַמעריקאַנער קלאַסן־קאַמף, אַקטיווי־ זירן זיי, אַרויסברענגען פון זיי נייע פירנדיקע קאַדרען און צוצואיילן דעם פּראָצעס פון אַ באָלשעוויסטישער אַמעריקאַני־ זאַציע — דאָס מיינט דאָס אויסשמידן אַ פאַראייניקטע פּראָ־ לעטאַרישע מאַסן־באַוועגונג, וועלכע גייט אַריבער די צוימען פון שפּראַך און נאַציע. ספּעציעל איז וויכטיק, כדי צו סטאַ־ ביליזירן די נידעריקע פּאַרטיי־אָרגאַנען און די מאַסן־אָרגאַני־ זאַציעס, די פּראָגראַם פאַרן באָלשעוויזירן אונזערע פינאַנ־ ציעלע מעטאָדן און חשבונות. מיר וועלן האָבן אַ ספּעציעלן באַריכט וועגן דער פראַגע. עס איז נישט קיין טעכנישע פראַגע. זי איז פון ערשט־קלאַסיקער פּאָליטישער וויכטיקייט. באָלשעוויסטישע פּלאַנירונג, בודזשעטירונג און אַ גענויע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ווערט איצט איינגעשטעלט. דאָס מוז ווערן דער אַלגעמיינער געזעץ. מען טאָר די פראַגע ניט לאָזן אין אַ לויזן צושטאַנד. אַ גאַנצע ריי פון קלענערע מאַסן־ אָרגאַניזאַציעס זיינען אַנטשטאַנען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר; יעדע איינציקע פון זיי דערפילט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע און באַשעפטיקט זיך מיט ספּעציעלע נויטן; יעדע איינע פון זיי טראָגט־צו צו דער אַלגעמיינער פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מיר האָבן דאָ ניט די מעגלעכ־ קייט צו מאַכן אַן איבערזיכט איבער זיי, ניט קוקנדיק אַף דעם ווי וויכטיק איינציקע פון זיי זיינען. מיר מוזן אָבער מאַכן אַ ספּעציעלע באַמערקונג וועגן דער אינטערנעשאָנאַל לייבאָר

דעפּענס, וועלכע האָט געוואונען פיל ערנסט פּאָליטישע זיגן דורך דער צייט, און די וויכטיקסטע פון זיי איז די פירונג פון דער סקאָטסבאָראָ־קייס. אָבער די א. ל. ד. איז נאָך היבש הינטערשטעליק אין דעם זינען פון אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָנסאָלידאַציע און אין דער סיסטעמאַטישער אַנטוויקלונג אויף איר גאַנצן ברייטן געביט פון טעטיקייטן. די פּאַרטיי מוז שענקען אַן ערנסטערע פּאָליטישע אויפמערקזאַמקייט צו דער אַרבעט פון די קאָמוניסטישע פראַקציעס אין דער א. ל. ד., כדי צו באַזייטיקן אָט־די שוואַכקייטן. די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אַנטייל גענומען אין דער ברייטער אומפּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע פון דער „פרענדס אָוו סאָוויעט יוניאָן", האָבן דאָרט געטאָן גוטע אַרבעט. נאָר אַ קליינע צאָל קאָמוניסטן זיינען טעטיק אין אָט־דער אָרגאַניזאַציע, אָבער זיי איז געלונגען צו זאַמלען אַרום זיך אַ פאַרשיידנאַרטיקן קרייז פון סימפּאַטיזירער, יחידים און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ניט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטן אַן אויסגעצייכנטן מאַסן־צוזאַמענפאָר אין ניו־יאָרק. די פיל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועגן וועלכע מיר קאָנען איצט ניט אַריינגיין אין איינצלהייטן, קאָנען, יעדע איינציקע פון זיי באַזונדער, געפינען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן זיך, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייער אַרבעט. זיי מוזן שטודירן די מעטאָדן פון אונזער פּאַרטיי אין די גרעסערע געביטן פון מאַסן־אַרבעט דורך באַהערשן די קונסט פון באָלשעוויסטישער זעלבסט־קריטיק און דורך אַ גענויעם שטודיום אין די איינצלהייטן פון זייערע פּראָבלעמען. ספּעציעלע באַריכטן וועלן פאַרהאַנדלען די פּראָבלעם ווי אַזוי צו דערציען נייע קאַדרען, און די פראַגע וואָס האָט אַ שייכות צו דער וואַקסנדיקער סיסטעם פון אונזערע פּאַרטיי־שולן. מיר קאָנען פאַרצייכענען אַ ריי דערגרייכונגען אין באַהאַנדלען אָט־די פראַגן אויף אַ פּלאַנירטן אופן, ווי ספּעציעלע פּראָבלעמען. אָבער מיר מוזן דאָ ווידער זאָגן, אַז דאָס איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי. אַ פּלאַנירטע צוגרייטונג און דאָס זען אַרויסצוזוכן נייע קאַדרען איז דער סאַמע תוך פון אַ באָלשעוויסטישער פירערשאַפט.

אויב מיר מאַכן אַ קאָנסערוואַטיווע אָפּשאַצונג פון דעם סך־הכל מיטגלידערשאַפט אין די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אַרום דער פּאַרטיי, און אונטער איר פּאָליטישן איינפלוס, ווען מיר וועלן שוין אַראָפּנעמען די מעגלעכע דופּליקאַציעס, וועלן מיר

זען, אַז מיר האָבן אַן ערך פון 500,000 מיטגלידער אין די אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטיצן אונזער פּאַרטיי. אין פאַרגלייך מיט דער אָפּגעשאַצטער צאָל פון 300,000 אין דער צייט פון אונזער 7טן צוזאַמענפאָר, מיינט עס אַפילו ניט, אַז מיר האָבן געטאָפּלט די צאָל פון אונזערע אָרגאַניזירטע אונטער־שטיצער. אָבער דערפאַר מוזן מיר זאָגן, אַז די קוואַליטעט פון זייער שטיצע איז איצט אויף אַ פיל העכערער מדרגה; זי איז מער באַוואוסטזיניק, מער אַקטיוו, מער קאָנסאָלידירט, און זי איז געפּרואווט געוואָרן אין דעם פייער פון פיר יאָר קאַמף קעגן שוועריקייטן און קעגן די פאַרשטאַרקטע אַטאַקעס פון אונזערע שונאים. דער גרעסטער טייל פון אָט־דעם גע־ווינס איז צוגעקומען אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, אַלס רעזול־טאַט פון די ערנסטע אָנשטרענגונגען דורכצופירן די ליניע פון דעם „אָפּענעם בריוו" און דורכצופירן די קאָנטראָל־אויפגאַבן, וואָס זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן פון דער אויסעראָרדנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ.

מיר זיינען געווען אומשטאַנד צו מאַכן אָט־דעם פּראָגרעס דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אויסצולערנען ווי אָנצואווענדן באָלשעוויסטישע זעלבסט־קריטיק. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט מוטיק און אָפן צו באַגעגענען אונזערע שוואַכקייטן און טעות'ן.

ווען לערנען די קונסט פון זעלבסט־קריטיק

מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין, אַז די מעכ־טיקע קראַפט, וואָס געפינט זיך אין דעם אויסבעסערנדיקן איינפלוס פון קריטיק, ליגט אין קאָלעקטיווער זעלבסט־קריטיק. אונזערע שונאים פרייען זיך מיט יאַשטשערקעס, ווען מיר קומען אַרויס מיט אונזער זעלבסט־קריטיק. זיי באַ־טראַכטן דאָס פאַר אַ סימן פון אַן אָפּשטאַרבענדיקער באַ־וועגונג. מיר קאָנען זיך דערלויבן צו פאַרשאַפן זיי אַ ביסל „נחת", ווען מיר ווייסן, אַז גראָד דורך זעלבסט־קריטיק האָבן מיר ערנסט אָנגעהויבן אויסצובעסערן אונזערע שוואַכקייטן. מיר הויבן אָן צו באַהערשן, לויט ווי עס דערלויבן אונז אונזערע אייגענע שוואַכע פייאיקייטן, די קונסט פון זעלבסט־קריטיק, וואָס חבר סטאַלין האָט געלערנט דער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר קאָנען נאָך אַלץ פיל לערנען ווען מיר לייענען איבער איין מאָל און נאָכאַמאָל חבר סטאַלינס באַריכטן אויף די קאָנגרעסן און קאָנפערענצן

פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אַלס איינעם פון אַזעלכע בייטראָגן צו אונזער אַכטן צוזאַמענ־פאָר וויל איך איבערלייענען עטלעכע זייטן פון חבר סטאַלין׳ס באַריכט אויף דעם 15טן פּאַרטיי־קאָנגרעס אין 1927, וואו כמעט יעדעס וואָרט איז פאַר אונז אַ דירעקטע לעקציע אין אונזער אַרבעט. חבר סטאַלין האָט געזאָגט:

„לאָמיר נעמען למשל דעם ענין פון דער ראָלע וואָס אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס שפּילן אין דער אָנפירונג פון די עקאָנאָמישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. איז יעדע זאַך צופרידנשטעלנדיק אין דעם זינען? ניין, בשום אופן ניט. אָפטמאָל ווערן באַשלאָסן פראַגן, ניט נאָר אין די לאָקאַלן, נאָר אויך אין דעם צענטער, אין אַ פאַמיליע־קרייז, אַזוי צו זאָגן. איוואַן איוואַנאָוויטש, אַ מיטגליד פון דער פירנדיקער גרופּע פון וועלכער עס איז אָרגאַני־זאַציע, האָט געמאַכט, לאָמיר זאָגן, אַ גרויסן טעות וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ סך צרות. אָבער איוואַן פיאָדאָראָ־וויטש וויל אים ניט קריטיקירן, ווייל אים ניט אָנווייזן זיינע טעות׳ן און קאָרעגירן אים. ער וויל דאָס ניט, דער־פאַר ווייל ער פילט ניט ווי „אָנצומאַכן זיך שונאים". עס איז געמאַכט געוואָרן אַ טעות, זאָכן זיינען אַוועק מיט די פּוטער אַראָפּ, אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפן? ווער מאַכט דען ניט קיין טעות׳ן? היינט וועל איך ווייזן איוואַן איוואַנאָוויטש׳ן זיינע טעות׳ן, מאָרגן וועט ער מיר אָפּטאָן די זעלבע זאַך. איך וועל דעריבער איוואַן איוואַנאָוויטש׳ן לאָזן צו־רו, ווייל ווער קאָן מיר גאַראַנטירן אַז איך וועל אין דער צוקונפט אויך ניט מאַכן קיין טעות? אויף אַזאַ אופן בלייבט יעדע זאַך אין „דער בעסטער אָרדענונג". עס איז שלום ושלוה צווישן דעם עולם. עס איז אמת, אַז איבערלאָזן אָט־די טעות׳ן, אַזוי ווי זיי זיינען, שאַדט אונ־זער גרויסער זאַך. אָבער דאָס איז ניט אַזוי שרעקלעך! אַזוי לאַנג ווי מיר קאָנען ווי עס איז פאַרגלעטן די צרות.

„אָט אַזוי, חברים, איז די געוויינטלעכע באַציאונג בא אייניקע פון אונזערע פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. אָבער וואָס מיינט דאָס אַלץ? אויב מיר, באָלשעוויקעס, וועלכע קריטיקירן די גאַנצע וועלט, וועלכע „שטורמען די הימלען", לויט מאַרקס׳עס אויסדרוק, אויב מיר זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון זעלבסט־קריטיק צוליב דעם אַז עס זאָל

אויפגעהאלטן ווערן דער „שלום"׳ צווישן אייניקע חברים, איז קלאָר, אז מיר קאָנען דערוואַרטן אַ חורבן אין אונזער גרויסער אַרבעט, און אז קיין גוטס קאָן דערפון ניט אַרויסקומען. מאַרקס האָט געזאָגט, אז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אונטערשיידט זיך, אַגב, פון אַנדערע רעוואָלוציעס מיט דעם, וואָס זי קריטיקירט זיך אַליין און אין דעם פּראָצעס פון קריטיקירן זיך אַליין ווערט זי קאָנסאָלידירט. אָט דער מאַרקסיסטישער פּונקט איז זייער אַ וויכטיקער. אויב מיר, די פאָרשטייער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, פאַרמאַכן די אויגן אויף אונזערע חסרונות, גלעטן אוים פּראַגן אַרום אַ פאַמיליע־טיש, האַלטן זיך געגנזייטיק שטיל בנוגע אונזערע טעות׳ן, און דערלויבן אונזערע וואונדן איינצוועסן זיך אין אונזער פּאַרטייאָרגאַניזם, טאָ ווער וועט פאַרריכטן אָט־די טעות׳ן און חסרונות? איז דען ניט קלאָר, אז מיר הערן אויף צו זיין פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציאָנערן און אז מיר וועלן געוויס ליידן אַ שיף־ברוך אויב מיר וועלן ניט אויסראָטן פון אונזערע רייען אָט־די באַלעבעכלדיקייט, אָט דעם פאַמיליעגייסט אין לייזן די וויכטיקסטע פּראַגן פון אונזער אויפבוי? איז עס דען ניט קלאָר, אז דורך דעם וואָס מען וועט זיך צוריקהאַלטן פון אַן ערלעכער און דרייסטער זעלבסטקריטיק, דורך דעם וואָס מיר וועלן זיך צוריקהאַלטן פון אַן ערלעכער און יושר׳דיקער גוטמאַכונג פון אונזערע טעות׳ן, פאַרשטעלן מיר זיך דעם וועג צו פּראָגרעס, צו אַן אויסבעסערונג אין אונזער גרויסער זאַך און צו אַ נייעם דערפאָלג פאַר אונזער אידייע? דער פּראָצעס פון אונזער אַנטוויקלונג איז ניט קיין גלאַטער, אויך ניט קיין אַלגעמיינער. ניין, חברים, מיר האָבן קלאַסן, מיר האָבן אינעווייניק באַ אונז, באַ זיך אין לאַנד, אַנטאַגאָניזמען. מיר האָבן אַ פאַרגאַנגענהייט, מיר האָבן אַ געגנוואַרט און אַ צוקונפט; עס זיינען פאַראַן ווידערשפּרוכן צווישן זיי, און מיר קאָנען ניט פּראָגרעסירן אויף אַ גרינגן אופן, ווען מיר ווערן געשליידערט פון די לעבנס־כוואַליעס. אונזער פּראָגרעס קומט פאַר אין דער פאָרם פון קאַמף, אין דער פאָרם פון אַנטוויקלענדיקע ווידערשפּרוכן און אין דער פאָרם פון בייקומען אָט־די ווידערשפּרוכן. אזוי לאַנג ווי עס זיינען פאַראַן קלאַסן, וועלן מיר קיינמאָל ניט זיין אומשטאַנד צו האָבן אזא לאַגע ווען מיר וועלן קאָנען זאָגן:

„גאָט צו דאַנקען, אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג!״ חברים, דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין. שטענדיק וועט עפּעס האַלטן אין אָפּשטאַרבן, אָבער דאָס וואָס האַלט באַם שטאַרבן וויל בשום אופן ניט שטאַרבן. יעדע זאַך קעמפּט פאַר איר עקזיסטענץ, פאַרטיידיקט איר שטאַרבנדיקע אידייע. שטענדיק קומט עפּעס נייעס אויף אין לעבן, אָבער דאָס וואָס ווערט געבאָרן ווערט ניט געבאָרן שטילערהייט, נאָר מיט ווייען און געשרייען, און דאָס נייע באַ אונז, צווישן דעם אָפּשטאַרבנדיקן און דעם וואָס ווערט געבאָרן — איז די באַזע פון אונזער אַנטוויקלונג. אויב מיר זאָלן ניט אָנווייזן און אויפדעקן, אָפן און ערלעך, ווי באָלשעוויקעס דאַרפן טאָן, די חסרונות און טעות'ן אין אונזער אַרבעט, פאַרשטעלן מיר אונזער וועג צום פּראָגרעס. אָבער מיר ווילן דורכאויס גיין פאָראויס. און טאַקע דערפאַר ווייל מיר גייען פאָראויס מוזן מיר זיך אַוועקשטעלן אַלס איינע פון אונזערע סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבן אַן ערלעכע און רעוואָלוציאָנערע זעלבסט־קריטיק. אָן דעם קאָן ניט זיין קיין שום פּראָגרעס.״

די אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי היינטיקן טאָג, די אויפגאַבע פון דעם צוזאַמענפאָר איז קלאָר און סיסטעמאַטיש אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די דאָקומענטן, וואָס ליגן פאַר אונז אָנגענומען צו ווערן, ספּעציעל די טעזיסן און באַשטימונגען פון דעם 13טן פּלענום פון דעם ע.ק.ק.י. און די פאָרשלאַג־רעזאָלוציע, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט צוגעגרייט פאַר דעם צוזאַמענפאָר. מיין באַריכט האָט געהאַט דעם ציל נאָך מער צו באַאַרבעטן אָט־די גרונט־דירעקטיוון און אַרומריידן קאָנקרעט אייניקע פון אונזערע צענטראַלע פּראָבלעמען אין דעם ליכט פון אָט־די דירעקטיוון. אָט די אַלע אויפגאַבן וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די דאָקומענטן וואָס ליגן פאַר אונז, זיינען באַזונדערע טיילן פון דער איין גרויסער אַלגעמיינער אויפגאַבע — אויפצואַוועקן און אָרגאַניזירן די אַרבעטער און אונטערדריקטע מאַסן, קעגנצושטעלן זיך קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָגראַם פון הונגער, פאַשיזם און אימפּעריאַליסטישער מלחמה. זיי זיינען טיילן פון דער איינציקער אויפגאַבע אַריבערצוגעווינען די מאַיאָריטעט פון די האָרעפּאַשנע מאַסן פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף, פאַר זייערע באַלדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדערפעניש, אַלס די ערשטע טריט אַפן וועג צו דער פּראָ־

לעטאָרישער רעוואָלוציע, אַראָפּצואוואַרפן די קאַפּיטאַליס־טישע הערשאַפט, גרינדן אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־רעגי־רונג, אַ סאָוועטן־רעגירונג, און אָפּן וועג אויפצובויען אַ סאָ־ציאַליסטישע געזעלשאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער קוואַל פון אונזער גרעסטער גבורה ליגט אין דעם, וואָס אין אונזער אַרבעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען מיר ניט איזאָלירט פון אונזערע ברידער אין די איבעריקע וועלט־טיילן. מיר זיינען אָרגאַניזאַציאָנעל פאַראייניקט אין איין וועלט־פּאַרטיי, מיט די סאַמע איבערגעגעבנסטע, ערלעכ־סטע און ענערגישסטע אינם אַרבעטער־קלאַס פון יעדן קאַפּי־טאַליסטישן לאַנד, אַזוי גוט ווי פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. וואָס קמעפן פאַר זייער באַפרייאונג איבער דער גאַנצער וועלט. מיר שעפּן נאָך מער קראַפט און באַגייסטערונג פון די וואונדערבאַרע אויפטואונגען וואָס עס האָט דערגרייכט אונזער שוועסטער־קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין כינע, וואָס שטייט בראש פון דער מעכטיקער און וואַקסנדיקער כינעזי־שער סאָוועטן־רעפּובליק. מיר זיינען שטאָלץ און באַגייסטערט פון אונזער זיין פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי מיט אַזעלכע קעמפער ווי געאָרג דימיטראָוו און זיינע חברים, וועלכע האָבן איינע אַליין געקעמפט און באַזיגט די נאַצי־מערדער־באַנדעס אין די געריכטן פון לייפּציג. אונזער שטאַרקייט ליגט אין דעם, וואָס מיר געהערן צו דער זעלבער פּאַרטיי, צו וועלכער עס געהערט ערנסט טעלמאַן און די טויזנטער העל־דישע קעמפער אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע שטעלן זיך קעגן די נאַצישע הענקער אין זייערע טורמע־צעלן און קאָנצענטראַציע־קעמפּס, וואָס האַלטן אָן, און פירן אָן יעדן טאָג, דעם קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן היטלער'ן. ספּעציעל שטאָלצירן מיר מיט די דערגרייכונגען פון אונזער שוועסטער קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין קובאַ, וועלכע האָט אויפגעוועקט און געפירט דעם מאַסן־אויפברויז וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם בלוטיקן מאַטשאַדאָ, און וועלכע זאַמלט איצט די כוחות פון די קובאַנער מאַסן אַרויסצוטרייבן מאַ־טשאַדאָ'ס נאָכפאָלגער און עטאַבלירן אַ סאָוועטן־רעפּובליק אין קובאַ. מיר זיינען שטאַרקער אין דעם באַוואוסטזיין, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין די פיליפינער אינזלען שטייט פּלייצע צו פּלייצע מיט אונז אין דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף אַראָפּצואוואַרפן דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. אונזער אַרבעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן קריגט נאָך צו מער

קראַפט פון דעם פאַקט, וואָס אַף ביידע זייטן גרענעצן, צום דרום און צו צפון, שטרעקן מיר אויס די הענט צו אונזערע שוועסטער־קאָמוניסטישע פאַרטייען פון קאַנאַדע און מעקסיקאָ. איבער גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע רופן אונז ארויס אונזערע שוועסטער־פאַרטייען אַף סאָציאַליסטישע געוועטן — ווער עס וועט קאָנען א קלאַפּ טאָן שטאַרקער און שנעלער די אימפּעריאַליסטן און זייערע אַגענטן. ווען מיר פּלאַנירן אונזערע קאַמפּס־אויפגאַבן קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה צו באַזיגן אונזער אייגענעם אימפּעריאַליזם, ווערן אונזערע מוסקולן נאָך מער אָנגעשטאָלט דורך דעם באַוואוסטזיין, אַז אונזער שוועסטער קאָמוניסטישע פאַרטיי אין יאַפּאַן ברענט אויס פאַר אונז א וועג מיט איר העלדישן קאַמף פאַר אַראָפּוואַרפן דעם יאַפּאַנעזישן אימפּעריאַליזם אין דער צייט פון אַ מלחמה. אָבער מער ווי אַלץ באַוואָפּענען מיר זיך מיט די פּאָליטישע וואפנס, וואָס זיינען אויסגעשמידט געוואָרן דורך דער זיגרייכער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט דעם מעכטיקן שווערד פון מאַרקסיזם־לעניניזם, און מיר זיינען געשטאַרקט און באַגייסטערט דורך די זיגן פון סאָציאַליסטישן אויפבוי, וואָס זיינען געוואונען געוואָרן אונטער דער באָלשעוויסטישער פירערשאַפט מיט סטאַלינ׳ען בראש. אונזער וועלט־קאָמוניסטישע פאַרטיי, דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, גיט אונז די גאַראַנטיע ניט נאָר פאַר אונזער זיג אין אַמעריקע, נאָר פאַר דעם זיג פון דעם פּראָלעטאַריאַט איבער דער גאַנצער וועלט. (שטורמדיקע אַפּלאָדיסמענטן.)

שלום רעדע

חברים:

מיר האָבן געענדיקט די דיסקוסיעס באַ אונזער אַכטער קאָנוועגשאָן. אין גרונט האָבן די דיסקוסיעס, מער ווי פריער, באַוויזן אַן איינשטימיקע פּאָליטישע ליניע אין יעדן וויכטיקן פּראָבלעם פון דער פּאַרטיי.

אין דער רעזומע זיינען נימו געבליבן קיין סך פּאָליטישע פראַגן קלאָר צו מאַכן. מיר מוזן אָבער באַהאַנדלען עטלעכע פּונקטן, וועלכע האָבן אַרויסגעבראַכט אַ מיינונגס־פאַרשיידנ־הייט. איך נעם צום ערשטן די פראַגן, וועלכע שטייען צווישן אונז און חבר זאַק'ן. איך וועל ניט מאַכן קיין פּאַרזוך צו קאַטאַלאָגירן חבר זאַק'ס אָפּנויגונגען. דאָס וואָלט פאַרנומען צופיל צייט. איך וועל בלויז נעמען דריי פּונקטן, אין וועלכע חבר זאַק האָט ניט בלויז אין דער פּאַרגאַנגענהייט אַרויסגע־שטעלט אַ ווידערשטאַנד געגן דער פּאַרטיי־ליניע, נאָר באַ וועלכע ער האַלט זיך נאָך איצט, פּאַרטיידיקנדיק עקשנות'דיק זיינע פעלערן.

די פראַגע פון אַרבעטן אין דער א. פ. אָוו ל.

חבר זאַק דערקלערט, אַז ער איז אינגאַנצן מסכים מיט די באַשלוסן פון דער קאָנווענשאָן וועגן דער אַרבעט אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר; נאָכדעם דערקלערט ער אין דעם זעלביקן אָטעם, אַז ווען די פּאַרטיי־פירערשאַפט האָט אים אַרונטערגענומען פון דער אַרבעט אין ניו־יאָרק, איז עס געווען ניט קלוג און אומגריכט, אַז זיין ליניע אין דער פראַגע אין ניו־יאָרק איז געווען הונדערט פּראָצענט גערעכט. מיר מוזן זאָגן, אַז חבר זאַק פּאַרשטייט פשוט ניט די באַשלוסן פון דער קאָנווענשאָן. אויב ער טענה'ט, אַז ער האָט די ליניע ריכטיק דורכגעפירט אין ניו־יאָרק, פּאַרשטייט ער ניט די ליניע פון דער פּאַרטיי. איך וועל בלויז אָנווייזן אַף דעם כאַראַקטער פון די זאַכן, וועלכע האָבן פּאַראורזאַכט אַז ער זאָל אַרונטערגענומען ווערן פון דער אַרבעט, אַלס אַ וואָרנונג אַז ער דאַרף אויסבעסערן זיין ליניע. די וואָרנונג האָט חבר זאַק ניט גענומען ערנסט.

דאָ איז אַ ליפלעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ניו־יאָרק, פון דער אינדעפּענדענט אַלטעריישאָן פּיינטערס

יוניאָן, אדרעסירט צו די מיטגלידער פון דער א. פ. אָוו ל. פיינטערס יוניאָן ——

צווישנרוף פון חבר זאַק: איך האָב עס ניט געשריבן.

בראודער: חבר זאַק האָט דעם ליפלעט אינדאָרסירט און פאַרטיידיקט ——

זאַק: ניט אמת!

בראודער: וואָס רעפּרעזענטירט חבר זאַק'ס איינפלוס אין דער פירערשאַפט און אין דער אַרבעט. אין מיטן אונזער קאַמף און פאַרזוכן צו אַנטוויקלען אַ לינקן פליגל אין דער א. פ. אָוו ל. יוניאָן, האָט דער ליפלעט גערופן די מיטגלידער: „קומט אַריין אין אונזער יוניאָן — די טירן פון אונזער יוניאָן זיינען אָפן פאַר יעדן ערלעכן רענק און פיילער. בייט אויס אייער ביכל פון דער בראָדערהוד פאַר אַ מיטגלידערשאַפט־בוך פון דער אַלטערריישאַן פיינטערס יוניאָן." אָט־די ליניע האָט קיין שום ענלעכקייט ניט צו דער ליניע פון אונזער פאַרטיי. אַזאַ ליניע וועט אַרויסשלעפן די מיליטאַנטישע אַרבעטער פון די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס, אין דער צייט ווען די מאַסן אַרבעטער וועלן דאָרטן פאַרבלייבן. אַזאַ ליניע מיינט, איבערצולאָזן די אַרבעטער אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון די רעפאָרמיסטן אין דער אַמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר, אנשטאָט אויפצובויען אַ שטאַרקע רענק און פייל אָפּאָזיציע צו באַקעמפן די פירערשאַפט פון די קאָרופּטירטע באַאַמטע אין דער א. פ. אָוו ל.

וועגן דער פראַגע פון פאַבריק־צייטונגען:

חבר זאַק דערקלערט אין זיין רעדע, אַז ער גיט צו זיין טעות אין דער פראַגע פון שאַפּ־צייטונגען, און ער נעמט אָן די אויסבעסערונג. ער זאָגט דאָס אָבער, בלויז אַלס אַן אַריינפיר פאַר אַ ביטערער פאַרדאַמונג פונם אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין „קאָמיוניסט", וואָס האָט פּאָלעמיזירט געגן זיין טעות. לויט חבר זאַק'ן, איז אַזאַ פּאָלעמיק געגן זיינע פעלערן ניט דערלויבבאַר, און אַ פאַרלוימדונג וואָס טאָר ניט דערלויבט ווערן געגן אַזאַ אָנפירנדיקן חבר ווי ער איז. עס איז קלאָר, אַז חבר זאַק האָט זיך אויף דעם פונקט ניט קאָרעגירט, כאָטש זיין ערשטע פאָרמולירונג פון דער פראַגע אַזוי אויבנאויף געווען אַ צוגעבונג פון זיינע טעות'ן.

צום שלוס, חבר זאַק איז געווען מיט דער מיינונג, אַז

דער צענטראַל־קאָמיטעט און זיין פּאָליטישע ביוראָ איז ניט אויסגעהאַלטן אין דער גאַנצער פראַגע פון טרייד־יוניאָן אַרבעט, און איז אין שטענדיקער געפאַר צו פאַרקריכן אין זומפּ פון אָפּאָרטוניזם, און קאָן ווערן אָביעקטיוו קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. חבר זאַק איז געקומען עפנטלעך מיט זיין מיינונג אין זיין דיסקוסיע־אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „קאָמיוניסט”. חבר זאַק'ס דיסקוסיע־אַרטיקל איז געווען אַ וואָרנונג, אַז די פאַרטיי זאָל ניט געטרויען דעם צענטראַל־קאָמיטעט. חבר זאַק האָט אַף דער קאָנווענשאָן איבערגעחזר'ט זיינע באַשולדיקונגען, און ווייטער, צייגט ער אָן וועמען ער האַלט אַלס געפאַר פאַר אונזער פאַרטיי. ער באַטראַכט חבר סטעטשעל'ען ווי אַ שיר ניט קיין ליקווידאַטאָר פון אונזער טרייד־יוניאָן אַרבעט און די איבעריקע פירערשאַפט פון דער פאַרטיי זיינען אונטער דעם איינפלוס, און זיי זיינען געניוויגט צו חבר סטעטשעל'ס ליקווידאַטאָרישע טענדענצן. וואָס איז דער גרונט פון די באַשולדיקונגען? וואָס, אויב ניט קיין ווידערשטאַנד געגן דרוק פון דער אַרבעט אין דער א. פ. אָוו ל. — אַ ווידערשטאַנד וואָס אַנטשפּרעכט אַן אָפענעם אָפּאָרטוניסטישן אַפּגיג פון דער פאַרטיי־ליניע וועגן דער אַרבעט אין די טרייד־יוניאָנס? וואָס קאָנען מיר זאָגן וועגן אַזעלכע פאַרלוימדינגען, וועלכע ווערן אין זעלבן מאָמענט באַגלייט מיט אַ ווערטערלעכער דערקלערונג צו שטיצן אונזער רעזאָלוציע? חברים, דאָס דאַרפן מיר כאַראַקטעריזירן אַלס דאָפּלטע בוכהאַלטעריע, און אַלס אַ פאַרזוך צו עטאַבלירן אַ פראַקציאָנעלע פּלאַטפאָרמע אין דער פאַרטיי, — אַ זאַך וואָס קאָן ניט טאָלערירט ווערן און וואָס מוז עלימינירט ווערן פון פאַרטיי־לעבן. דאָס איז ניט קיין באָלשעוויסטישע פּאָליטישע דיסקוסיע. אַזעלכע שטעלונגען ווי די, האָט חבר זאַק גענומען אין די פראַגן. חבר זאַק האָט קיין וואָרט ניט גערעדט אין דער ריכטונג צו פאַרשטאַרקן די סאָלידע, פעסטע אייניקייט פון דער פאַרטיי. אָן דעם קאָן קיין זאַך ניט דערגרייכט ווערן. חבר זאַק דאַרף זיך נאָך דערלערנען עטלעכע פון די ערשטע לעקציעס פון באָלשעוויסטישער אַרבעט, נעמלעך, די קענטשאַפט קאָלעקטיוו אויסצוהאַמערן אַ ליניע, צו דערגרייכן איינשטימיקע באַשלוסן, און גיין פאַראייניקט און איינשטימיק פאָראויס דורכצופירן די באַשלוסן. (אַפּלאָדיסמענטן).

און דערלויבט מיר נאָכמאָל: איינע פון די וויכטיקסטע

אויפגאַבן פון צענטראַל־קאָמיטעט, פון יעדן דיסטריקט און סעקשאָן־קאָמיטעט, מוז זיין צו אָרגאַניזירן אַ ברייטע רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע אין די אַמעריקאַן פעדערייש אָן אָוו לייבאָר־יוניאָנס — אַן אָפּאָזיציע וואָס וועט דאַרפן קאָנען געווינען די אַרבעטער וועלכע געפינען זיך אונטערן איינפלוס פון די רעפאָרמיסטן, צו פירן און אָרגאַניזירן די קאַמפן פון די אַרבעטער, געגן דעם ווילן, און איבער די קעפּ פון די ביוראָקראַטן. מיר וועלן ניט טאָלערירן קיין איין אָנפירנדיקן חבר וואָס איז ניט גרייט מיט זיין גאַנצער ענערגיע דורכצופירן אָט־די וויכטיקע אַרבעט. דאָס איז ניט קיין פראַזן־שיסעריי, מיט וועלכע חבר זאַק פאַרנעמט זיך. דאָס מיינען מיר זייער ערנסט.

איך גיי איבער צו די פראַגן וועלכע זיינען באַריכטעט געוואָרן וועגן חבר נאָעל'ן: איך וויל דאָ ניט איבערגיין די גאַנצע דיסקוסיע פון אונזער נעגער־קאָמיסיע, און די זייער גוטע דיסקוסיעס וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן. מיר האָבן געהאַט אַן אינהאַלטסרייכע דיסקוסיע — אַ דיסקוסיע, וואָס איך בין זיכער אַז זי וועט זיין אַ גרויסע הילף פאַר אַלעמען אין דער פּאַרטיי, פאַר אַלע דעלעגאַטן פון דער קאָנווענשאָן, און וואָס וועט דינען דער גאַנצער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגער־מאַסן. די אייזן־שטאַרקע איבערצייגונגען פון אונזער ריכטיקער ליניע האָבן אַפילו געצוואונגען חבר נאָעל'ן צו קומען צו דער קאָנווענשאָן און צוגעבן וועגן דעם אמת'ן כאַראַקטער פון זיינע פּאָליטישע טענדענצן, און זיין אַרבעט אַלס קליינבירגערלעך, נאַציאָנאַליסטיש און פראַקציאָנעל, און אַ באַשטעטיקונג פאַר דער גערעכטער ליניע פון צענטראַל־קאָמיטעט. אויב חבר נאָעל'ס דערקלערונג רעפּרעזענטירט זיינע אַן אמת'ע אויסבעסערונג אָדער דאָס איז נאָך איינע פון זיינע מאַנעוורעס, וועט די צייט און חבר נאָעל'ס אַרבעט און אַקטיוויטעט אין דער צוקונפט באַשטעטיקן. די פּאַרטיי וועט זיין אַף דער וואַך און אַכטונג געבן ווי אַזוי ער פאַרווירקלעכט די דערקלערונג אין לעבן.

חבר נאָעל'ן דאַרף זיך ניט אויסדוכטן, אַז מיר וועלן אים אַזוי לייכט גלויבן! ער האָט זיך שוין צופיל פאַרנומען מיט זייטיקע מאַנעוורעס געגן דער פּאַרטיי. אויב ער וועט מאַכן נאָך איין פרואוו זיך צו פאַרנעמען אין דער ריכטונג,

וועט די פארטיי אים מוזן אויסרייניקן פון אירע רייען, אין די אינטערעסן פון אונזער רעוואלוציאנערער ארבעט. די פארטיי איז שוין צו לאנג געווען געדולדיק מיט אזעלכע דיסאינטעגרירנדיקע מעטאדן.

איך גיי איבער צו דער פראגע וועגן חבר הארטפילד'ס אקטיוויטעט אין באפאלא. חבר הארטפילד האט דא איבערגעגעבן א דערקלערונג, אין וועלכער ער באשטעטיקט די ריכטיקייט פון אלע קלאגן וואס מיר האבן געגן אים געבראכט. וועגן וואס האנדלט זיך, אין דער פראגע פון חבר הארטפילד'ן? מיר האבן דא ניט צו טאן מיט קיין פאליטישער ניט־קלארקייט אדער פאליטישע אונטערשיידן. אין דער פראגע האבן מיר אן עכטן ביישפיל פון אומפרינציפיעלן פראקציאנאליזם. דאס איז דעמאראליזירנדיקע קארופטירטע ארבעט אין דער פארטיי, וואס איז ניט געבויט אף קיין שום פאליטישער מיינונג, נאר בלויז אף חבר הארטפילד'ס פארלאנג צו ווערן א וויכטיקע פיגור אין דער פארטיי. פאר דעם צוועק איז ער גרייט געווען צו מיסברויכן די פאזיציע וואס די פארטיי האט אים פארטרויט, און האט פרובירט שאפן צווייפלונגען צווישן די נייע חברים, און אפילו צווישן די אנפירנדיקע חברים פון דיסטריקט, אויב די פארטיי מיינט באמת ערנסט צו שטיצן איר אייגענע פראגראם אין דער נעגער־פראגע.

עס איז קלאר, אז מיר קאנען גלייך אפן ארט ניט זיין איבערצייגט אין דער ערנסטקייט פון חבר הארטפילד'ס דערקלערונג, אלנפאלס ניט אזוי שנעל ווי חבר הארטפילד האט געשריבן זיין דערקלערונג. עס איז קלאר, אז די מיטלען מיט וועלכע מיר קאנען באקעמפן אזא שעדלעכן סם ווי חבר הארטפילד האט אריינגעשלעפט אין אונזער באוועגונג, איז צו פארזיכערן אז אזא חבר זאל ניט קאנען פארנעמען קיין וויכטיקע פאזיציע אין דער באוועגונג, ביז וואנען ער וועט דורך פראקטישער ארבעט באווייזן, אז ער איז פייאיק צו טאן באלשעוויסטישע ארבעט.

איך גיי איבער צו נאך א פראגע וועגן באפאלא. דאס איז די פראגע, אויב די פראקציע פון דער „סטיל און מעטאל וואָרקערס יוניאן" האט געדארפט פארשלאגן א פאראייניקטן פראנט מיט דער יוניאן פון דע־ א. פ. או ל. אין די פאבריקן

פון באַפֿאַלאָ. חבר דזשאַנסאָן האָט אין זיין רעדע פֿאַר־טיידיקט די פֿאַלשע שטעלונג פון די חברים אין באַפֿאַלאָ, אַז אַזאַ פֿאָרשלאַג וואָלט געווען ניט ריכטיק, ווייל די א. פ. אָוו ל. יוניאָן האָט בלויז אַ קליינע גרופּע אַלטע פֿאַרהאַרטעוועטע רעאַקציאָנערן, וועמען עס איז ניט מעגלעך איבערצוגעווינען. מיר מוזן חבר דזשאַנסאָנ׳ען אָנווייזן, אַז זיין אַרגומענט צייגט אַז ער פֿאַרשטייט איינגאַנצן ניט די באַדייטונג פון אונזערע אַקציעס פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט. אונזערע פֿאָרשלאָגן פֿאַר אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט זיינען ניט געצילט צו געווינען די פֿאַרהאַרטעוועטע רעאַקציאָנערן און באַאַמטע פון די רעפֿאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס; אונזערע פֿאָרשלאָגן זיינען געווענדט צו די מאַסן אַרבעטער, ניט בלויז צו די אַרבעטער וועלכע געפֿינען זיך אין די רעפֿאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס, נאָך אויך צו די אַרבעטער וועלכע געפֿינען זיך אויסער די רעפֿאָרמיסטישע אָרגאַניזאַציעס, כדי זיי צו איבערצייגן אַז אויב עס איז דאָ אַ צעטיילונג אין די רייען פון די אַרבעטער, ווערט די צעטיילונג ניט געשאַפֿן פון די רעוואָלוציאָנערן; אָט־די צעטיילונג ווערט געשאַפֿן פון די רעאַקציאָנערן און די רעפֿאָרמיסטן. (אַפּלאָדיסמענטן.) נאָכמער, דער אַרגו־מענט באַווייזט אַ שמאָלן צוגאַנג צו דער פֿראַגע, וואָס באַ־גרענעצט זיך איינגאַנצן אַף דער ווירקונג פון דער טאַקטיק אין דעם באַשטימטן געגנט. די חברים פון יעדן געגנט דאַרפֿן אָבער שטענדיק געדיינקען, אַז זיי זיינען אַ טייל פון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער לאַגע. אַפילו בלויז פון דעם שטאַנד־פּונקט פון מיטגלידערשאַפֿט אין די א. פ. אָוו ל.־יוניאָנס, געפֿינען זיך אין דער שטאָל־אינדוסטריע ניט בלויז עטלעכע געציילטע פֿאַרהאַרטעוועטע רעאַקציאָנערן, נאָר אין איניקע וויכטיקע צווייגן פון דער שטאָל־אינדוסטריע געפֿינען זיך פון 20 ביז 30 טויזנט אַרבעטער. און טאָקע דערפֿאַר, וואָס אין באַפֿאַלאָ זיינען מיר אָרגאַניזאַציאָנעל שטאַרקער אין פֿאַרגלייך מיט די א. פ. אָוו ל.־יוניאָנס, צוליב דעם טאָקע, איז געווען פֿאַר אונז זייער נויטיק אין באַפֿאַלאָ, צוליב דער נאַציאָנאַלער ווירקונג וואָס דאָס וואָלט געהאַט, אַלס הילף פֿאַר די דיסטריקטן וואו מיר זיינען שוואַך, האָבן מיר דורכ־אויס געדאַרפֿט פֿאָרשלאָגן אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט מיט די א. פ. אָוו ל.־יוניאָנס. חבר דזשאַנסאָן דאַרף שטודירן די פֿראַגן מער פונדאַמענטאַל, כדי אויסצומיידן צו קומען צו שלוסן אַף דעם גרונט פון אויבערפֿלעכלעכע סימנים. מען

דאַרף שטודירן טיפער די פּראָבלעמען כדי צו פאַרשטיין זייער געניע באַדייטונג. אין באַצוג צו חבר דזשאַנסאָנ׳ס אַלגעמיינעם בייטראָג אין דער אַרבעט און צו דער דיסקוסיע באַ דער קאָנווענשאָן, מוזן מיר זאָגן אַז חבר דזשאַנסאָן דריקט אויס סיי די שטאַרקע און סיי די שוואַכע פּונקטן פון אונזערע נייע ווייסע און נעגערשע קאַדרען. עס פעלט די קענטשאַפט צו באַהערשן די באָלשעוויסטישע קונסט פון זעלבסט־קריטיק. אונזערע אַלע חברים מוזן שטודירן זעלבסט־קריטיק. ביז איצט האָט נאָך קיין איינער פון אונז זיך ניט גוט אויסגעלערנט אָט־די קונסט. מיר אַלע הויבן איצט אָן לערנען די וויכטיקע באַדייטונג פון זעלבסט־קריטיק, וואָס האָט קיין שייכות ניט מיט זיך אָדער יענעם אַרונטעררייסן; אין קעגנזאַץ, דאָס איז דער איינציקער קוואַל פון שטאַרקייט. זאָלן מיר פאַר אַ מאָמענט אַ טראַכט טאָן, ווי אַזוי חבר דזשאַנסאָן וואָלט געקאָנט פאַרצענפאַכן זיינע ווערטפולע פּאָזיטיווע בייטראָגן, זיי וואָלטן געקאָנט האָבן צען מאָל אַזוי פיל די ווערט, ווען ער וואָלט געבראַכט די בייטראַגן מיט אַ ביסל פונדאַמענטאַלער אונטערזוכונג וועגן זיינע אייגענע שוואַכקייטן און פעלערן. דאָס ווערט אַלץ געזאָגט כדי צו העלפן חבר דזשאַנסאָנ׳ען, כדי זיין אַרבעט פאַר דער פּאַרטיי זאָל פאַרשטאַרקט ווערן.

איצט וויל איך ריידן עטלעכע ווערטער וועגן געוויסע פראַגן, וועלכע זיינען געווען פאַרוויקלט אין דער גאַנצער דיסקוסיע איבער דער נעגער־פראַגע. אין דער דיסקוסיע אין דער נעגער־קאָמיסיע האָט אַ רעדנער פאָרגעשלאָגן די לאָזונג, ענלעך צו (איך געדיינק ניט גענוי די ווערטער) „לינטש די לינטשערס". איך האַלט, אַז ס׳איז פאַר אונז נויטיק אָנצוּ־ווייזן אַז אַזאַ פאָרשלאַג פירט אונז אין געפערלעכע פאַסטקעס פון דער בורזשואַזיע. אונזער קאַמף געגן לינטשינג, אונזער קאַמף געגן אַלע סאָרטן פון קאַפּיטאַליסטישן טעראָר, קאָנען מיר בלויז אָנפירן ניט מיט די קאַמפס־פאָרמען מיט וועלכע די בורזשואַזיע באַנוצט זיך; אַזעלכע פאָרמען זיינען בלויז שטאַרק ווען אונזערע שונאים באַנוצן זיך מיט זיי; נאָר מיר מוזן אָבער געפינען אונזערע אייגענע פּראָלעטאַרישע פאָרמען פון קאַמף — שטענדיק באַזירט אַף מאַסן־אַקציע. (אַפּלאָדיס־מענטן.) אונזער לאָזונג מוז זיין: קעגן די לינטשערס, די אַקציע פון פאַראייניקטן פראָנט פון ווייסע און נעגערשע

מאסן! צו צעשמעטערן דעם איינפלוס פון דער בורזשואזיע, פון די לינטשערס, מוזן מיר פארשטארקן אונזער אויפקלער־ארבעט צווישן די צוריקגעשטאנענע ווייסע מאסן פון דער סאוט, מיר דארפן זייער ברייט פאפולאריזירן די פראגראם פון קאמינטערן אין דער נאציאנאלער פראגע אין פארבינדונג מיטן קאמף פאר דער באפרייאונג פון די נעגערן. מיר מוזן שטענדיק פארזיכטיק אונטערשיידן זיך פון אונזערע שונאים, מיט אונזערע לאזונגען, רעדעס, און אלץ וואס מיר זאגן. ווען מיר טרעטן ארויס געגן דער רעגירונג פון דער בורזשואזיע, אין קאמף פאר מאכט, שטעלן מיר ניט ארויס דעם לאזונג „דיק־טאטור געגן דיקטאטור", נאר מיר רוקן פאראויס דעם לאזונג „פראלעטארישע דיקטאטור געגן דער דיקטאטור פון דער בורזשואזיע". מיר מוזן אלעמאל פארזיכטיק אונטערשיידן דעם קלאסן־אינהאלט און פארמע פון אונזער אקציע ווי זיי אונטערשיידן זיך פון די אטאקעס וואס די בורזשואזיע פירט דורך אף אונז.

נאך א כאראקטעריסטישע פראגע אין דער נעגער־דיסקוסיע, וועלכע איז שוין זייער גוט פארענטפערט געווארן פון חבר פארד'ן. איך וויל עס דא בארירן, כדי צו באטאנען א געדאנק, וואס אונזערע שונאים האבן אריינגעשמוגלט אין אונזער באוועגונג, אז מיר האבן איין פאליסי פאר די נעגערן פון די פאראייניקטע שטאטן, און א צווייטע פאר די וועסט־אינדישע נעגערן. וואס איז עס? עס איז קלאר, אז דער געדאנק פון דעם איז, אריינצופירן דעם נאציאנאליזם און די נאציאנאלע צעטיילונג אין אונזערע רייען. דאס איז אויס־דריקלעך דער זעלבער פאליטישער אינהאלט ווי אלע פארמען פון שאוויניזם. נאך אלעמען, וואס איז שאוויניזם, אריינגע־רעכנט דער ווייסער שאוויניזם, נאציאנאלער שאוויניזם, דער בורזשואזער נאציאנאליזם פון אן אונטערדריקטער נאציע? זיי אלע זיינען בלויז פארמען פון דער פאליטישער אידעא־לאגיע פון דער בורזשואזיע, פון אונזער קלאסן־שונא. אויב מיר זאלן דאס ניט באקעמפן, קאנען מיר פשוט ניט לעבן. אונזער פארטיי וואלט געליטן פון אן אומהיילבארער קראנק־הייט, אויב זי וואלט פאר איין מאמענט געגעבן די קלענסטע קאנצעסיע צו דער נאציאנאלער צעטיילונג צווישן די נעגערן, ווי צווישן די אמעריקאנער און וועסט־אינדישע. דאס איז דער זעלבער סארט שאוויניזם, וואס געפינט זיין אויסדרוק

אין דעם גיפטיקן סם וואס ווערט אלץ מער און מער פאר־
שפרייט אין אמעריקע — דעו אנטיסעמיטיזם. מיר מוזן
פארשטיין, אז די בורזשואזיע באנוצט זיך איצט סיסטע־
מאטיש מיט אלע סארטן שאוויניזם און פארפלאנצט זיי אין
יעדן ווינקעלע וואס זי קאן נאר דערגרייכן — נאציאנאליזם,
נאציאנאלע צעטיילונג צווישן די ארבעטער. דער ווייסער
שאוויניזם איז פאר אונז דער שארפסטער און געפערלעכ־
סטער, אבער פונקט דער זעלבער פאליטישער סם איז דער
אנטיסעמיטיזם, און אין אזעלכע געדאנקען ווי די צעטיילונג
פון די וועסט־אינדישע און אמעריקאנישע נעגערן. מיר זיינען
די פארטיי פון אינטערנאציאנאליזם, מיר זיינען קעגן אלע
פארמען פון שאוויניזם. (שטארקער אפלאוז.) מיר מוזן מיט
די רעוואלוציאנערע פאליטישע לאזונגען ענטפערן די אימ־
פעריאליסטישע שפאלטער פון די נעגער־רייען: פאר דער
זעלבסטשטענדיקייט פון וועסט־אינדיע! פאדערט אז די
ארמייען פון ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקע און אנדערע
אימפעריאליסטישע מלוכות זאלן זיך אפטראגן פון וועסט־
אינדיע און פון די אנדערע קאריביייאישע לענדער! פאר א
פאראייניקטן קאמפס־פראנט פון די וועסט־אינדישע און
אמעריקאנישע נעגערן אין דעם געמיינזאמען קאמף קעגן אימ־
פעריאליזם! פאר דער אפשאפונג פון אלע שקלאפן־טריטים!
פאר דער באפרייאונג פון די נעגערן פון דער גאנצער וועלט!

איך גיי איבער נאכאמאל צו א קורצער דערקלערונג וועגן
דער פראגע פון אונזערע אינטערנאציאנאלע אויפגאבן. אונ־
זער פארטיי איז אפילו אין איר צוזאמענשטעל אן אינטער־
נאציאנאלע פארטיי. אונזער פארטיי רופט זיך אפ זייער
שארף אפן אינטערנאציאנאלזם. דאס ווערט פארשנעלערט
דורך דעם פאקט, וואס עס איז זייער שווער פאר שאוויניסטי־
שע טענדענצן צו וואקסן אין א פארטיי וואס באשטייט פון
22 נאציאנאליטעטן. דאס מיינט אבער ניט, אז פון דער
נאטור זיינען מיר אין באלשעוויסטישן זין גוטע אינטער־
נאציאנאליסטן. דאס קומט קיינמאל ניט פון זיך אליין. כדי
צו דערגרייכן די שטופע פון באלשעוויזם מוז מען דאס בא־
וואוסטזיניק קולטיווירן. אונזער אינטערנאציאנאליזם דריקט
זיך אויס ניט בלויז אין רעזאלוציעס, רעדעס, א. אז. וו. מיר
האבן א סך ביישפילן פון קאמפן פון דירעקטן אינטערנאציא־
נאלן כאראקטער. מיר האבן ביישפילן, ווי די סטרייקס פון

אַמעריקאַנער שיף־אַרבעטער צו שטיצן די סטרייקנדיקע צוקער־אַרבעטער אין קובאַ; זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצולאָדן צוקער פֿון די שיפֿן. מיר האָבן די איצטיקע אָנהויבן אונזערע, כאָטש אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט, צו אָרגאַניזירן די מאַטעריעלע הילף פֿון אונזער פּאַרטיי פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד. פֿאַראײנס מוזן מיר זאָגן, אַז דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער איניציאַטיוו פֿון ניו־יאָרק אַלס בײַשפּיל פֿאַר דער גאַנצער פּאַרטיי צו אָרגאַניזירן אַ רײ גרויסע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס, כדי צו שאַפֿן געלט, וויפֿיל ס'איז נאָר מעגלעך, פֿאַר דער קאָמפּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד. די אַרבעט מוז דורכגעפֿירט ווערן ענערגישער אין אַלע דיסטריקטן. נאָכמער, מיר מוזן זאָגן אַז עס האָט זיך נאָך ניט אַנטוויקלט קיין צופֿרידנשטעלנדיקער אָפּרוף פֿון אונזער גאַנצער פּאַרטיי, פֿון אונטן אַרויף, דורכצופֿירן די מאָנאַטלעכע בײַשטײַערונג וואָס מיר האָבן זיך אונטערגענומען כדי צו העלפֿן דער קאָמפּאַרטיי פֿון דייטשלאַנד. אָט די בײַשטײַערונג, חברים, די קליינע לאַנגע רויטע מאַרקע וואָס מיר קלעפּן אַרויף יעדן מאָנאַט אויף אונזער פּאַרטיי־בוך — דאַרף זײַן אַ הייליקע זאַך, און יעדער איינער פֿון אונז דאַרף אָפּשעצן און זען אַז דאָס זאָל ווערן דורכגעפֿירט, און אַז יעדער סענט פֿון די געלט זאָל דערגרייכן צום צענטראַל־קאָמיטעט, און אָפּשעצן, און זען אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט זאָל שיקן מאָנאַטלעך יעדן סענט קיין דייטשלאַנד. (אַפּלאָדיסמענטן.) מיר האָבן דורכגעפֿירט אַקציעס צו שטיצן אונזערע העלדישן חברים אין רייכסטאַג־פֿײַער פּראָצעס. מיר האָבן דורכגעפֿירט מאַסן־אַקציעס אין אַמעריקע. מיר קאָנען זײַן שטאָלץ מיט דעם. מיר קאָנען ספּעציעל שטאָלצירן, וואָס אין דער פּראָטעסט־באַוועגונג געגן רייכסטאַג־פֿײַער פּראָצעס איז איינע פֿון די וויכטיקסטע אַרבעטן דורכגעפֿירט געוואָרן גראָדע פֿון די „צוריקגעשטאַנענע" שער־קראַפֿערס פֿון אַלאַבאַמאַ. (אַפּלאָדיסמענטן.) מיר האָבן דאָ דערהאַלטן אַ באַגריסונג־טעלעגראַמע פֿון באַלטימאָר, וואָס גיט איבער, אַז זייער פֿאָרמע פֿון באַגריסן די קאָנווענשאָן איז צו לאָזן וויסן, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט אַן אַנטי־מלחמה קאָמיטעט אויף אַ שיף אין באַלטימאָרער האַפֿן. דאָס זײַנען אייניקע בײַשפּילן פֿון דער פּאָזיטיווער זײַט פֿון אונזער אַרבעט. חברים, אויב מיר קאָנען דאָס אויפֿטאָן מיט אַזאַ שוואַכער און טיילווײַזער מאָביליזאַציע פֿון אונזערע כּחות, איז עס ניט קלאָר פֿאַר אונז,

אַז מיט אַ שטאַרקערן פאַרנעם וואָלטן מיר דערגרייכט גרע־סערע רעזולטאַטן? חברים, איז עס ניט קיין פאַרברעכן, וואָס מיר האָבן ניט אויסגענוצט אַזעלכע גרויסע מעגלעכקייטן וואָס ליגן אין אונזערע הענט? קאָנען מיר זיין צופרידן מיט דער קאַמפּאַניע וואָס מיר פירן איצט דורך פאַר טעלמאַנ׳ס באַפרייאונג? מיר קאָנען בשום אופן ניט זיין צופרידן מיט דעם. עס איז נאָך שוואַך. עס איז ניט גענוג ווירקזאַם. ביז איצט זיינען נאָך אַפילו אונזער׳ע אַלע פאַרטיי־חברים ניט באַוועגט געוואָרן. ווען מיר זאָלן ריכטיק אַנטוויקלען די באַ־וועגונג פאַר דער באַפרייאונג פון טעלמאַנ׳ען, וואָלט דאָס נאָך געווען פון אַ גרעסערער היסטאָרישער באַדייטונג ווי דער קאַמף וואָס האָט באַפרייט אונזערע חברים דימיטראָוו, פאָ־פּאָוו, טאָרגלער און טאַנעף.

איצט, דאַרפן מיר אָנווייזן אַז פון אַמעריקע ווערן טעגלעך אַרויסגעפירט אַלע סאָרטן מלחמה־מאַטעריאַלן קיין יאַפּאַן, פאַר אַ מלחמה געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און קיין קואָמינ־טאַן־כינע פאַר מלחמה קעגן דער כינעזישער סאָוועטישער רעפּובליק. וואָס טוען מיר וועגן דעם? מיר טוען אַ ביסל זשורנאַליסטישע אַרבעט, אַמאָל גוט, אַמאָל ניט אַזוי גוט, מיר האָבן נאָך אָבער ניט אַנטוויקלט קיין ערנסטע אַרבעט, ווי מאַסן־דעמאָנסטראַציעס צו פּראָטעסטירן געגן דעם עקס־פּאָרט פון געווער, אַקציעס פון שיף־אַרבעטער, אָפּצושטעלן אָנצולאָדן און פירן געווער. דאָס איז אונזער אויפגאַבע.

מיר העלפן אַ ביסל די קובאַנישע אַרבעטער און זייער פאַרטיי. שטעלט דאָס אָבער פאָר אַ גענוגענדע מאָביליזאַציע פון מאַסן־שטיצע פאַר די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין קובאַ? די פירער פון אונזער ברודער־פּאַרטיי אין די פיליפּינען גע־פינען זיך אין די טורמעס, אָדער פאַרשיקט אַף ווייטע אינזלען; זיי ווערן דאָרטן פאַרשיקט דירעקט פון דער אַמע־ריקאַנער רעגירונג, ווען עמנס פאַרטרעטער עס איז איצט דער געוועזענער „ליבעראַלער" מעיאָר מוירפי פון דעטראָיט, וועל־כער איז איצט גענעראַל־גובערנאַטאָר פון די פיליפּינען. מיר האָבן אָנגענומען עטלעכע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס, זיי איבער־געשיקט אין די פיליפּינען צו דערמאָנען די פאַרשיקטע חברים אַז אין אַמעריקע טראַכט איטיצער וועגן זיי. וואָס אָבער האָבן מיר געטאָן צו באַוועגן די מאַסן אין די פאַראייניקטע שטטאַן, אויסצודריקן אַ מעכטיקן פּראָטעסט, וואָס זאָל ציען

די אויפמערקזאַמקייט פון די הערשער אין וואַשינגטאָן און געווינען די באַפאַרייאונג פאַר חבר עוואַנגעלוסטאַ און די אַנדערע פירער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון די פיליפינען? מיר האָבן נאָך ניט גענוג געלערנט וועגן דער וויכטיקייט פון אַזעלכע זאַכן, וועלכע זיינען ניט בלויז די אויפגאַבן פאַר דער פיליפינישער פאַרטיי, נאָר זיינען אויך אונזערע אויפגאַבן, אויב מיר ווילן באמת פאַרווירקלעכן אונזער אַמביציע צו ווערן די באַלשעוויסטישע פאַרטיי אין אַמעריקע. דאָס איז דער גרונט פון דער גאַנצער זאַך. מיר האָבן נאָך ניט אין קיין גענוגענדער מאָס אַרויסגענומען די פראַגע פון אינטערנאַציאָנאַליזם פון אונזערע קאָנווענשאָס און רעזאָלוציעס, נאָך ניט גענוג עס אַריינגעבראַכט אין די יוניאָנס, שעפער, פאַבריקן, שאַכטן, נאַכבאַרשאַפטן, היימען — אַריינגעבראַכט אין ווירקלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן. מיר האָבן אונזער אינטערנאַציאָנאַליזם נאָך ניט פאַרוואַנדלט אין אַ באַזיץ פאַר די מאַסן, אַלס נויטיקן טייל פון זייער לעבן, פונקט ווי פאַר אונזער אינערלעכער פאַרטיי־ליניע.

ווען איך האָב באַהאַנדלט חבר זאַק׳ס אָפּנויגונגען האָב איך שוין גערעדט וועגן אונזער אַרבעט אין די א. פ. אָוו ל.־יוניאָנס. כדי אונטערצושטרייכן וויל איך דאָ באַמערקן נאָכאַמאָל. חברים, מיר דאַרפן נאָך דורכפירן די אויפגאַבע, צו מאַכן קלאָר פאַר אונזער גאַנצער פאַרטיי, אַז ביז וואַנען מיר וועלן זיך ניט נעמען צו ערנסטער, עקשנות׳דיקער אָרגאַניזירטער אַרבעט אינעווייניק, אין די א. פ. אָוו ל.־יוניאָנס, וועלן מיר ניט מאַכן קיין פאַרשריט אין קיין אַנדער פאַזע פון אונזער טרייד־יוניאָן אַרבעט און אין די פּאָליטישע הויפּט־אויפגאַבן פון אונזער פאַרטיי. דאָ און דאָרטן איז נאָך דאָ אַ ווידערשטאַנד אין די פאַרטיי־רייען. עס איז נאָך פאַראַן, אין דער אָדער יענער פאָרמע, חבר זאַק׳ס אידעאָלאָגיע. כדי צו קאָנען בייקומען אונזערע שוואַכקייטן מוזן מיר דאָס ליקווידירן. מיר דאַרפן אינדאָרסירן די פאָרשלאָגן צו דער קאָנווענשאָן פון אונזערע טוער אין די טרייד־יוניאָנס, אַלס די באַלדיקע אויפגאַבן.

1) פאַרשטאַרקן די עקזיסטירנדיקע א. פ. אָוו ל. רענק און פייל־קאָמיטעטן.

2) אַרגאַנזשירן קאָנפערענצן פון די לאָקאַלע יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל. פאַר דעם ביל פאַר אַרבעטסלאָזער פאַר־

זיכערונג, פאַר דעם רעכט צו סטרייקן, געגן געצוואונגענעם אַרביטראַזש, פאַר פרייע דיוס־סטעמפּס פאַר אַרבעטלאָזע, און פאַר דעמאָקראַטיע אין די יוניאָנס.

3) יעדער סעקשאָן דאַרף אויסקלייבן לאָקאַלע יוניאָנס און דאָרטן אויפבויען די פּאַרטיי־פראַקציע און בויען אַ ברייטע רענק און פייל אָפּאָזיציע, באַזירט אַף אַ רעוואָלוציאָנערער פּראָגראַם.

4) עסטאַבלירן נאַציאָנאַלע אינדוסטריעלע צענטערן אין פאָלגענדע אינדוסטריען: שאַכטן, מאַרין, נאָדל, פּיינטערס, קאַרפּענטערס, אָטאָמאָביל, קלינערס און דייערס, טעקסטיל, און מאַשיניסטן.

5) צו פאַרגרעסערן אין די קומענדע דריי חדשים די צירקולאַציע פון דעם „רענק און פייל פעדעריישאָניסט” פון 10 טויזנט ביז 25 טויזנט. (דער „רענק און פייל פעדעריישאָניסט” דאַרף ווערן אַ מאַסן־אָרגאַניזאַטאָר פון די רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע־גרופּעס אין די יוניאָנס פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.)

6) צו דערגרייכן די דערוויילונג פון אַמווייניקסטנס 10 דעלעגאַטן פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר; אַ העלפט פון די דעלעגאַטן דאַרפן קומען פון צענטראַלע קערפּערשאַפטן, די אַנדער העלפט פון פעדעראַלע לאָקאַלן.

7) צוגרייטן רעזאָלוציעס פאַר די סטייט און אינטערנעשאָנאַל קאָנווענשאָנס, וועלכע וועלן געהאַלטן ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט; דערוויילן דעלעגאַטן צו די קאָנווענשאָנס, וועלכע זאָלן אַרויסרוקן די רעק און פייל פּראָגראַם באַ די קאָנווענשאָנס.

8) די א. פ. אָוו ל. פראַקציע זאָל דורכפירן אַ טור איבער די שטאָל און מיין־געגנטן, כדי צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון אונזער אָפּאָזיציע.

9) אויפצובויען פראַקציעס און אָפּאָזיציעס אין די צענטראַלע יוניאָנס און קעמפן אין די וואַלן פאַר באַאמטע.

10) צוצוגרייטן אַ גרויסע רענק און פייל קאָנפערענץ, וואָס זאָל פאָרקומען אין סאַן פראַנציסקאָ אין דער זעלבער צייט ווען עס וועט פאָרקומען די 54טע קאָנווענשאָן פון דער א. פ. אָוו ל.

די פאָרשלאָגן דאַרפן ווערן אַ טייל פון די קאָנטראָל־

אויפֿגאַבן אין יעדן דיסטריקט. דער קאַמף קעגן פֿאַשיזם איז איצט אַ צענטראַלע אויפֿגאַבע. דער עקאָנאָמישער קאַמף איז דער הויפּט־געווער אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם. די עקאָנאָמישע קאַמפּן דאַרפֿן פֿאַרבונדן ווערן מיט דעם קאַמף צו פֿאַרזיכערן און אויסברייטערן די ציווילע רעכטן פֿון די אַרבעטער, דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירן, סטרייקן, פֿרייע רעדע, פֿרייע פּרעסע, א. אַז. וו. אויף דעם גרונט פֿון מאַסן־קאַמפּן און וואוקס פֿון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, מוזן מיר דערנענטערן צום אַרבעטער־קלאַס אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג וועלכע ליידן פֿון קריזיס, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו קעמפֿן קעגן פֿאַשיזם. אין דער אַגראַרישער קאָמיסיע האָבן מיר געהאַט אַן אויסגעצייכנטע דיסקוסיע וועגן דער וויכטיקער פּראָבלעם צו געווינען די נים־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וועלכע זיינען זייער וויכטיק, אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם. דאָס איז וויכטיק דאָ אונטערצושטרייכן, ווייל די קאָנווענשאָן האָט זיך נאָך ניט גענוי באַקענט מיט דער אַרבעט פֿון דער אַגראַרישער קאָמיסיע, דעריבער איז נויטיק אַז איך זאָל עס איצט באַטאָנען, אַזוי אַז יעדער חבר זאָל לייענען די דאָקומענטן פֿון דער אַרבעט. מיר מוזן קלאָר מאַכן, אַז אונזער אַרבעט צווישן די פֿאַרמערס איז ניט קיין מאָנאָפּאָל פֿון אונזערע ווערטפֿולע ספּעציאַליסטן אין דער אַגראַרישער אַרבעט. אונזער אַגראַר־דעפּאַרטמענט איז אַ נייע און וואַקסענדע קאַדרע און אַ ווערטפֿולער צוגאָב צו אונזער אַרמיי. מיר טאָרן אָבער פֿאַר זיי ניט איבערלאָזן די גאַנצע אַרבעט פֿון געווינען די פֿאַרמער־באַפֿעלקערונג. מיר אַנטזאַגן זיך זיי איבערצוגעבן דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם פֿעלד; מיר האַלטן, אַז די דיסטריקט־קאָמיטעטן, דיסטריקט־ביוראָס און דיסטריקט־אָרגאַניזערס האָבן ניט בלויז אַ רעכט צו אַרבעטן כּדי צו געווינען די פֿאַרמערס, נאָר דאָס איז זייער פֿליכט.

ווען מיר האַנדלען וועגן די נים־פּראָלעטאַרישע שיכטן וועלכן מיר מוזן אַריבערגעווינען, דאַרף מען אויך ריידן וועגן דער וויכטיקייט פֿון דער סטודענטן־באַוועגונג. אין דער יוגנט־רעזאָלוציע איז דאָס ניט דערמאָנט געוואָרן. דאָס איז אַ פֿאַרזעען, וואָס מוז אויסגעבעסערט ווערן דורך די אויטאָריזירטע רעדאַקציע־אַרבעטן פֿון דער קאָנווענשאָן. איך האָף, אַז די פֿראַגע וועט איינגעשלאָסן ווערן אין פֿאַרענדיקטן דאָקומענט.

אין מיין באַריכט האָב איך אַרויסגעבראַכט די פֿראַגע

פון די קומענדע עלעקשאָנס פאַרן קאָנגרעס. איך האַלט, אַז אין די וואַלן דאַרפן מיר זיך שטעלן די אויפגאַבע צו דערווײלן עטלעכע קאָמוניסטישע קאָנגרעסלייט. איך האָב ניט געהאַט די געלעגנהייט אויסצוהערן אַלע דעבאַטן פון דער קאָנווענשאָן, אַף וויפיל מיר איז אָבער באַקאַנט האָט נאָך קיינער ניט אָנגענומען קאָנקרעט דעם טשאַלענדזש. די קאַנאַדישע קאָמפּאַרטיי האָט אונז איבערגעגעבן וועגן עטלעכע דערפאָלגן אין די עלעקשאָנס. מיר קאָנען ניט באַריכטן וועגן אַזעלכע דערפאָלגן אין אַמעריקע, און אומגליקלעכערווייז האָבן מיר ניט קיין גענוג שטאַרקע אַמביציע אַף דעם געביט. מיר אונטערשאַצן נאָך אַלץ דעם ווערט פון רעוואָלוציאָנערן פאַרלאַמענטאַריזם. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען עס איז מעגלעך שנעל איבערצוגעווינען גרויסע מאַסן צו שטיצן די קאָמוניסטישע פאַרטיי, ספּעציעל אין די קאָנגרעס־וואַלן. אויב מיר וועלן אַרבעטן ריכטיק און פירן אַן ענערגישע קאָמפּאַניע, איז גאָרניט אוטאָפּיש צו טראַכטן וועגן דערווײלן אַ צאָל קאָמוניסטישע קאַנדידאַטן. אַן ענערגישע קאַמפּאַניע איז דער באַדינג פאַרן דערפאָלג. די אַרבעטער וועלן אונז ניט אַרומזוכן, ספּעציעל ווען זיי קאָנען אַפילו ניט געפינען אונזערע אָפיסעס; מיר מוזן גיין צו זיי. זיי קאָנען נאָך ניט אונזערע פירער. מיר דאַרפן זיי לאָזן וויסן, אַז די קאָמפּאַרטיי פירט אָן אַן עלעקשאָן־קאַמפּאַניע, ווער עס זיינען די קאַנדידאַטן, ווייזן די פנים׳ער פון די קאַנדידאַטן, צוגרייטן אַ קורצע זאַכלעכע וואַל־פּלאַטפאָרמע, מיט עטלעכע וויכטיקע הויפּט־פאָדערונגען, וועלכע דאַרפן זיין קלאָר פאַר אַלע וואָס ליידן פונם קריזיס.

נאָך חבר האַטאַוועי׳ס באַריכט וועגן אונזער אַרבעט צווישן דער יוגנט, בלייבט פאַר מיר גאָרניט צוצוגעבן. בלויז אַ וואָרט, כדי צו אונטערשטרייכן זיינע רייד, וועגן דער נויטיקייט פון דורכפירן די רעזאָלוציע אין דער פּראַקטיק. דאָס מוז ווערן אַ פּראַקטישע אויפגאַבע, וואָס מוז אויסגעאַרבעט ווערן אין קאָנקרעטע טערמינען, באַשטימען מענטשן פאַר געוויסע אַרבעטן וועלכע זאָלן דערגרייכט ווערן אין אַ באַשטימטער צייט; אָפּשעצן און קאָנטראָלירן, כדי צו פאַרזיכערן אַז די אַרבעט זאָל דורכגעפירט ווערן, און אויב ניט — זאָל זיין קלאָר, פאַרוואָס.

דאָס זעלבע איז מיט דער אַרבעט צווישן די פרויען. אונ־

זער אַרבעט צווישן די פּרויען ווערט ניט פאַרבעסערט מיט דעם, וואָס מיר מאַכן זיי קאָמפּלימענטן. מיר דאַרפן איצט טאָן ערנסטע און ענערגישע אַרבעט אין די פאַבריקן, טרייד־יוניאָנס, נאַכבאַרשאַפטן, וועגן די היוכע רענטן, אין די פּרויען־קאָונסילס; אַנטוויקלען קאַדרען און זיי אַרויסרוקן פאָראויס. אין דער אַרבעט דאַרפן מיר זען, אַז דעלעגאַטן זאָלן געשיקט ווערן פון אַמעריקע צו דעם פּרויען־קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען אין פאַריז סוף חודש יולי. דאָס זיינען ניט קיין אוממעגלעכע אויפגאַבן. מיר האָבן גענוג כחות עס צו דערגרייכן. ווען מיר וועלן דאָס דורכפירן, וועט דאָס זיין אַ גוטער אָנהויב אין אונזער פּרויען־אַרבעט.

וועגן עטלעכע אַלגעמיינע פּאַזן אין אונזערע אויפגאַבן צו באָלשעוויזירן אונזער פּאַרטיי: די דיסקוסיעס בײַ דער קאָנ־ווענשאָן האָבן אַרויסגעבראַכט די גוואַלדיקע וויכטיקייט צו דערהויבן דעם פּאָליטישן מצב פון אונזער פּאַרטיי. מיר דער־הויבן דעם פּאָליטישן מצב. דער מצב פון אונזער קאָנוועַנשאָן איז אַ סך אַ העכערער ווי בײַ וואָס פּאַראַ ניט איז פריערדיקן פּאַרטיי־צוזאַמענקונפט. מיר מוזן דאָס אַריינברייינגען אין לעבן פון אונזער פּאַרטיי און אין יעדן יוניט. די דערהויבונג פון פּאָליטישן מצב, דאָס באַהערשן די באָלשעוויסטישע טעאָריע און פּראַקטיק, קאָנקרעט, כדי צו קאָנען באַגעגענען די פּראָבלעמען פון אַרבעטער־קלאַס, איז דער איינציקער מעכ־טיקער געווער מיט וועלכן מיר קאָנען אויפראַמען אונזער הויז, און אַרויסקערן די רעשטלעך פון פּראַקציאָנאַליזם, אומ־פּרינציפּיעלקייט און די ביוראָקראַטיע פון אויבן און פון אונטן פון אונזער באַוועגונג. זעלבסט־קריטיק איז די געווער פאַר דעם. איך האָב שוין פריער געזאָגט, אַז מיר באַהערשן נאָך ניט דאָס געווער פון זעלבסט־קריטיק. דאָ מוז איך זאָגן, אַז די פּאָליט־ביוראָ און דער צענטראַל־קאָמיטעט איז נאָך זייער שוואַך צו קאָנען זעלבסט־קריטיש אַנאַליזירן זייער אַרבעט. מיר דאַרפן אַנטוויקלען ווירקזאַמע זעלבסט־קריטיק, און אַלס ביישפּיל פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי דאַרף דאָס אָנ־געהויבן ווערן פון אויבן.

אונזער נייער צענטראַל־קאָמיטעט מוז אַרבעטן אויף אַ העכערער שטופע, ווי דער אַלטער. יעדער מיטגליד פון צענט־ראַל־קאָמיטעט וואָס וועט דאָ דערוויילט ווערן, מוז פאַרשטיין אַז ער איז פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך דורכצופירן די באַ־

שלוסן פון דער קאָנווענשאָן, און דער צענטראַל־קאָמיטעט אַלס גאַנצער איז קאָלעקטיוו פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קאָלעקטיווער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט.

זינט דער זיבעטער קאָנווענשאָן איז אונזער פּאַרטיי געוואקסן סיי אין מיטגלידערשאַפט און סיי אין פּאָליטישן און טעאָרעטישן פאַרנעם. מיר ווערן אַלץ מער די אָנפירער פון קאַמפן. מיר האָבן געפירט דערפאָלגרייכע סטרייקס, די באַוועגונג פון אַרבעטלאָזע, אַקציעס און פאַרמערס, די באַוועגונג צווישן עלעמענטן פון מיטל־קלאַס. פאַר די לעצטע פיר יאָר, זינט דער זיבעטער קאָנוועגשאָן, האָבן מיר דורך די אַקטיוויטעטן שטאַרק פאַרגרעסערט אונזער באַגאַזש פון רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און פּראַקטיק. מיר האָבן געמאַכט אַ סך פעלערן, צוליב דעם ניט־גענוגנעדן פאַרשטיין פון די קלאַסן־פאַרהעלטענישן אין לאַנד און די באַדייטונג פון יעדן באַזונדערן קאַמף האָבן זיך בײַ אונז אַ טייל פון די טעות'ן איבערגע'חזר'ט צו צוויי און דריי מאָל. דער איינציקער וועג אויסצומיידן די טעות'ן איז אַ מער סיסטעמאַטישן צוגאַנג צום פּראָבלעם, צו באַהערשן די טעאָריע און פּראַקטיק פון מאַרקסיזם־לעניניזם, אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב און פון אַ גרעסערער צאָל קאַדרען. די גרעסטע צאָל פון די פּאַרטיי־מיטגלידער זיינען נייַ. לויט דעם באַריכט פון דעם קרעדענשעלס־קאָמיטעט זיינען 66 פון די דעלעגאַטן אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי נאָך דעם אָפענעם בריוו, זינט אונזער אויסעראָרנטלעכער פּאַרטיי־קאָנפערענץ. די מערהייט פון אונזערע פּאַרטיי־מיטגלידער זיינען ווייניקער פון צוויי יאָר אין דער פּאַרטיי.

מיט זייער אַריינטרעטן אין אונזער פּאַרטיי ווערן נאָך די אַרבעטער ניט קיין מאַרקסיסטן־לעניניסטן. זיי וועלן ווערן באָלשעוויקעס בלויז דאַן, ווען אונזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע וועט באַווירקן יעדן פּאַרטיי־חבר צו שטודירן די פראַגע אַלס אומאָפּטיילבאַר טייל פון זיין טעגלעכער מאַסן־אַרבעט. אויב פאַר יעדן מיטגליד וועט זיין קלאָר אַז ער מוז שטודירן די טעאָריע ניט בלויז צו פאַרגרעסערן זיין אינטעליגענץ, נאָר כדי צו פאַרהאַרטעווען זיין געווער פאַרן קאַמף, וואָס ער דאַרף נוצן יעדן טאָג, דאַן קאָנען מיר ניט בלויז לערנען אונזערע מיטגלידער, נאָר דורך דעם לערנען קאָנען מיר זיי אויך איינהאַלטן אין דער פּאַרטיי און שליכטן די פלוקטו־

אציע־פּראָבלעם און פאַרפּילפאַכן די ווירקונג פון דער פּאַרטיי צווישן די מאַסן.

כדי צו באַהערשן די באָלשעוויסטישע וויסנשאַפט מוזן מיר שטודירן. שטודירן איז נויטיק פאַרן לעבן פון אונזער פּאַרטיי. דורך די קאַמפּן וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט און געפירט האָב זיך אַנטוויקלט קאַדרען גוטע טוער. אין גע־וויינטלעכע פראַגן אין לעבן זיינען זיי פּראַקטישער און טויג־לעכער פון דער „אַלטער גוואַרדיע”. אָבער עפּעס פעלט זיי. אַ חוץ זייער אייגענער דערפאַרונג, זיינען זיי ניט באַזאָרגט געוואָרן מיט די ריזיקע אוצרות פון דערפאַרונג פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. מיט דעם דאַרפן מיר זיי באַזאָרגן. ווען מיר וועלן זיי דאָס איבער־געבן, וועל מיר באַזיצן די כחות מיט וועלכע די רעוואָלוציע אין אַמעריקע וועט דורכגעפירט ווערן.

צו פאַרגרעסערן די מאַסן־צירקולאַציע פון „דעילי וואָר־קער” איז פאַר אונז אַ באַלדיקע און וויכטיקע פּראַקטישע אויפגאַבע. יעדער דיסטריקט און סעקשאָן־קאָמיטעט מוז זיך שטעלן די אויפגאַבע צו פאַרגרעסערן די צירקולאַציע פון „דעילי וואָרקער”. ביזן סוף פון יאָר 1934 דאַרפן מיר דער־גרייכן אַ צירקולאַציע פון וויניקסטנס, צו זיי קאָנסערוואַ־טיוו, 75 טויזנט. דאָס מיינט עפּעס מער ווי פאַרצוויפאַכן די איצטיקע צירקולאַציע פון „דעילי וואָרקער”. קאָן דאָס דערגרייכט ווערן? איך בין זיכער, אז יאָ. איך בין זיכער, אז יעדער דיסטריקט־קאָמיטעט וועט צושטימען, אז דאָס קאָן געטאָן ווערן. מיר וועלן דאָס דערגרייכן, אויב מיר וועלן יער ערנסט אוועקשטעלן די פראַגע פאַר דער גאַנצער פּאַר־טיי. אויב מיר זיינען נאָר ערנסט צו אונזערע אויפגאַבן, וועלן מיר דאָס דערגרייכן. אויב ניט, האָט אונזער ריידן און שרייבן קיין שום ממשות ניט.

דאָס זעלבע איז וועגן פאַרגרעסערן די פּאַרטיי־מיט־גלידערשאַפט. וועט דאָס זיין צופיל ווען מיר זאָגן, אַז סוף פון יאָר 1934 זאָלן מיר האָבן 50 טויזנט מיטגלידער? אויב איר האַלט אַז דאָס איז צופיל, וועלן מיר מאַכן אַ קאָמ־פּראָמיס און זאָגן 40 טויזנט. אָבער אַמווייניקסטנס 40 טויזנט מיטגלידער מוז דערגרייכט ווערן ביזן סוף פון יאָר 1934.

די אויפגאבן פארן „דעילי וואָרקער" און מיטגלידער־שאַפט זיינען ניט קיין אויפגאַבן וואָס וועלן אונז אָפּרייסן פון די פּאַרטייאישע מאַסן־אַרבעט. דאָס וועט אונז ניט אָפּ־האַלטן פון די צוגרייטונגס־אַרבעט פאַרן ערשטן מאַי, אַז דאָס זאָל זיי דער גרעסטער קאַמפּס־טאָג וואָס איז ווען געזען געוואָרן אין אַמעריקע. אָן דעם „דעילי וואָרקער" וועלן מיר ניט קאָנען דורכפירן קיין דערפאָלגרייכן ערשטן מאַי, ספּע־ציעל איז וויכטיק די ספּעציעלע אויסגאַבע פאַרן ערשטן מאַי. איך האַלט, אַז דער ערשטער מאַי וועט זיין אַ טייל־ווייזער דורכפאַל אויב מיר וועלן אין דעם טאָג ניט רעקרוטירן אַ באַ־דייטנדיקע צאָל נייע מיטגלידער. דאָס זעלבע איז גילטיק פאַר די צוגרייטונגען פאַרן אַנטי־מלחמה טאָג, דעם ערשט אויגוסט.

בלויז אַ פּאָר ווערטער צו רעזומירן וועגן די שוואַכע און שטאַרקע זייטן פון אונזער קאָנווענשאָן, וועלכע זיינען אַן אויסדרוק פון גאַנצן פּאַרטיי־לעבן. די קאָנווענשאָן באַווייזט, אַז די פּאַרטיי איז געוואַקסן. דאָס איז זייער גוט. דאָס גיט אַלעמען אַ יום־טוב'דיקע שטימונג. אָבער וואָס הערט זיך וועגן דער פלוקטואַציע, און וועגן די הונדערטער טויזנטער וואָס מיר האָבן נאָך ניט דערגרייכט, און מיר מאַכן אפילו ניט קיין ערנסטע פאַרזוכן זיי צו דערגרייכן? די קאָנווענ־שאָן באַווייזט ניט קיין גענוגענדע גרייטקייט בייצוקומען די שוואַכקייטן. אויב די ציפערן וועגן אונזער וואוקס פאַרשאַפן דעם געפיל פון זעלבסט־צופרידנהייט, וואָלט געוועזן בעסער אַז מען זאָל גאָרניט ריידן וועגן דעם.

די קאָנווענשאָן באַווייזט, אַז די פּאַרטיי פירט קאַמפּן אומעטום. גוט! דאָס איז די שטאַרקע זייט פון אונזער פּאַרטיי. זי איז אַ קאַמפּס־פּאַרטיי, זי געפינט זיך אין די טאָג־טעגלעכע קאַמפּן. אָבער די קאָנווענשאָן ווייזט אויך אָן, אַז עס זיינען דאָ וויכטיקע ערטער וואו די אַרבעטער־קאַמפּן, וואו די סטרייק־באַוועגונג וואַקסט און מיר זיינען דאָרטן ניטאָ, און אויב יאָ, זיינען מיר אַזוי שוואַך, אַז מיר קאָנען ניט פאָרמירן די איבערוועגנדיקע קראַפט צו העלפן דעם אַרבעטער־קלאַס, דורכצוברעכן די קאַפּיטאַליסטישע כחות, וועלכע שטרענגען זיך אָן צו דערשטיקן די קאַמפּן. דאָס איז די שוואַכע זייט פון אונזער פּאַרטיי בא דער קאָנווענשאָן. פאַרוואָס האָבן מיר זיך ניט געקאָנט שטעלן אין שפּיץ פון די

200 טויזנט אָטאָמאָביל אַרבעטער, וועלכע ברענגען מיטן פאַרלאַנג צו קעמפן? אין דעם ליגט אונזער שוואַכקייט. די פּראָבלעם האָבן מיר נאָך ניט געלייזט. דאָס וואָס איז גילטיק פאַר די אָטאָמאָביל־אַרבעטער איז אויך גילטיק פאַר אַנדערע וויכטיקע פּונקטן. איינע פון די שטאַרקע זייטן פון אונזער קאָנווענשאָן איז די פאַרבעסערונג פון דעם באַשטאַנד פון אונזער פּאַרטיי אַלס רעזולטאַט פון קאָנצענטראַציע, פירערשאַפט אין קאַמפן, אַריינדרינגען אין די פאַבריקן, פון אונזער אָנהויב צו אַרבעטן אין די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס, פון בויען די מיליטאַנטע טרייד־יוניאָנס, פון דער אַרבעט צווישן די נעגערן, א. אַז. וו..

אָבער דאָס באַווייזט אויך, אַז מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן ערנסט אַרבעטן. אין אַ סך געגנטן האָבן מיר נאָך ניט קיין איין וויכטיקע פאַבריק, וועלכע מיר זאָלן קאָנען באַטראַכטן אַלס אונזער פעסטונג. רעדנדיק וועגן אונזער פאַרטיי אַלס די פירערין פון די קאַמפן מיט די פאַרבעסערטע קאַדרען, מוזן מיר אין דער זעלבער צייט זאָגן אַז אונזערע דיסקוסיעס באַ דער קאָנווענשאָן זיינען נאָך אַלץ בלויז באַריכטן פון די קאַמפן. מיר האָבן זיך נאָך ניט גענוג אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די גוטע און שלעכטע לעקציעס פון די קאַמפן. מיר ציען ניט גענוג אונטער דעם סך הכל פון די קאַמפן, כדי צו פאָרמולירן דירעקטיוון וועלכע זאָלן פאַרבעסערן אונזער אַרבעט, און דירעקטיוון פאַר די מאַסן, ווי אַזוי זיי קאָנען ווירקזאַמער געווינען זייערע קאַמפן. די פאַרטיי האָט אַ ריכטיקע ליניע פאַרן קאַמף געגן סאָציאַל־פאַשיזם פון אַלע סאָרטן. דאָס איז זייער גוט. מיר דאַרפן מיט דעם זיין צופרידן. אין די מאַסן־קאַמפן וואָס מיר פירן האָבן מיר נאָך ניט באַוויזן צו פירן אַ ביטערן, עקשנות'דיקן קאַמף געגן די קאָנקרעטע פיינטלעכע אידעאָלאָגישע מאַניפעסטאַציעס. מיר קאָנען נאָך אויסרעכענען אַ לאַנגן צעטל וועגן אונזערע שטאַרקע און שוואַכע פונקטן. און מיר מוזן דאָס טאָן. מיר מוזן שטענדיק פאָרזעצן צו עקזאַמינירן אַליין אונזער אַרבעט. מיר מוזן אויסגעפינען און אויסבעסערן יעדן שוואַכן פּונקט.

צו האָבן בלויז אַ קאָנקרעטע פּאַרטיי־ליניע איז נאָך ניט גענוג. וועגן דעם פּונקט וועל איך בעסער לייענען וואָס חבר סטאַלין האָט געזאָגט אין דער פראַגע באַם זיבעצענטן קאָנגרעס פון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי. חבר סטאַלינ'ס

ווערטער אין דער פראַגע מוזן ווערן אַן אָנווייזונג פאַר אונזער טעגלעכער אַרבעט. זיי גילטן פאַר אונזער פּונקט אַזוי גוט, ווי זיי גילטן פאַר די באָלשעוויקעס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. חבר סטאַלין האָט געזאָגט:

„געוויסע מענטשן האַלטן, אַז עס איז גענוג אָנצוצייכענען אַ ריכטיקע פּאַרטיי־ליניע, איר פּראָקלאַמירן מיט אַ גרויסן טומל, און איר אויסאַרבעטן אין אַלגעמיינע טעזיסן און רעזאָלוציעס און עס אָננעמען איינשטימיק — דאַן וועט שוין דער זיג קומען פון זיך אַליין — אויטאָמאַטיש. דאָס איז פאַלש. די וואָס האַלטן אַזוי לעבן אין טעות. אַזוי קאָנען בלויז טראַכטן פאַרהאַרטעוועטע ביוראָקראַטן און אָפּיס־מייז. די אַלע דערפאָלגן און זיגן זיינען ניט דערגרייכט געוואָרן אויטאָמאַטיש, נאָר בלויז דורך אַ שאַרפן קאַמף דורכצופירן אין לעבן די ליניע פון דער פּאַרטיי. דער זיג קומט קיינמאָל ניט פון זיך אַליין. מען דאַרף אים אַריינשלעפּן מיט די הענט. גוטע רעזאָלוציעס און דעקלאַראַציעס פאַר דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־ליניע זיינען בלויז אַן אָנהויב. זיי שטעלן מיט זיך בלויז פאַר דעם פאַרלאַנג צו געווינען, אָבער דאָס איז ניט דער זיג. נאָכדעם ווי די ריכטיקע ליניע ווערט אויסגעאַרבעט, נאָכדעם ווי עס איז געפונען געוואָרן דער וויכטיקער וועג צו שליכטן די פּראָבלעמען, הייננגט אָפּ דער דערפאָלג פון דעם שטייגער ווי אַזוי די אַרבעט ווערט אָרגאַניזירט, פון אָרגאַניזירן דעם קאַמף דורכצופירן די פּאַרטיי־ליניע, פון דעם געהעריקן אָפּקלייב פון אַרבעטער פאַר דער אָנפירונג אויסצופירן די באַשלוסן פון די פירנדיקע אָרגאַנען. אָן דעם איז די ריכטיקע פּאַרטיי־ליניע אין גרויסער געפאַר פאַרקריפּלט צו ווערן. נאָכמער, נאָכדעם ווי די פּאָליטישע ליניע איז נעגעבן געוואָרן, ווערט דער דערפאָלג און דורכפאַל פון אַלץ, אויך פון דער פּאָליטישע ליניע, באַשטימט דורך דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט."

חברים, דאָס מוז אויך זיין דער שליסל־פּונקט פון אונזער קאָנווענשאָן. דאָס מוז זיין אונזער פירנדער געדאַנק אין אונזער גאַנצער פּאַרטיי־אַרבעט, אין אַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן דעם אָנהויב פון דעם גייסט אין אונזער פּאַרטיי. נעכטן האָב איך דערהאַלטן אַ רעזאָלוציע פון אַ

שאַפּ־נוקלעאוס וועגן וועלכן איך האָב דאָ גערעדט, וואָס קאָן אונז דינען אַלס ביישפּיל. די רעזאָלוציע דערציילט, אַז דער שאַפּ־נוקלעאוס האָט דיסקוטירט דעם פאַקט וואָס די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן האָט עקזאַמינירט די אַרבעט פון דעם נוקלעאוס. דער נוקלעאוס דערקלערט, אַז דאָס האָט בײַ זיי געשאַפן אַ געפיל פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דערווײַ בער זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און אויסגעאַרבעט קאָנטראָל־אויפגאַבן פאַר די קומענדיקע דריי מאָנאַטן. זיי נעמען זיך אונטער צו פאַרגרעסערן דעם שאַפּ־נוקלעאוס מיט אַזוי פיל נייע מיטגלידער, פאַרגרעסערן די צירקולאַציע פון „דעילי וואָרקער" מיט אַזוי פיל, א. אַז. וו. אָט אַזוי דאַרף מען דורכפירן די ליניע לויט חבר סטאַלינ'ס רעדע, וואָס איך האָב דאָ איצט געלייענט. (אַפּלאָדיסמענטן.)

חברים, איך האַלט, אַז איך האָב שוין גערעדט גענוג. די אַרבעט פון דער קאָנווענשאָן האָט באַוויזן, אַז אונזער פאַרטיי איז שטאַרקער ווי פריער. מיר האָבן אַ פאַרטיי וואָס פאַרמאָגט כחות וועלכע קאָנען אין אַמעריקע דערגרייכן גרויסע זאַכן. עס איז ניט די שולד פון אונזערע כחות פאַרוואָס מיר האָבן שוין ביז איצט דאָס ניט דערגרייכט; דאָס איז ווייל מיר זיינען נאָך אַלץ שלעכט אָרגאַניזירט, און ווייל מיר, די פירער פון דער פאַרטיי, זיינען נאָך ניט פון דעם סאָרט פירער וואָס מיר מוזן ווערן. די קאָנווענשאָן האָט אַנטפּלעקט כחות, וועלכע מיר מוזן ריכטיק באַנוצן דורכצופירן בעסערע און מער טאָג־טעגלעכע אַרבעט צווישן די מאַסן, קאָלעקטיוו אָרגאַניזירט, קאָלעקטיווע קריטיק, קאָלעקטיוו אָפּשעצן און פאַרשטאַרקן אונזער אָרגאַניזאַציע, צעמענטירן איר איינײַקייט, קעמפן קעגן און פאַרמיידן יעדן אָפּנויג, דערהויבן דעם טעאָרעטישן מצב פון דער פאַרטיי, זיין אומעטום און שטענדיק אין פראָנט פון די קאַמפן פון די מאַסן. אויב מיר וועלן דאָס טאָן, אויב מיר וועלן זיך באַנוצן מיט די גרויסע מעגלעכקייטן וועלכע זיינען פאַר אונז אַנטפּלעקט געוואָרן בײַ דער קאָנווענשאָן, דאַן, חברים, וועלן מיר אין אַ קורצער צייט ווערן אַ מאַסן־פאַרטיי אין אַמעריקע. מיר וועלן פירן ערנסטע קלאַסן־שלאַכטן דאָ אין לאַנד; מיר וועלן טשאַלענדזשן די מאַכט פון אַמעריקאַנישן אימפּעריאַליזם; מיר וועלן ערנסט צוגרייטן די אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַר זייערע רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן. (לאַנג־דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.)

בראָשורן צום 10טן יאָרצייט פון חבר לענין

•

י. א. גינדין—דעראינערונגען וועגן וולאַדימיר איליטש'ן — — — — — — — — — — — .10

ג. מ. קריזשאַנאָווסקי—וולאַדימיר איליטש (156 זייטן) — — — — — — — — — — — .25

א. סטעצקי—אין קאַמף פאַר דער לענינשער טעאָריע (80 זייטן) — — — — — — — — — — — .10

סערגעי מאַלישעוו—באַגעגענישן מיט לענינען (72 זייטן) — — — — — — — — — — — — — .10

באַריכטן צו דעם 17טן קאָנגרעס פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

יא. ע. רודזוטאַק—וועגן דער אַרבעט פון צ. ק. ק., א. פּ. אי. (צענטראַל קאָנטראָל קאָמיסיע, אַרבעטער פּויערים אינספּעקציע) 100 זייטן — — — .05

א. מיקאָיאַן—פאַרן סאָוועטישן האַנדל פאַר פאַרבעסערן די אַרבעטער באַזאָרגונג (34 זייטן) — — .03

ס. אָרדזשאָניקידזע—לאָמיר פאַרענדיקן די רעקאָנסטרוקציע פון דער גאַנצער פאָלק-ווירטשאַפט (46 זייטן) — — — — — — — — — — — — .03

וו. מאָלאָטאָוו—די אויפגאַבעס פונם צווייטן פינפיאָר (152 זייטן) — — — — — — — — — — .15

בראָשורן פון די באַריכטן צום 13טן פּלענום פון עקז. קאָמ. פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל

אָקאָנאָ—דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין יאַפּאַן (40 זייטן) — — — .03

וו. קנאָרין—פאַשיזם, סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און קאָמוניסטן (50 זייטן) — — — — — — — — .05

ווי ... א סאוועטישן

.1'

ISBN:0-657-04881-X